STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02133

DI BROKHE FUN DER ERD

Knut Hamsun

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קנוט האַמסון

די ברכה פון דער ערד

יידיש ש. שניידער

צווייטער טייל

Printed in Poland

פארלאג „קולטור־ליגע“, ווארשע.

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן
:: :: :: װאַרשע 1925 :: :: ::

דרוקערײ „סטערעאָטיפּ“ װאַרשע, באָניפראַטען 11

Knut Hamsun :: :: :: ::
:: :: :: Błogosławienstwo Ziemi

Wyd. „Kultur-Liga“ Warszawa 1925.

Zakład Graf. „Stereotyp“ Warszawa
:: :: Bonifraterska 11. :: ::

צווייטער טייל

ז

סעלאַנראַא איז שוין נישט מער קיין עלנט אָרט אין דער וויסטע־ניש; עס לעבן דאָ — זיבן נפשות, גרויס און קליין. און אינם קורצן משך, וואָס דער היי־שניט האָט געדויערט, פלעגן נאָך אַרויפקומען פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אָנקוקן די שנייד־מאַשין. ברעד אָלסען איז, פאַרשטייט זיך, געקומען דער ערשטער; אָבער אַקסל שטרעם איז איז אויך געקומען, און אַנדערע שכנים פון נידעריקער אַראָפּ — ביז צום סאַמע דאָרף־צו. און פון יענער זייט בערג איז אַראָפּגעקומען אָלינאַ, די אומפאַרמיידלעכע אָלינאַ.

דאָס מאָל האָט זי אויך געבראַכט נייעס מיט זיך פון איר דאָרף; ליידיק קומט זי קיינמאָל נישט. דעם אַלטן סיווערטס געשעפטן זענען שוין איבערגערעכנט, די חשבונות אונטערגעצויגן, און פון זיין פאַרמעגן האָט זיך אויסגעלאָזט גאָרנישט! גאָר גאָרנישט!

דאָ האָט אָלינאַ פאַרביסן די ליפּן און געקוקט פון איינעם אויפן צווייטן. וואָס, קיינער זיפצט נישט, דער דאָך פאַלט נישט איין? אַלישע האָט דער ערשטער אַ שמייכל געטון.

— לאָמיר נאָר זען — דו הייסט דאָך נאָכן פעטער סיווערט, דאַכט זיך, האַ? — האָט ער תמעוואַטע געפרעגט.

— און דער קלײנער סיווערט האָט פּונקט אַזוי תּמעוואַטע געענטפערט:

— יאָ. אָבער איך האָב דאָך דיר אַוועקגעשענקט מײַן גאַנצע ירושה.

— און וויפיל האָט זי באַטראָפן?

— צווישן פינף און צען טויזנט.

— טאָלערס? — האָט אלישע אויסגערופן, נאָכמאַכנדיק זײַן ברודער.

אָלינאַ האָט געוויס געהאַלטן, אַז די לצנות איז גאָר נישט אויפן אָרט. — אָ, זי איז אַליין אויך מיאוס אָפּגענאַרט געוואָרן. און זי האָט דאָך אַזוי האַרציק אויסגעפּרעסט פון זיך טרערן איבערן אַלטן סיווערטס קבר. אלישע דאַרף דאָך געדענקען בעסער פון אַלעמען, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן — אַזוי פיל און אַזוי פיל אָלינאַן, ס׳זאָל איר זײַן אַ טרייסט און שטיצע אויף איר עלטער. וואו איז די שטיצע אַהינגעקומען? אַ פּוסטער חלום!

אָרימע אָלינאַ, וואָלט זי כאָטש עפּעס געירשנט — וואָלט דאָס געווען דער אײנציקער ליכטיקער שטראַל אין איר לעבן! אָלינאַ איז נישט געווען געבענטשט מיט מזל. פון תּמיד אָן געוואוינט זיך דורכצושלאָגן מיט שפּיצלעך און קלײנע געמײנהײטן; שטאַרק נאָר אַלס רכילותניצע מיט אַ צונג, פאַר וועלכער מ׳האָט זיך געדאַרפט גוט היטן; יאָ, אַזוי. קײן זאַך האָט זי שוין נישט געקאָנט מאַכן ערגער, ווי זי איז; די ירושה אוודאי נישט. זי האָט איר גאַנץ לעבן געהאָרעוועט, געבוירן קינדער און זײ דערצויגן אויף איר שטײגער; פאַר זײ געבעטלט, אפשר געגנבעט, אָבער שטענדיק זײ באַזאָרגט ווי נישט איז — אַ מוטער אויף איר אָרימען שטײגער. זי איז געווען געשיקט נישט ווייניקער פון אַנדערע וועלט-חכמים; זי האָט גערעדט פאַר זיך און פאַר די, וואָס זענען אָנגעוויזן אויף איר, צוגעפּאַסט אירע רײד צום מאָמענט און דערגרייכט איר ציל, באַקומענדיק דאָ אַ קעזל, דאָרט אַ בינטל וואָל; און אַזוי וועט זי אָפּלעבן אירע יאָרן און שטאַרבן מיט אירע שטענדיקע פאַלשע המצאהלעך. אָלינאַ — אפשר האָט דעם אַלטער סיווערט אויף אַ רגע זיך דערמאָנט, ווי זי איז געווען אַמאָל אַ יונג שײן מײדל, מיט רויטע באַקן. אָבער איצט איז זי אַלט, מיאוס, אַ חורבה; ליבער וואָלט זי שוין גע-

שטאַרבן. וואו וועט מען זי מקבר זיין? זי האָט נישט קיין אייגן ווינקל, מען וועט זי באַגראָבן מסתמא ערגעץ אויף אַ בית עולם צווישן הוילע פרעמדע און אומבאַקאַנטע; — אַלינאַ, געבוירן און געשטאָרבן. זי איז אויך געווען יונג אַמאָל. אַ ירושה פאַר איר, איצט, אויף דער עלטער! אַט דער איינציקער ליכטיקער שטראַל. און די הענט פון דער האָרעפּאַשניצע וואָלטן זיך אויף אַ רגע געקאָנט אָפּרוען. עס וואָלט געווען פאַר איר כאָטש דער לעצטער שכר, דערפאַר וואָס זי האָט תמיד געבעטלט פאַר אירע קינדער, אפשר געגנבעט פאַר זיי, אָבער שטענדיק זיי באַזאָרגט ווי נישט איז. אַ רגע — און די פינסטערניש וואָלט זיך ווידער אומגעקערט, ווי געווען; אירע אויגן וואָלטן געגליט, אירע פינגער וואָלטן גיריק געזוכט: — וויפיל? וואָלט זי געזאָגט. וואָס, נישט מער? וואָלט זי געזאָגט. און זי וואָלט ווידער געווען גערעכט. אַ מוטער פון עטלעכע קינדער, ווייסט זי דעם ווערט פון לעבן — ס'איז ווערט אַ גרויסן שכר.

נאָר אַלץ האָט זיך אויסגעדרייט אַנדערש. דעם אַלטן סיווערטס חשבונות זענען געווען שטאַרק פאַרדרייט, בשעת אַלישע האָט זיי דורכגעזען. נאָר די פערמע און די קו, די פישעריי און די נעצן האָבן קוים געקלעקט צו דעקן דעם דעפיציט. און ס'איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, נאָר אַ דאַנק אַלינאַן, וואָס די זאַך איז נישט באַשטאַנען נאָך ערגער; זי האָט אַזוי אויסגעקוקט אויף איר חלק ירושה, אַז זי האָט אויסגעגראָבן אַלטע פאַרגעסענע חובות, וואָס נאָר זי, אַלס רכילותניצע, האָט געוואוסט פון זיי, אָדער פאַרשוויגענע ענינים, וואָס אַלישע האָט בכיוון דערזען, שאַנעוועדיק חשובע דאָרפס-באַלעבאַטים. אָ, די אַלינאַ! זי האָט אַפילו נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט קעגן דעם אַלטן סיווערט; געוויס, ער האָט זיין צוואה געמאַכט פון גוטן האַרצן, און ס'וואָלט געווען געבליבן גענוג נאָך אים, נאָר די צוויי לייט, וואָס דער באַצירק-אַמט האָט אַראָפּגעשיקט אויסצוגלייכן דעם עסק, האָבן זיי באַשווינדלט. נאָר אַלץ וועט אָנקומען צו גאָטס אויערן! האָט אַלינאַ געדראָט.

מאָדנע, זי האָט נישט געזען קיין שום לעכערלעכס אינם פאַקט, וואָס זי איז דערמאָנט אין דער צוואה; נאָך אַלעמען, איז עס געווען אַ כבוד פאַר איר; קיינער מער פון דער גאַנצער משפחה איז דאָרטן נישט דערמאָנט.

אין סעלאַנראַאַ האָט מען די נייעס אויפגענומען גאַנץ רויק; ס׳איז פאַר זיי נישט געווען אין גאַנצן אומגעריכט. אמת, אינגער האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין — דער פעטער סיווערט, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי רייך!...

— ער וואָלט געקאָנט קומען אַן ערלעכער און רייכער מאַן נאָר גאָס געריכטן משפט, — האָט אַלינאַ געזאָגט, — ווען זיי וואָלטן אים נישט געווען באַרויבט.

יצחק איז געשטאַנען גרייט אַוועקצוגיין אויפן פעלד, און אַלינאַ האָט געזאָגט: — אַ שאָד, וואָס דו דאַרפסט אַוועקגיין, יצחק; וועל איך שוין נישט קאָנען זען די נייע מאַשין. דו האָסט אַ נייע מאַשין, זאָגט מען?

— יאָ.

— יאָ, מ׳רעדט וועגן איר אַ סך, ווי זי שניידט שנעלער פאַר הונדערט קאָסעס מיט אַמאָל. וואָס האָסטו נישט אַלץ, מיט דיין גאַנצן האָב און גוטס! דער גלח ביי אונז האָט געקויפט אַ נייע סאָכע מיט צוויי הענטלעך, נאָר וואָס איז ער אין פאַרגלייך מיט דיר! איכ׳ל אים זאָגן גלייך אין פנים.

— סיווערט וועט דיר ווייזן די נייע מאַשין; ער אַרבעט מיט איר שוין בעסער פון מיר, — האָט יצחק געזאָגט און אַרויסגעגאַנגען.

יצחק איז אַוועק. אַ ליציטאַציע דאַרף פאַרקומען דעם אין דער פריי אין ברייאדאַבליק, און ער גייט אַהין; נישט ווייל ער טראַכט ווידער וועגן קויפן דאָס אָרט, נאָר ס׳איז די ערשטע ליציטאַציע דאָ אין געגנט — און ער וויל זיין דערביי.

ער איז שוין לעבן מאַאַנעלאַנד אין דערזעט באַרבראָן, און ער וואָלט פאַרבייגעגאַנגען בלויז מיט אַ באַגריסונג, נאָר באַרבראַ שטעלט אים אָפּ און פרעגט אים, צי ער גייט אַראָפּ. „יאָ", — זאָגט יצחק, גרייט צו גיין ווייטער. ס׳איז איר היים, וואָס ווערט פאַרקויפט, און מחמת דעם ענטפערט ער אַזוי קורץ.

— איר גייט צום אויספאַרקויף? — פרעגט זי.

— צום אויספאַרקויף? איך גיי זיך אַזוי. וואו איז אַקסל?

— אַקסל? איך ווייס נישט. ער איז אויך אַוועק צום אויספאַרקויף. ער וויל אויך קויפן מציאות.

ווי דיק זי איז איצט באַרבראַ און ווי בייסיק און פאַרבי־טערט!

דער אויספאַרקויף האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען; יצחק הערט דעם לענסמאַנד אויסרופן די געבאָטענע פרייזן און זעט אַן עולם מיט מענטשן. נישט אַלעמען קען ער. פאַרהאַן אויך פון אַנדערע דערפער; ברעד שמייעט אַרום אין זיינע יום־טובדיקע מלבושים און פּלוידערט ווי געוויינט־לעך. — גוט מאָרגן, יצחק, טוט איר מיר אָן דעם כבוד און קומט זען מיין ליציטאַציע. אַ דאַנק, אַ דאַנק. יאָ, מיר זענען געווען שכנים און פריינט די אַלע יאָרן דאָ, און קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט אויס־געררעדט צווישן זיך. — ברעד איז געוואָרן פּאַטעטיש. — יאָ, ס׳טוט ווי צו פאַרלאָזן אַן אָרט, וואו דו האָסט געלעבט און געהאָרעוועט און עס ליב באַקומען. נאָר וואָס קאָן אַ מענטש טון, ווען זיין מזל איז אַזאַ?

— אפשר וועט אייך איצט בעסער ווערן נאָך דעם, — זאָגט יצחק טרייסטנדיק.

— יאָ, — זאָגט ברעד זיך אָנכאַפּנדיק, — דאָס אמת זאָגנדיק, דענק איך אויך אַזוי. עס טוט מיר נישט באַנג גאָר נישט, כ׳האָב דאָ קיין האַניק נישט געלעקט! איצט וועט עס ווערן בעסער, די קינדער ווערן עלטער און פאַרלאָזן די נעסט. — יאָ, ס׳איז אמת, אַז מיין ווייב טראָגט נאָך איינס, נאָר... און פּלוצים זאָגט ברעד גלייך אויס זיין נייעס: — איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין אַמט ביים טעלעגראַף.

— וואָס? — פרעגט יצחק.

— כ׳האָב מיך אָפּגעזאָגט.

— אָפּגעזאָגט?

— יאָ, פון ניי־יאָר אָן. וואָס האָט ער מיר דען געטראָגן? און אַז איכ׳ל זיין פאַרנומען מיט עפּעס, מיטן אָנטרייבן פאַרן לענסמאַנד אָדער פאַרן דאָקטאָר, און דאָ אין זינען האָבן דעם טעלעגראַף — ניין, דאָס איז נישט קיין פּלאַן. ס׳איז גוט פאַר די, וואָס האָבן פרייע צייט, און יאָגן זיך איבער באַרג און טאָל נאָך אַ טעלעגראַף־דראָט פאַר אַזעל־כע נישטיקע שכירות, איז נישט קיין עסק פאַר ברעדן. און חוץ דעם

האָב איך זיך צעקריגט מיטן פאַרוואַלטער, וואָס האָט צו שאַפן איי־בער מיר.

דער לענסמאַנד האַלט אין איין איבערחזרן די אַנבאָטן פאַר דער פערמע; זיי האָבן דערגרייכט די עטלעכע הונדערט קראָנען, וואָס די פערמע איז אָפּגעשאַצט געוואָרן, און די הוספות גייען איצט קליינע, פינף אָדער צען קראָנען, נישט מער.

— אָ, אַקסל האָט איצט, — רופט זיך ברעד אָן און גייט גיך אַ נייגעריקער אַריבער אויף דער צווייטער זייט. — וואָס, דו ווילסט אָפּ־קויפן מיין נחלה? האָסטו נישט גענוג אַליין?

— איך באָט פאַר אַ צווייטן, — זאָגט אַקסל, זיך אויסדרייענדיק.

— גוט, גוט, מיר מאַכט עס נישט אויס, נישט דאָס האָב איך געמיינט.

דער לענסמאַנד הייבט אויף זיין האַמער, אַ נייער אָנבאָט איז גע־מאַכט, גאַנצע הונדערט קראָנען אויף אַ מאָל; קיינער באָט נישט הע־כער; דער לענסמאַנד רופט אויס די סומע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. וואַרט אַ רגע מיטן אויפגעהויבענעם האַמער — און דאַן טוט ער אַ קלאַפּ.

וועמעס אָנבאָט?

אַקסל שטרעם — פאַר אַ צווייטן.

דער לענסמאַנד פאַרצייכנט: אַ.סל שטרעם. אַלס קאָמיסיאָנער.

— פאַר וועמען קויפסטו עס? — פרעגט ברעד. — ס'איז נישט מיין עסק, פאַרשטייט זיך, נאָר...

נאָר איצט רוקן זיך צונויף עטלעכע קעפּ ביים לענסמאַנדס טיש; דאָרטן איז אַ פאַרטרעטער פון דער באַנק; דער קרעמער האָט געשיקט זיין געהילף; עפּעס איז דאָרטן נישט גלאַטיק; די קרעדיטאָרן זענען נישט צופרידן. זיי רופן צו ברעד, און ברעד, נאַכלעסיק און אָפּעסנ־דיק זיך דאָס האַרץ, שאָקלט בלויז מיטן קאָפּ און איז מסכים — „נאָר ווער וואָלט עס געגלייבט, אַז ס'וועט נישט אַריינברענגען מער?" — זאָגט ער. און פּלוצים העכערט ער זיין קול און דערקלערט צום גאַנצן עולם:

— אַזוי ווי מיט דער ליציטאַציע זענען מיר פאַרטיק און איך האָב שוין מטריח געווען דעם לענסמאַנד, בין איך גרייט צו פאַרקויפן

אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג דאָ: דעם וואָגן, די בהמות, אַ ווידלע אַ שלייפשטיין. איך דאַרף זיי איצט מער נישט האָבן. איך פאַרקויף אַלץ.

קליינע אָנבאָטן הערן זיך. ברעדס פרוי, אויך אַזוי אָפּגעלאָזן ווי ברעד, האָט, נישט קוקנדיק אויף איר פולן גרויסן בויך, אָנגעהויבן צו פאַרקויפן קאַווע אויף אַ טישל. דאָס שפּיל אין קרעמערײַ געפעלט איר, און זי שמייכלט; און ווען ברעד אַליין קומט צו נאָך אַ ביסל קאַווע, זאָגט זי צו אים, שפּאַסנדיק, אַז ער מוז באַצאָלן אַזוי גוט ווי די אַנדערע, און ברעד נעמט טאַקע אויף דער אמתן אַרויס זיין מאָגער בייטעלע און באַצאָלט. — דאָס איז אַ ווייב, — זאָגט ער צו די אַרומיקע, — שפּאַרזאַם, האַ?

דער וואָגן איז נישט ווערט קיין סך — ער איז צו אָפּגעשטאַנען אינדרויסן, אונטערן פרייען הימל; נאָר אַקסל באָט מיט גאַנצע פינף קראָנען מער, און באַקומט אויף דעם וואָגן. נאָך דעם קויפט שוין אַקסל מער גאָרנישט. אַלע זענען דערשטוינט, וואָס דער פאָרזיכטיקער אַקסל קויפט אַזוי פיל.

דערנאָך זענען פאַרקויפט געוואָרן די בהמות. זיי זענען געווען היינט אין שטאַל, גרייט צו דער ליציטאַציע. צוואָס האָט ברעד געדאַרפט בהמות, אַז ער האָט מער נישט קיין פאַשע-פעלד? קיין קי האָט ער נישט פאַרמאָגט. ער איז געוואָרן אַ פערמער מיט צוויי ציגן, איצט פאַרמאָגט ער פיר. חוץ דעם נאָך זעקס שאָף. קיין פערד איז אויך נישט געווען.

יצחק האָט געקויפט איינע פון די שאָף, מיט פלאַכע אויערן. ווען ברעדס קינדער האָבן זי אַרויסגעפירט פון שטאַל, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו באָטן, און דער עולם האָט געקוקט פאַרחידושט: יצחק פון סעלאַנראָאַ איז אַ רייכער מאַן, און האָט, דוכט זיך, גענוג שאָף. ברעדס פרוי הערט אויף אַ רגע צו פאַרקויפן קאַווע און זאָגט:

— יאָ, איר מעגט זי קויפן, יצחק; זי איז אַלט, דאָס איז אמת, זי ברענגט אָבער צו צוויי און דריי לעמעלעך יעדעס יאָר.

— איך ווייס, — האָט יצחק געזאָגט, קוקנדיק איר גלייך אין פּנים אַריין, — איך האָב די שאָף געזען און קען זי.

ער גייט מיט אַקסל שטרעם צוזאַמען אויפן וועג צוריק, און פירט זיין שאָף אויף אַ שטריקל. אַקסל שווייגט, און איז עפּעס אַזוי ווי פאַר-

זאָרגט. וואָס קאָן דאָס זיין, טראַכט יצחק. אַקסל האָט, דוכט זיך, נישט וואָס צו זיין פאַרזאָרגט: זיין פערמע איז אין אַ גוטן מצב! דער גרעס־טער טייל ווינטער־קאָרמע איז שוין איינגעזאַמלט, און ער האָט שוין דאָס הויז אויך אָנגעהויבן צו באַדעקן מיט ברעטער. אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זיין ביי אַקסלען; איצט האָט ער געקריגן אַ פערד.

— איז האָט איר אָפּגעקויפט ברעדס אָרט, — האָט יצחק גע־זאָגט, — וועט איר עס אַליין באַארבעטן?

— ניין, נישט פאַר מיר. איך האָב עס געקויפט פאַר אַן אַנ־דערן.

— אַזוי!

— וואָס מיינט איר; כ'האָב באַצאָלט צופיל?

— ניין. ס'איז גוט לאַנד, אויב נאָר עס אויסטריקענען.

— איך האָב עס געקויפט פאַר מיינעם אַ ברודער פון העלגע־לאַנד.

— האַ!

— דאַן האָב איך געקלערט אפשר צו בייטן זיך מיט אים.

— בייטן זיך מיט אים?

— אפשר וועט באַרבראַ וועלן בעסער דאָרטן וואוינען.

אַ היפש שטיק וועג גייען זיי איצט שווייגנדיק. דערנאָך זאָגט אַקסל:

— מען שטייט צו מיר צו, איך זאָל איבערנעמען דעם טעלעגראַף־אַמט.

— דעם טעלעגראַף? ה־מ. יאָ, כ'האָב געהערט, אַז ברעד האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— ה־מ, — זאָגט אַקסל מיט אַ שמייכל, — די מעשה איז נישט אַזוי, מען האָט אים אָפּגעזאָגט.

— יאָ, אַזוי, — זאָגט יצחק און פרווט געפינען אַ זכות אויף ברעדן. — ס'נעמט צו אַ סך צייט.

— זיי האָבן אים געקינדיקט פון נייעם יאָר, אויב ער וועט זיך נישט פאַרבעסערן.

— ה־מ.

— מיינט איר נישט, אַז ס'וואָלט זיך מיר געלוינט אים איבערצו־נעמען?

יצחק האָט געטראַכט אַ לענגערע ווײַלע, און געשעפּטשעט: — יאָ, דאָס ברענגט איין הכנסה...

— זיי האָבן מיר אָנגעבאָטן מער, ווי ברעדן.

— וויפיל?

— טאָפּלט.

— טאָפּלט? נו, אויב אַזוי, מעגט איר זיך באַטראַכטן.

— נאָר די ליניע איז אַ ביסל לענגער איצט. ניין, איך ווייס טאָקע נישט, וואָס איז גלייכער. איך האָב נישט אַזוי פיל געהילץ צו פאַרקויפן ווי איר, און איך באַדאַרף נאָך אַ סך זאַכן האָבן אין דער ווירטשאַפט. עס פעלט אַלע מאָל אויס מזומן געלט, און קיין פּי האָב איך אויך נישט אַזוי פיל, איך זאָל קאָנען עפּעס פאַרקויפן. איך מיין פּרוּוון מיטן טעלעגראַף אויף אַ יאָר...

ס'איז זיי ביידע גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז ברעד קאָן זיך אפשר „פאַרבעסערן" און בלייבן ביים אמת.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו מאַאַנענלאַנד, איז שוין אַלינאַ דאָרטן געווען, אויף איר וועג אַראָפּצו. יאָ, אַ מאָדנע בריאה, די אַלינאַ, גראָב און קיילעכדיק, ווי אַ וואָרם, שוין איבער זיבעציק יאָר אַלט, און נאָך אַלץ תמיד אויף די פיס. זי זיצט און טרינקט קאַווע אין שטיבל, נאָר דערזעענדיק די מענער, לאָזט זי אַלץ איבער און גייט זיי אַנטקעגן.

— גוט מאָרגן, אַקסל, שוין צוריק פונם אויספאַרקויף? ווייסט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס איך קום זען, וואָס בארבראַ מאַכט? דו בויסט אַ הויז, זע איך, און ווערסט אַלץ רייכער און רייכער! און דו האָסט געקויפט שאָף, יצחק?

— יאָ, — האָט יצחק געזאָגט, — דו קאָנסט זי אפשר?

— צי איך קאָן זי? ניין...

— מיט די פלאַכע אויערן, זע נאָר.

— מיט פלאַכע אויערן? איז וואָס? וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן: ווער האָט אָפּגעקויפט ברעדס אָרט? איך האָב ערשט געהערט מיט באַרבראַן דאָ, ווער אַ שטייגער וועלן זיין די נייע שכנים דאָ? און באַרבראַ,

אָרימע, זי זיצט און וויינט, פֿאַרשטייט זיך; נאָר איר האָט דער אַלמעכ־טיקער באַשערט אַ נייע היים אין מאַאַנעלאַנד... פֿלאַכע אויערן? איך האָב אויף מיין לעבן געזען אַ סך שאָף מיט פֿלאַכע אויערן. און איכ'ל דיר זאָגן, יצחק, יענע מאַשין דיינע, מיינע אַלטע אויגן האָבן אַזוינס נאָך נישט געזען. און וואָס זי האָט בעדאַרפֿט קאָסטן, וועל איך שוין גאָר־נישט פֿרעגן, איך קאָן גאָרנישט ציילן אַזוי פֿיל. אויב דו, אַקסל, האָסט זי געזען, פֿאַרשטייסטו מיך געוויס, ווי איך וואָלט דערזען אליהו הנביא מיט זיין פֿייערדיקן רייט־וואָגן, גאָט זאָל מיר מוחל זיין פֿאַר די רייד...

ווען דאָס היי איז שוין געווען אינגאַנצן איינגעזאַמלט, האָט אלישע אָנגעהויבן מאַכן הכנות צום אָפּפֿאָרן. ער האָט געשריבן צום אינזשיניער, אַז ער קומט ווידער, נאָר ער האָט באַקומען אַן אומגעריכטן ענטפֿער, אַז די צייט איז איצט זייער אַ שלעכטע און מען מוז פֿאַרקלענערן די הוצאות; דער אינזשיניער מוז טון די גאַנצע אַרבעט אַליין.

— אַט אַן אומגליק! אָבער, נאָך אַלעמען, האָט דער אינזשיניער טאַקע נישט באַדאַרפֿט האָבן אלישען? ווען ער האָט אים צוגענומען, אלישען נאָך אַלס יינגל, האָט ער עס געטון בלויז צוליב אַמביציע, כּדי אַרויסצווייזן זיך פֿאַר אַ גרויסן מענטש. און אויב ער האָט אים אויס־געהאַלטן מיט קליידונג און קעסט ביז זיין קאָנפֿירמאַציע, האָט ער פֿאַר דעם עפּעס צוריקגעקרוגן פֿון אים דורך זיין שרייבן, דאָס איז אמת. איצט אָבער איז אלישע שוין אויסגעוואַקסן, איצט איז גאָר עפּעס אַנ־דערש.

— נאָר, — האָט דער אינזשיניער געשריבן — אויב דו וועסט יאָ קומען, וועל איך טון אַלץ, וואָס איכ'ל נאָר זיין בכּוח, צו קריגן פֿאַר דיר אַ שטעלע ערגעץ־אַגדערש־וואו, הגם דאָס וועט מסתּמא זיין שווערלעך איצט, ווייל ס'זענען דאָ מער, וויפֿיל מ'דאַרף יונגעלייט, וואָס זוכן שטע־לעס מיטן בעסטן גרוס...

אלישע וועט, פֿאַרשטייט זיך, צוריקפֿאָרן אין שטאָט אריין, ווענן דעם קאָן גאָר קיין פֿראַגע נישט זיין. זאָל ער זיך גאָר מיאש זיין? ער וויל דאָך צו עפּעס דערגרייכן. און ער האָט גאָרנישט דערציילט אינ־דערהיים וועגן דער געענדערטער לאַגע; ס'וועט סיי ווי קיין שום נוצן

נישט ברענגען, און צו זאָגן דעם אמת, האָט ער זיך געפילט אין אַ פאַר־לעגנהייט, האָט ער בעסער געשוויגן.

דאָס לעבן אין סעלאַנראַא האָט ווידער אָנגעהויבן ווירקן אויף אים. ס'איז געווען אַ פרימיטיוו און גרוי לעבן, אָבער רויק, און ס'האָט איינגעשלעפערט און טעמפּ געמאַכט דעם קאָפּ. נישאַ קיינער, פאַר וועמען צו וועלן זיך אויספיינערן, נישטאָ מיט וועמען צו מעסטן זיך. דאָס שטאָט־לעבן האָט אים אינגאַנצן, ווי איינגעבראָכן, אים איידעלער געמאַכט פאַר אַנדערע, אָבער אויך שוואַכער געמאַכט — ער פילט זיך איצט אומעטום היימלאָז. אָבער וואָס איז דאָס? — דער ריח פון וועריס־קרויט הויבט אים שוין אָן אפילו צו געפעלן! און אָוונט־צייט, ווען ער הערט, ווי די מוטער מעלקט די קו, קומען אים אַרויף אַזעלכע געדאַנקען: מען מעלקט, הער נאָר, סאַראַ וואונדערבאַרע קלאַנגען, ווי אַ ליד, גאָרנישט, ווי שטאָטישע מוזיק, אָדער ווי שיף־סירענעס, קליינע מילך־שטראָמען, וואָס רינען אין עמער אַריין...

ס'איז נישט געווען דער מנהג אין סעלאַנראַא אַרויסצווייזן צופיל געפילן, און אלישע האָט זיך געשראָקן פאַרן מאָמענט, ווען ער וועט זיך דאַרפן געזעגענען. ער איז געווען גוט אויסגעשטאַט צו דער נסיעה; ווי־דער האָט אינגער אים מיטגעגעבן אַ פּאַק מיט געוועבטן צייג אויף אונטערוועש און יצחק האָט שוין צוגעגרייט געלט אויף אים געבן. יצחקן איז נישט אַזוי לייכט צו געבן געלט, נאָר ער האָט קיין ברירה נישט.

אינגער האָט אים איינגערעדט, אַז דאָס וועט אָן ספק זיין דאָס לעצטע מאָל. אלישע וועט באַלד אָנהויבן פאַרדינען און מער נישט דאַרפן אָנקומען נאָך הילף.

— ה־ם, — האָט יצחק געזאָגט.

ס'האָט געהערשט אַ פייערלעכקייט אין הויז, אַ שטילקייט; יעדערער האָט באַקומען אַ געקאָכט איי ביים לעצטן מאָלצייט, און סיווערט איז געשטאַנען גרייט צו באַגלייטן דעם ברודער ביזן דאָרף און טראָגן זיינע זאַכן. אלישע האָט געדאַרפט אָנהויבן זיך געזעגענען.

ער האָט אָנגעהויבן מיט לעאָפּאָלדינען. וואויל און גוט, זי האָט אים צוריקגעווינטשן אַ פאָר־געזונט; דאָס זעלבע יאַנסינאַ, דאָס דינסט־מיידל, זי איז געזעסן און געריבן וואָל און געשטפערט: פאָר געזונט;

בלויז וואָס ביידע האָבן זיי אויסגעשטאַרט די אויגן אויף אים, ווייל
זיינע אויגן זענען געווען אַ ביסל רויטלעך. ער האָט געגעבן די האַנט
דער מוטער, און זי האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול, הגם זי ווייסט, ווי
ער האָט פיינט דאָס וויינען. — פ אָ ר געזונט און זאָל דיר גאָט העלפן! —
האָט זי אויסגעוויינט. דאָס ערגסטע איז געווען — מיטן פאָטער, צוליב
טויזנטער טעמים. ער איז אַזוי פאַרהאָרעוועט און אַזוי איבערגעגעבן
געטריי; ער האָט געטראָגן די קינדער אויף זיינע הענט, זיי דערציילט וועגן
די מעוועס און אַנדערע פייגל און חיות, אין די וואונדער פונם פעלד;
ווען איז דאָס ערשט אַלץ געווען, צוריק עטלעכע יאָר... דער פאָטער
שטייט ביים גלעזערנעם פענסטער, טוט זיך מיט אַמאָל אַ דריי אויס,
כאַפּט אָן דעם זונס האַנט, און זאָגט גיך און בייזלעך: — נו, פאָר
געזונט. דאָרטן האָט זיך דאָס בייע פערד אָפּגעבונדן — און ער לויפט
אַרויס פון שטוב און פאַרשווינדט. אָ, דאָס האָט ער אַליין אָפּגעבונדן
דאָס פערד נאָך פריִער, און סיוועַרט, דער לץ, האָט עס גלאַט באַמערקט;
ער איז געשטאַנען אין דרויסן און געהיט דעם פאָטער, שמייכלענדיק צו
זיך אַליין.

אלישע איז ענדלעך איבערגעקומען.

איגגער מוז נאָך זיך אַוועקשטעלן אויף דער שוועל און נאָכאַמאָל
כליפּען און זאָגן: — גאָט זאָל דיך בענטשן! — און אים געבן עפּעס.
— נעם — און דו דאַרפסט אים נישט דאַנקען, ער האָט געזאָגט, אַז דו
דאַרפסט עס נישט טון. און פאַרגעס נישט צו שרייבן; שרייב
אָפּט.

צוויי הונדערט קראָנען.

אלישע האָט געקוקט צום פעלד; זיין פאָטער איז געווען
געוואַלטיק פאַרנומען מיט אַריינקלאַפּן אַ סלופּ אין דער ערד, אויף
צוצובינדן דאָס פערד; און ס׳האָט זיך אים, ווייזט אויס, שווער געאַרבעט,
נישט קוקנדיק וואָס די ערד איז געווען גענוג ווייך.

די ברידער האָבן זיך געלאָזט מיטן וועג אַראָפּ; אַז זיי זענען
צוגעקומען ביז מאַאַנעבלאַנד, איז דאָרטן געשטאַנען באַרבראָ אויף דער
שוועל און זיי געבעטן אַריינצוקומען אין הויז.

— דו פאָרסט ווידער אַוועק, אלישע? אויב אַזוי? מוזסטו אַריינ-
קומען און אויסטרינקען, אַמווייניקסטנס, אַ קריגל קאַווע.

זיי גייען אריין, און אלישע איז איצט שוין נישט מער משוגע פון ליבע, ער וויל נישט שפרינגען דורכן פענסטער און נישט איינגעמען גיפט; ניין, ער שפרייט אויס זיין לייכטן איבערמאַנטל אויף זיינע קני, אַכטונג געבנדיק צו לייגן אים אַזוי, אַז דאָס זילבערנע בלעכל זאָל זיך אָנזען; דערנאָך ווישט ער זיינע האָר מיט אַ טיכל און באַמערקט איידל: — אַ שיינער טאָג היינט, אויסגעצייכנט!

באַרבראַ פאַרלירט זיך אויך נישט; זי שפּילט זיך מיטן זילבערנעם רינגל אויף איין האַנט און מיטן גאָלדענעם אויף דער צווייטער — יאָ, און זאָל מען זען, צי האָט זי נישט קיין גאָלדן רינגל אויך — און זי טראָגט אַ לאַנג פאַרטוך, פונם האַלז ביז די פיס, כּדי די קיילעכדיקייט פון איר פיגור זאָל זיך נישט אַזוי אָנזען. און ווען די קאַווע איז פאַר-טיק און די געסט טרינקען, נייט זי דערווייל אויס אַ ביסל אויף אַ ווייסן טישטוך, דערנאָך שטריקט זי אַ ביסל עפּעס אַ קראַגן און אַזוי פאַרשי-דענע אַנדערע מיידלשע אַרבעטן. באַרבראַ איז נישט צעטומלט פון זייער וויזיט, און בעט אַזוי: זיי קאָנען רעדן מער נאַטירלעכער, און אלישע קאָן זיך האַלטן ווידער פריי, ווי אַמאָל.

— וואו איז אַקסל? — פרעגט סיווערט.

— יאָ, ער איז דאָ, נעבן ערגעץ, — ענטפערט זי, קאָנטראָלירנ-דיק זיך. — און אַזוי, וועלן מיר שוין מער נישט זען דיך אין די מקומות? — פרעגט זי אלישען.

— זייער מעגלעך, אַז נישט, — זאָגט ער.

— יאָ, דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר דעם, וואָס איז שוין געוואָרן צוגעוואוינט צו דער שטאָט. הלוואי וואָלט איך געקאָנט מיטפאָרן מיט דיר.

— דו מיינסט עס גאָרנישט, איך ווייס.

— כ'מיין עס נישט? אָ, איך ווייס, וואָס הייסט לעבן אין שטאָט. און ווי אַזוי עס איז דאָ? און איך בין געווען אין אַ גרעסערער שטאָט ווי דו, פאַרגעס נישט — זאָל איך נישט בענקן נאָך איר?

— איך האָב נישט דאָס געמיינט — האָט אלישע האַסטיק גע-זאָגט, — דו ביסט דאָך געווען אין בערגען אפילו. — אומגעהייער, וואָס פאַר אַ גדלנטע זי איז!

— איך ווייס נאָר, אַז וואָלט איך נישט געהאַט די ציַיטונג צו לייענען, וואָלט איך שוין לאַנג אַנטלאָפן פון דאַנען, — זאָגט זי.

— אָבער איך האָב געמיינט, איבער דעם אַקסלען, און אַלץ מיט אַנאַנדער, דאָס האָב איך געמיינט.

— אָך, אַקסעל, דאָס גייט מיך נישט אָן. און וואָס איז וועגן דיר אַליין — איך מיין, אַז דאַרטן וואַרט עמעצער אויף דיר אין שטאָט?

ביי די ווערטער האָט אַלישע נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך פון אַ ביסל באַרימעריי, ער האָט פאַרגלאָצט זיינע אויגן און געגעבן אַזוי האַלב אָנצוהערן, אַז ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז עמעצער אין שטאָט וואַרט טאַקע. אָ, ער וואָלט גאָר אַנדערש אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען סיווערט וואָלט נישט געזעסן דאָרטן! אַזוי, האָט ער נאָר געקאָנט זאָגן: — הע, נאַרישקייטן!

— האַ, — האָט זי געזאָגט באַליידיקט, — זי איז געוואָרן זייער שלעכט געשטימט, — נאַרישקייטן, אוודאי, וואָס קאָנסטו דערוואַרטן פון תּושבים אין מאַאַנעגלאַנד? מיר זענען נישט אַזוי אויסגעאיידלט.

אַלישען האָט אָבער איצט זייער ווייניק געאַרט איר רוגז. צום טייוול! איר פּנים איז הוילע פלעקן, און איר צושטאַנד איז בולט גענוג אפילו פאַר זיינע אומשולדיקע אויגן.

— ווילסטו נישט שפּילן אויף דער גיטאַר אַ ביסל? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט באַרבראַ קורץ געענטפערט — וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן: — סיווערט, וואָלסטו נישט געקאָנט אַראָפּקומען העלפן אַקסלען אַ ביסל ביים נייעם הויז אַ טאָג אָדער צוויי? אפשר וואָלסטו נאָך מאָרגן דאָ זיך פאַרהאַלטן, אויף צוריקוועגס פונם דאָרף?

סיווערט האָט געקלערט אַ רגע: — יאָ, אפשר. איך האָב אָבער נישט מיינע אַרבעטס־קליידער.

— איך קאָן אַרויפגיין און זיי ברענגען היינט אָוונט, וועלן זיי שוין דאָ זיין ווען דו וועסט קומען.

— גוט, — האָט סיווערט געזאָגט. — איך וועל מיך באַטראַכטן.

אָבער באַרבראַ שטייט נישט אָפּ: — דו מוזט קומען! דער זומער איז שוין באַלד פאַריבער, און דאָס הויז דאַרף דאָך פאַרעגדיקט און

געדעקט ווערן, איידער די האַרבסט-רעגנס קומען אָן; אַקסל האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט דיך בעטן, נאָר ס׳איז אים אַלץ נישט אויסגעקומען, אַ, דו וועסט אונדז אַ גרויסע טובה טון!

— איכ׳ל העלפן, וויפֿיל איך וועל קאָנען, — האָט סיווערט געזאָגט.

און דער ענין איז געווען דערליידיקט.

איצט איז געווען אלישעס ריי צו זיין באַליידיקט. אמת, פון באַרבראַן איז דאָס אַ קלוגער איינפאַל אויסצונוצן די געלעגנהייט, אי פאַר זיך, אי פאַר אַקסלען און זען קריגן הילף צום פאַרענדיקן פונם הויז, אָבער זי טוט דאָס שוין אַ ביסל צו אָפן, נאָך אַלעמען איז זי נאָך דערווייל נישט די באַלעבאָסטע פון דאַנעט, און ס׳איז נאָך גאָרנישט אַזוי לאַנג, ווי ער אַליין האָט זי געקושט — אָט די באַרבראַ? האָט זי גאָר קיין ברעקל בושה נישט אין זיך?

— יאָ, האָט אלישע פלוצים אַ זאָג געטון; — איכ׳ל ווידער קומען און זיין טויף-פאָטער ביי דיר.

זי האָט אים אָפגעמאָסטן מיט אַ בליק; — אַ טויף-פאָטער? און דו וואַרפסט עס פאָר! נאַרישקייטן, איכ׳ל דיר אַ ידיעה געבן, אַז איך וועל באַדאַרפן האָבן אַ טויף-פאָטער.

— אַ גרויסן דאַנק פאַר קאַווע! — זאָגט סיווערט, און הייבט זיך אויף פון זיין אָרט צו גיין.

— אַ גרויסן דאַנק! — זאָגט אלישע אויך; נאָר ער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט און נישט פאַרנייגט זיך אפילו. זאָל זי גיין צום טייוול!

— לאָז מיך נאָר זען, — האָט באַרבראָ געזאָגט, אַ, — יאָ: די יונגעלייט, וואָס איך האָב ביי זיי געדינט אין שטאָט האָבן אויך געטראָגן זילבערנע בלעכלעך אויף זייערע אויבערמאַנטלען, אַ סך ברעסערע נאָך ווי דיינס, — איז וועסטו, סיווערט, קומען צוריקוועגס און געטיקן דאָ? איכ׳ל שוין באַזאָרגן דיינע קליידער.

און אַזוי האָט מען זיך צעשיידט.

די ברידער זענען אַוועק ווייטער. און אלישע איז אין קיין פרט נישט געווען אומגליקלעך איבער באַרבראַן; זי קאָן גיין צום טייוול — און חוץ דעם האָט ער געהאַט אין קעשענע צוויי גרויסע אַסיגנאַציעס!

די ברידער האָבן זיך אויסגעהיטן נישט צו באַרירן קיין טרויעריקע פונקטן, ווי דעם פאָטערס משונהדיקע אויפפירונג בשעתן געזעגענען זיך אָדער דער מוטערס וויינען. זיי האָבן אָנגעלייגט אַ גרויס שטיק וועג, כדי אויסצומיידן ברייד־אַבליק און געשפּאַסט איבער אָט דעם קליינעם אויפטו. נאָר ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף, און ס'איז שוין געווען צייט פאַר סיוועדטן זיך אומצוקערן צוריק, האָבן זיי ביידע זיך אויפגעפירט אַ ביסל נישט אויף קיין מענערישן אופן. סיווערט, למשל, איז געווען גענוג שוואַך צו זאָגן: — ס'וועט זיין אַ ביסל אומעטיק אָן דיר, אפשר. און אלישע הייבט אָן צו פייפן און קוקן אויף זיינע שיך, און עפּעס האָט ער געפונען אַ שפּליטערל אין פינגער, און זוכט עפּעס אין די קעשענעס; עפּעס פּאַפּירן, זאָגט ער, קאָן ער זיי נישט געפינען... אַ, ס'וואָלט געווען אַוועק ערגער נאָך, ווען סיווערט וואָלט נישט געראַטעוועט די לאַגע.

— פאַר געזונט, — האָט ער מיטאַמאָל אַ זאָג געטון, אַ קלאַפּ געגעבן דעם ברודער אין פּלייצע. און אַוועק. נאָך דעם איז עס שוין געגאַנגען בעסער; זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט עטלעכע אָפּשיידווערטער פון דער ווייטן, און יעדערער איז אַוועק מיט זיין וועג.

מזל אָדער צופאַל! נישט געקוקט אויף קיין זאַך איז אלישע צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, אויף אַ שטעלע, וואָס איז שוין מער נישט געווען, און דערזעלבער צופאַל האָט געפירט, אַז דערביי זאָל אַקסל שטרעם קריגן אַ מענטשן צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן דעם 21-טן אויגוסט, און צען טעג שפּעטער איז דער דאַך שוין געווען געדעקט. אַ, ס'איז נישט געווען קיין גרויס הויז און נישט איבעריק הויך; אָבער פאַרט פון געהילץ, און נישט פון ערד, און די בהמות וועלן האָבן אַ טייער שוץ־אָרט ווינטער, — אין שטיבל, וואו ביז איצטער האָבן מענטשן געוואוינט.

II

דעם 3-טן סעפטעמבער האָט מען באַרבראַן נישט געקאָנט געפינען. זי איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר זי איז נישט געווען, נישט אין הויז און נישט ערגעץ נאָנט.

אַקסל האָט שווער געאַרבעט איבער אַ פענסטער מיט אַ טיר, וואָס ער האָט געוואָלט אַריינשטעלן אין נייעם הויז, און דאָס האָט ביי אים צוגענומען די גאַנצע צייט. נאָר ווען ס'איז שוין געווען לאַנג נאָכן האַלבן טאָג און באַרבראַ האָט אים אַלץ נאָך נישט גערופן צו מיטאָג, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטיבל. קיינער איז נישטאָ, האָט ער זיך גענומען עפעס עסן און זיך אַרומגעקוקט עסנדיק. באַרבראַס אַלע קליידער זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט; מוז זי זיין ערגעץ דאָ. ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט, אַ ווײַלע געפּאָרעט זיך און דאַן ווידער פאַרקוקט אין שטיבל אַריין — ניין, קיינער איז נישטאָ דאָרטן, זי מוז אַוודאי ליגן ערגעץ-וואו.

— באַרבראַ! — רופט ער.

קיין ענטפער.

ער זוכט אַרום לעבן די הייזער, ווייטער אַ ביסל צווישן די קוסטעס, זוכט אַ לענגערע צייט, אפשר אַ שעה, רופט — קיין ענטפער. ער טרעפט זי לסוף אַ שטיק וועג ווייטער אַרונטערצו, אויסגעצויגן אויף דער

ערד, באַהאַלטן צווישן קוסטן, ביים סאַמע ברעג פון טייכל. זי איז באָרוועס און מיט אַ הוילן קאָפּ און אינגאַנצן נאַס, פון דער פּלייצע ביז אַראָפּצו.

— דו ליגסט דאָ? — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס האָסטו נישט געענטפערט?

— איך האָב נישט געקאָנט — ענטפערט זי, — און איר קול איז אַזוי שוואַך, אַז ער הערט זי קוים.

— וואָס — ביסט געווען אין וואַסער?

— יאָ, זיך אויסגעגליטשט — אוי!

— טוט דיר וויי?

— יאָ — שוין אַלץ אריבער.

— אַריבער? — פרעגט ער.

— יאָ. איצט העלף מיר גיין אַהיים.

— וואו איז...

— וואָס?

— וואו איז דאָס קינד?

— ס'איז געווען טויט.

— געווען טויט?

— יאָ.

אַקסל געדאַנק באַוועגט זיך לאַנגזאַם, שווער. ער שטייט שטיל. — — וואו-זשע איז עס? — פרעגט ער.

— דאַרפסט נישט וויסן. — זאָגט זי, — העלף מיר בעסער גיין אַהיים. ס'איז געווען טויט, איך קאָן גיין, אויב דו וועסט מיך נאָר אונ־טערהאַלטן אַ ביסל.

אַקסל טראָגט זי אַהיים און זעצט זי אַנידער אויף אַ בענקל, און דאָס וואַסער קאַפּעט אַראָפּ פון איר.

— איז עס געווען טויט? — פרעגט ער.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, — ענטפערט זי.

— וואָס-זשע האָסטו געטון מיט דעם?

— ווילסט עס אַ שמעק טון? האָסטו זיך גענומען עסן, אַז איך בין נישט געווען?

— וואָס האָסטו געדאַרפט דאָרטן, ביים וואַסער?

— בײַם װאַסער? איך האָב געזוכט יאַלאָװעץ־צװײַגעלעך.

— יאַלאָװעץ־צװײַגעלעך? אױף װאָס?

— אױף רײניקן די עמער.

— דאָרטן װאַקסט דאָך גאָר נישט קײן יאַלאָװעץ, — זאָגט ער.

— גײ, טו דײַן אַרבעט, — זאָגט זי הײזעריק און אומגעדולדיק. — װאָס האָב איך געטון בײַם װאַסער? איך האָב געזוכט צװײַגלעך פֿאַר אַ בעזים. צי האָסטו שױן געגעסן, פֿרעג איך?

— עסן? — זאָגט ער — װי פֿילסטו זיך?

— גאַנץ גוט.

— איך טראַכט פֿאָרן נאָכן דאָקטאָר.

— אַנו, פּרובֿיר נאָר! — זאָגט זי, אױפֿשטעלנדיק זיך און זוכנדיק טרוקענע קלײדער זיך איבערצוטוען. — װי דו װאָלסט שױן נישט געהאַט קײן בעסער אָרט, װאו אַהינצוטון דײַן געלט.

אַקסל גײט צוריק צו זײַן אַרבעט, אָבער ער טוט אױף זײַער װײניק. ער מאַכט אַ טומל מיטן הובל און מיטן האַמער, כּדי באַרבראָ זאָל הערן. ענדלעך איז דאָס פֿענסטער אַרײַנגעשטעלט און ער באַפֿעסטיקט די ראַם רונד־אַרום מיט מאָך.

יענעם אָװנט עסט באַרבראָ כּמעט גאָרנישט, נאָר זי גײט פֿונדעסטװעגן אַרום, טוט אַ ביסל שטוב־אַרבעט און גײט אַפֿילו אַרױס אױסמעלקן די בהמות; בלױז זי טרעט אַ ביסל פֿאָרזיכטיקער איבער דער טיר־שװעל. זי האָט זיך געלײגט שלאָפֿן אינם הײ־שפּײַכלער, װי אַלעמאָל. אַקסל איז אַרײַנגעגאַנגען צװײ מאָל אַ קוק טון, איז זי געשמאַק געשלאָפֿן. זי האָט געהאַט אַ גוטע נאַכט.

אױף מאָרגן אין דער פֿרי איז באַרבראָ געװען די זעלבע װי אַלעמאָל, מער נישט, הײזעריק, אַז זי האָט קױם געקאָנט רעדן, און געטראָגן אַ לאַנגן זאָק אַרומגעבינדן אַרום האַלדז. זײ האָבן גאָרנישט געקאָנט רעדן. טעג זענען פֿאַרגאַנגען, און די זאַך איז שױן מער נישט געװען נײַ; אַנדערע זאַכן זענען אַרױסגעשװאומען, און דאָס האָט זיך אַװעקגעגליטשט אָן אַ זײַט. דאָס נײַע הױז האָט אַװדאי געדאַרפֿט שטײן אַ שטיק צײַט לײדיק, כּדי דאָס האָלץ זאָל זיך פֿאַרפֿעסטיקן און שטײַפֿער װערן, נאָר ס׳איז קײן צײַט נישט געװען דערױף, זײ האָבן דעם בנין

געמוזט גלייך וּצן און האָבן גרייט די נייע קי־שטאָל. ווען דאָס הויז איז געוואָרן פֿאַרטיק, אין זיי האָבן זיך איבערגעצויגן אין דעם, האָבן זיי געגראָבן די קאַרטאָפֿליעס, און דערנאָך האָט מען געדאַרפֿט דאָס קאָרן שניידן. דאָס לעבן איז אַוועק מיט זיין געוויינטלעכן גאַנג.

נאָר ס׳זענען געווען גענוג סימנים, גרויסע און קליינע, אַז עפּעס איז איצט אַנדערש אין מאַאַנענלאַנד. באַרבראָ האָט זיך דאָרט איצט מער נישט געפֿילט אין דער היים, נאָר ווי אַ פֿרעמדע דינסט; נישט געפֿילט זיך מער צוגעבינדן צום אָרט. אַקסל האָט געזען, אַז זיין מאַכט איבער איר איז פֿאַרשוואונדן צוזאַמען מיטן טויט פֿונם קינד. און ער האָט מיט אַזוי פֿיל פֿאַרטרויען געטראַכט: וואַרט, זאָל נאָר דאָס קינד קומען! נאָר דאָס קינד איז געקומען און אַוועק. און צולעצט האָט באַרבראָ אַפֿילו אויסגעטאָן די פֿינגערלעך און זיי מער נישט געטראָגן.

— וואָס באַטייט עס? — האָט ער געפֿרעגט.

— וואָס זאָל עס באַטייטן? — האָט זי געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער ס׳האָט נישט געקאָנט באַטייטן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אומדאַנקבאַרקייט און אומטרייהייט פֿון איר זייט.

און ער האָט געפֿונען דאָס קליינע גופֿל לעבן וואַסער. ער האָט עס נישט געזוכט בכּיוון, ניין; ער האָט געוואוסט, וואו דאָס דאַרף ליגן און איז דאָך נישט געגאַנגען אַהין. אָבער אַ צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל עס נישט פֿאַרגעסן אינגאַנצן; פֿייגל האָבן אָנגעהויבן אומצופֿליען איבער דעם אָרט, אַ צישענדיקע וואַלד־הון און קראָען, און דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ אָדלער־פֿאָר איבערן אָרט אויף אַ שווינדלד קער הויך. צוערשט אָפּנים האָט בלויז אַן איינציקער פֿויגל דערזען עפּעס באַגראָבן דאָרטן, און נישט קאָנענדיק האַלטן קיין סוד, פּונקט ווי אַ מענטש, האָט ער עס צעפּויקט פֿאַר אַלעמען. דאָס האָט אויפֿגעוועקט אַקסלען פֿון זיין גלייכגילטיקייט, ער האָט אָפּגעוואַרט אַ געלעגנהייט און זיך אַרויסגעגנבעט צום טייכל. ער האָט דאָס גופֿל געפֿונען אונטער אַ בערגל מאָך און צווייגלעך, איבערגעדעקט פֿון אויבן מיט פֿלאַכע שטיינער און איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע. מיט אַ געפֿיל פֿון נייגיר און מורא האָט ער אָפּגעוויקלט אַ ביסל די שמאַטע — פֿאַרמאַכטע אויגן, טונקעלע האָר, אַ ייִנגל, און

די פיס איבערגעקרייצט — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געזען. די שמאַטע איז געווען נאַס, נאָר זיך געטרוקנט איצט; ס'האָט אויסגעזען ווי אַ האַלב־צונויפגעדרייט בינטל וועש.

ער האָט עס נישט געקאָנט לאָזן ליגן אַזוי אָפן. און האַרצן האָט ער, אפשר, געשראָקן זיך פּאָר עפּעס שלעכטס, וואָס קאָן געשען מיט אים און מיט זיין הויז. ער איז געלאָפן אַהיים נאָך אַ רידל און אויסגעגראָבן דאָס קבר טיפער, נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען נאָנט צום שטראָם, איז וואַסער אַנגעלאָפן, און ער האָט עס געמוזט איבערטראָגן העכער אַרויפצו.

גראָבנדיק, איז זיין שרעק, טאָמער וועט באַרבראַ אָנקומען און אים טרעפן דאָ, פאַרשוואונדן. ער איז געוואָרן עקשנותדיק געשטימט און פאַרביטערט. זאָל זי קומען, און זאָל זי טוקע דאָס קערפּערל איינוויקלען גוט און אָנשטענדיק, מעג עס זיין טויט געבוירן אָדער נישט! ער האָט גוט געזען, וואָס ער האָט פאַרלוירן מיטן טויט פונם קינד; איצט איז ער אויסגעשטעלט צו בלייבן אָן שום מיטהילף אויף זיין פערמע — פּונקט איצט, ווען ער האָט שוין דריי מאָל אַזוי פיל פּי, ווי ער האָט געהאַט פריער. זאָל זי קומען — אים אַרט נישט! נאָר באַרבראַ — ס'קאָן גרייכער זיין, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט איצט — איז נישט געקומען, און אַקסל האָט געמוזט אַליין איינוויקלען דאָס גופל אַזוי ווי ער האָט געקאָנט, און עס איבערטראָגן אין נייעם קבר אַריין. ער האָט עס פאַרדעקט מיט טאָרף פון אויבן, און פאַרווישט אַלע שפּורן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען גאָרנישט געקאָנט זען, בלויז אַ קליין גרין בערגל צווישן די קוסטן.

באַרבראַ איז געשטאַנען אין דרויסן. ווען ער איז אַ היים געקומען.

— וואו ביסטו געווען? — האָט זי געפרעגט.

זיין פאַרביטערטקייט האָט זיך שוין אַ פּנים געהאַט געקילט, מחמת ער האָט בלויז געזאָגט: — אין ערגעץ נישט. וואו ביסט דו געווען?

אָ, נאָר דער אויסדרוק פון אַקסלס פּנים האָט געמוזט זי וואָרענען זי האָט מער נישט אַ וואָרט געזאָגט און איז אַריין אין שטוב.

ער איז נאָכגעגאַנגען.

— הער נאַר, — האָט ער גלייך געפרעגט: — וואָס מיינסטו מיטן אויסטון די פינגערלעך?

באַרבראַ האָט מעגלעך געפונען פאַר בעסער איצט נאָכצוגעבן אַ ביסל, האָט זי געלאַכט און געענטפערט; — דו ביסט אַזוי ערנסט היינט — איך קאָן זיך נישט העלפן נישט צו לאַכן! אויב דו ווילסט, איך זאָל טראָגן די פינגערלעך אינדערוואָכן ביי דער אַרבעט; גוט, וועל איך זיי אָנטון! — און זי האָט אַרויסגענומען די פינגערלעך און זיי אָנגעטון.

נאָר זעענדיק, ווי ער איז געוואָרן נאַריש־צופרידן, איז זי געוואָרן דרייסטער.

— האָסטו נאָך עפּעס טענות?

— איך האָב נישט, — האָט ער געענטפערט, — דו דאַרפסט נאָר זיין די זעלבע, וואָס דו ביסט געווען פריער, גאָר צוערשט, ווען דו ביסט געגעבן געוואָרן מיין. דאָס איז אַלץ, וואָס איך מיין.

— ס׳איז נישט אַזוי גרינג צו זיין שטענדיק די זעלבע, — האָט זי באַמערקט.

אַקסל האָט גערעדט ווייטער:

— אויב איך האָב אָפּגעקויפט דיין פאָטערס פערמע, איז נאָר צוליב דעם, ווייל איך האָב געקלערט, אפשר וועסטו וועלן בעסער דאָרטן וואוינען, וועלן מיר זיך איבערציִען. וואָס דענקסטו?

האַ, דאָ האָט ער זיך אַרויסגעגעבן; ער האָט בלויז מורא געהאַט זי נישט צו פאַרלירן און בלייבן אָן הילף, נישט האָבן, ווער ס׳זאָל אַכטונג געבן אויפן הויז און אויף די בהמות — זי האָט געוואוסט! — יאָ, האָסט שוין גערעדט וועגן דעם פריער, — האָט זי קאַלט געענטפערט.

— יאָ, נאָר דו האָסט מיר גאָרנישט געענטפערט אויף דעם.

— ענטפערן? — האָט זי געזאָגט. — אָ, איך בין שוין קראַנק פון דעם.

אַקסל האָט געהאַלטן, אַז ער איז געווען גענוג גוטהאַרציק; ער האָט געלאָזט ברעדן מיט זיין הויז־געזינד ווייטער וואוינען אין ברייד־בליק, און הגם ער האָט אָפּגעקויפט דעם שטיק צוזאַמען מיטן אָרט, האָט ער אַהיים צו זיך אַרויסגעפירט מער נישט ווי אַ פּאָר פורן היי, און די

קאַרטאָפֿליעס איבערגעלאָזט פֿאַר זיי. באַרבראַ האָט נישט קיין שום גרונט צו זיין בייז; נאָר זי האָט וועגן דעם זיך נישט געקימערט און געפֿרעגט מיט צאָרן: — איז וואָלסטו געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך איבערציִען קיין ברײדאַבליק, און לאָזן מיין גאַנצע פֿאַמיליע היימלאָז?

האָט ער גוט איינגעהערט? ער האָט אויף אַ רגע אויסגעגלאָצט די אויגן, אָנגעהויבן הוסטן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַ לאַנגע תשובה געבן, נאָר ס'איז ביי אים גאָרנישט אַרויסגעקומען; ער האָט נאָר געפֿרעגט: — פֿאָרן זיי דען נישט איבער אין דאָרף אַריין?

— איך ווייס נישט, — האָט באַרבראַ געזאָגט. — האָסט אפשר אַ דירה אָנגעגרייט פֿאַר זיי דאָרטן?

אַקסל האָט זיך נישט געוואָלט קריגן מיט באַרבראַן, נאָר דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט אַרויסצוּווייזן איר, אַז ער איז אַ ביסל איבעראַשט פֿון אירע רייד. — דו ווערסט אַלץ מער און מער פֿאַרעקשנט, הגם דו מיינסט עס גאָרנישט, דוכט מיר.

— איך מיין דאָס, וואָס איך זאָג, — האָט זי געענטפֿערט, — און פֿאַרוואָס האָסטו נישט געקאָנט לאָזן מיין פֿאַמיליע קומען אַהער? — ענטפֿער מיר אויף דעם! דאַן וואָלט איך געהאַט מיין מוטער, זי זאָל מיר צוהעלפֿן אַ ביסל. נאָר דו האַלטסט, אַז איך האָב אַזוי ווייניק אַר־בעט, אַז איך דאַרף גאָר קיין הילף נישט?

אין די רייד אירע איז, פֿאַרשטייט זיך, געלעגן אַ שטיק אמת, אָבער אינגאַנצן גערעכט איז זי נישט. ווען ברעד זאָל קומען אַהער, וואָלט ער מיט זיין הויז-געזונט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען דאָס טאָרף־שטיבל, און אַקסל וואָלט ווידער נישט געהאַט קיין אָרט פֿאַרן פֿי. — וואָס טראַכט זי זיך, באַרבראַ? האָט זי טאָקע גאָר קיין שכל נישט?

— בעסער, — האָט ער געזאָגט, — וואָלסטו צוגענומען אַ דינסט־מיידל צו העלפֿן דיר.

— איצט — ווען דער ווינטער קומט אָן און ס'איז דאָ ווייניקער אַרבעט? ניין, האָסט געזאָלט טראַכטן וועגן דעם, ווען איך האָב זיך גע־נייטיקט דערין.

דאָ איז זי ווידער גערעכט; ווען זי איז געווען מעוברת און שוואַך — דאַן איז געווען די צייט צו רעדן וועגן אַ דינסט. אָבער באַר־בראַ האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט ווי כסדר, רירעוודיק און געשיקט,

געטון אַלץ, וואָס מ׳האָט געדאַרפט, און קיינמאָל קיין וואָרט נישט דער־מאָנט וועגן אַ דינסט.

— יעדנפאַלס, פאַרשטיי איך נישט, — האָט זי האַפנונגסלאָז גע־זאָגט.

שטילשווייגן.

דאַן האָט באַרבראַ געפרעגט:

— מען זאָגט, אַז דו נעמסט איבער דעם טעלעגראַף פון מיין פאָטער?

— וואָס? ווער זאָגט?

— אַזוי רעדט מען.

— יאָ, — האָט אַקסל געזאָגט, — ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן.

— האַ!

— נאָר פאַרוואָס פרעגסטו?

— גאָרנישט, — האָט באַרבראַ געענטפערט, — האָסט אַרויסגע־שטעלט מיין פאָטער פון זיין הויז און הויף, און איצטער נעמסטו נאָך אַרויס דעם ביסן פון זיין מויל.

שטילשווייגן.

אָ, נאָר דאָס איז געווען דער סוף פון אַקסלס געדולד, — איכ׳ל דיר עפּעס זאָגן, — האָט ער אויסגעשריגן, — דו ביסט גאָרנישט ווערט דאָס אַלץ, וואָס איך טו פאַר דיר און פאַר דייניקע.

— האַ! — האָט באַרבראַ געזאָגט.

— ניין! — האָט ער געזאָגט, אַ זעץ טוענדיק מיט דער פויסט אין טיש, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וועסט מיך נישט איבערשרעקן, זאָלסט נישט מיינען, — האָט באַרבראַ אַרויסגעשטאַמלט און זיך צוגערוקט נענטער צו דער וואַנט.

— איבערשרעקן דיך? — האָט ער געזאָגט און מיט צאָרן אַ טיפן אָטעם געטון. — איך וועל איצט רעדן אָפן מיט דיר. וואָס איז געשען מיטן קינד? האָסט עס דערטרונקען?

— דערטרונקען?

— יאָ. ס׳איז דאָך געווען אין וואַסער.

— אַזוי, האָסט עס געזען? ביסט געווען דאָרטן — „און נאָכגע־זוכט״, האָט זי געוואָלט זאָגן, נאָר נישט געוואָגט; מיט אַקסלען, ווי ער

האָט איצט אויסגעזען, האָט מען זיך נישט געקאָנט שפּילן. — ביסט גע־
ווען דאָרטן און עס געפונען?

— איך האָב געזען, אַז ס'איז געווען אין וואַסער.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — וואָרום ס'איז געבוירן געוואָרן אין וואַסער; איך האָב זיך אויסגעגליטשט, און נישט געקאָנט מער זיך אויפ־הייבן.

— זיך אויסגעגליטשט האָסטו?

— יאָ, און דאָס קינד איז אַרויס, איידער כ'האָב באַוויזן זיך אויפצוהייבן.

— ה־מ. — האָט ער געזאָגט — אָבער דו האָסט דאָך מיטגענו־מען אַ שמאַטע אויף איינוויקלענעס? האָסט געוואוסט פריִער, אַז דו וועסט זיך אויסגליטשן?

— מיטגענומען אַ שמאַטע? — האָט זי איבערגעחזרט.

— אַ ווייסע שמאַטע — איינס פון מיינע העמדער, וואָס דו האָסט צעשניטן אויף צווייען.

— יאָ, — האָט באַרבראַ געזאָגט, — ס'איז געווען אַ שטיקל שמאַטע, וואָס איך האָב מיטגענומען אויף צוריקצוטראָגן אין איר די יאַלאָוועץ־צווייגעלעך.

— יאַלאָוועץ־צווייגעלעך?

— יאָ. האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז צוליב דעם בין איך גע־גאַנגען?

— יאָ, האָסט געזאָגט, אָדער ריטלעך פאַר אַ בעזים.

— אַך, אַלץ איינס...

ס'איז געווען אַן אָפענע מחלוקת צווישן זיי דאָס מאָל. נאָר ביס־לעכווייז האָבן זיי זיך באַרויִקט, און ס'איז צוריק געוואָרן גוט. ס'הייסט נישט אַקוראַט גוט — נאָר צו דערליידן. באַרבראַ איז געווען פאַרזיכ־טיק און אַ ביסל מער נאָכגיביק; זי האָט געוווּסט, אַז ס'שמעקט מיט גע־פאַר. אָבער דאָס לעבן אין מאַאַנעלאַנד איז געוואָרן אַלץ מער גע־צוואונגען און אומדערטרעגלעך — נישטאָ קיין אָפנהאַרציקייט, קיין פרייד צווישן זיי, מען איז שטענדיק אויף דער וואַך. ס'האָט לאַנג נישט גע־קאָנט אָנהאַלטן אַזוי, נאָר כל זמן ס'האָט אָנגעהאַלטן, איז אַקסל געווען געצוואונגען צו זיין צופרידן. ער האָט באַרבראַן גענומען, ווייל

ער האָט זי באַדאַרפֿט, ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, זיך צוגעבונדן צו איר; און ס׳איז נישט לייכט דאָס אַלץ אומצוענדערן. באַרבראַ האָט געוואוסט אַלצדינג אויף דער פֿערמע: וואו יעדע זאַך געפינט זיך, ווען די קי דאַרפֿן זיך קעלבן, און ווען די ציגן, צי איז דאָ גענוג ווינטער־קאָרמע אָדער נישט, וויפֿיל מילך מען דאַרף אויף קעז און וויפֿיל פּאַר שפּייז — אַ פֿרעמדע וואָלט פֿון דעם אַלעם נישט געוווסט, און אַ פֿרעמדע איז אפשר גאָרנישט צו קריגן.

אָ, אַקסל האָט אָפֿט געטראַכט וועגן פּטור ווערן פֿון באַרבראָן און צונעמען אַן אַנדער מיידל; זי איז געווען צומאָל אַזוי שלעכט, אַז ער האָט כּמעט ווי מורא געהאַט פֿאַר איר. אפֿילו ווען ער האָט געהאַט דאָס אומגליק צו לעבן בשלום מיט איר און צו געניסן פֿון איר ליבע, האָט ער אָפֿט זיך צוריקגעצויגן און זיך געשראָקן פֿאַר איר משוגעהדיקער אויפֿפֿירונג; אמת, זי איז געווען שיין, און זי האָט געקאָנט זיין וואויל, ליב, און אַזוי פֿעסט אַרומנעמען אים מיט אירע אָרעמס. נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, נישט איצט. ניין, אַ דאַנק — באַרבראַ וויל נישט איבערחזרן אָט די קלאָגעדיקע געשיכטע! אָבער, ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו ענדערן... — לאָמיר זשע גלייך חתונה האָבן, — האָט אַקסל געזאָגט, צושטייענדיק צו איר.

— גלייך? — האָט זי געזאָגט. — ניין; איך מוז צוערשט זיין אין שטאָט וועגן מיינע ציין, זיי זענען שוין באַלד אַלע קאַליע.

האָט מען גאָרנישט געקאָנט מאַכן, און אַלץ איז געגאַנגען ווי געווען. באַרבראָ האָט נישט באַקומען קיין באַשטימטע שכירות איצט, אָבער זי האָט געהאַט אַ סך מער ווי שכירות. און יעדעס מאָל, וואָס זי האָט געבעטן געלט און ער האָט איר געגעבן, האָט זי געדאַנקט, ווי פֿאַר אַ מתּנה. אַקסל האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואו טוט זי אַהין דאָס געלט — אויף וואָס האָט זי געקאָנט באַדאַרפֿן געלט דאָ אין דער ווילדעניש? האָט זי געשפּאָרט פֿאַר זיך אַליין? אָבער צו וואָסער שוואַרץ יאָר האַלט זי אין איין שפּאָרן?

ס׳איז געווען אַ סך זאַכן, וואָס אַקסל האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. האָט ער איר נישט געשענקט קיין גאָלדן פֿינגערל — יאָ, אַן אמת גאָלדן פֿינגערל? און זיי האָבן אַ צייט געלעבט זייער גוט נאָך אָט דער מתּנה, אָבער נאָר אַ צייט; ער קאָן דאָך נישט האַלטן אין איין קויפֿן

פֿינגערלעך. בקיצור — קלערט זי צו פֿאַרלאָזן אים? פֿרויען זענען מאָדנע באַשעפֿענישן! שטייט ערגעץ גרייט נאָך אַ מאַן מיט אַ ווײַסער פֿערמע און מיט אייגענע בהמות, און וואַרט אויף איר? אַקסל האָט געהאַט גענוג גרונד צו קלאַפּן מיטן פֿויסט אין טיש פֿון פֿאַרדראָס איבער אָט די ווײַבער מיט זייערע נאַרישע שטימונגען.

אַ מאָדנע זאַך, ס'איז געווען קענטיק, אַז באַרבראָ האָט נישט קיין שום אַנדערע מחשבות אין קאָפּ, חוץ וועגן בערגען און וועגן שטאָטישן לעבן. נאָר אויב אַזוי, צוליב וואָס איז זי איגגאַנצן אַהערגעקומען? צוליב דער טעלעגראַמע בלויז פֿון איר פֿאָטער וואָלט זי זיך געוויס נישט געווען גערירט אפֿילו פֿון אָרט. זי האָט געמוזט האָבן אַנדערע טעמים. און דאָ איז זי אייביק אומצופֿרידן, פֿון אינדערפֿרי ביז נאַכט, יאָר איין יאָר אויס. די אַלע הילצערנע שעפֿלעך אָנשטאָט ריכטיקע אייזערנע עמערס; קיך-טעפּ אויפֿן אָרט פֿון פֿאַנען מיט הענטלעך; דאָס שטענדיקע קי-מעלקן אָנשטאָט אַ שפּאַציר-גאַנג אין דער מילך-קראָם; שווערע שטיוול, געלער זייף, אַ קישן אָנגעפּילט מיט היי, קיין מיליטערישע אָרקעסטרען קיין מענטשן. לעבן אָט אַזוי...

זיי האָבן געהאַט אַ סך קליינע קריגערייען צווישן זיך נאָך יענע גרויסער מחלוקת. — דו בעסער רעד נישט מער וועגן דעם, — האָט באַרבראָ געזאָגט, — טראַכסט גאָר נישט וועגן דעם, וואָס דו האָסט געטון מיט מײַן פֿאָטער?

האָט אַקסל געזאָגט: — וואָס האָב איך געטון?

— אַ, דו ווייסט אַליין זייער גוט, — האָט זי געזאָגט. — נאָר קיין טעלעגראַף-אינספּעקטאָר וועסטו נישט ווערן.

— האַ!

— ניין, איכ'ל עס נישט גלייבן, ביז איך וועל נישט זען.

— איך טויג נישט אפֿשר, מיינסטו?

— אָ, טויגן... יעדנפֿאַלס קאָנסטו נישט נישט לייענען, נישט שרײַבן, נעמסט קיינמאָל אפֿילו קיין צייטונג נישט אין האַנט אַרײַן.

— וואָס איז שייך, — האָט ער געזאָגט. — איך קאָן לייענען און שרײַבן אַזוי פֿיל, וויפֿיל איך באַדאַרף. און דו ביסט נאָר אַ גרויסער פּלוידער-זאַק.

— נאָ, אָט האָסטו דיר דיין רינג — האָט זי אויסגעשריגן און אַ וואָרף געטון דאָס זילבערנע פינגערל אויפן טיש.

— האַ! — האָט ער געזאָגט, און אַ ווײַלע שפּעטער — און וואָס איז מיטן צווייטן?

— אָ, אויב דו ווילסט דיינע פינגערלעך, נאָ זיי דיר, — האָט זי געזאָגט, און אָנגעהויבן אַראָפּציִען פון פינגער דאָס גאָלדענע רינגל.

— קאָנסט זיך זיין שלעכט וויפיל דו ווילסט, — האָט ער געזאָגט — אויב דו מיינסט, אַז מיך אַרט... און ער איז אַרויס פון שטוב.

און פאַרשטייט זיך, אַז באַלד נאָכדעם האָט באַרבראַ ווידער גע־טראָגן ביידע פינגערלעך.

מיט דער צייט האָט באַרבראַן אויך אויפגעהערט צו אַרן, וואָס אַקסל איז זי חושד אינם טויט פונם קינד. פאַרקערט, זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה. פאַרקערט, זי האָט זיך אין עפּעס מודה געווען, נאָר זי האָט געזאָגט:

— נו, און וואָס, אויב איך האָב עס דערטרונקען? דו לעבסט דאָ אין דער וויסטעניש און וואָס ווייסטו, ווי אין דער וועלט פירט זיך?

איינמאָל, בשעת זיי האָבן ווידער גערעדט וועגן דעם, האָט זי בעפּרוווט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ער נעמט די זאַך צו ערנסט, אַז זי מאַכט נישט דערפון מער וועזן, וויפיל ס'איז.

זי האָט געקענט צוויי מיידלעך אין בערגען, וועלכע האָבן דאָס געטון; איז איינע פון זיי פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי חדשים תּפיסה, ווייל זי איז געווען אַ נאַר און האָט דאָס קינד נישט געטויט אַליין, נאָר עס געלאָזט פאַרפרוירן ווערן; און די אַנדערע איז באַפרייט גע־וואָרן.

— ניין, — האָט באַרבראַ געזאָגט — דאָס געזעץ איז איצט נישט אַזוי שטרענג, ווי ס'איז געווען. און חוץ דעם, איז נישט אַלעמאָל דער־וואוסט מען זיך. — אַ מיידל איז געווען אין בערגען אין אַ האָטעל, האָט זי צוויי קינדער געטויט; זי האָט געשטאַמט פון קריסטיאַניאַ, און האָט דערנאָך געטראָגן אַ הוט מיט פעדערן. מ'האָט זי פאַרמשפּט אויף דריי

חדשים פאַרן צווייטן קינד, און וועגן ערשטן האָט מען זיך טאַקע נישט דערוואוסט.

אַזוי האָט באַרבראַ דערציילט.

אַקסל האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלעמען, און מער ווי אַלעמאָל זיך געשראָקן פאַר איר. ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרשטיין, ער האָט געזוכט אין דער פינסטערניש; נאָר באַרבראַ איז גערעכט, נאָך אַלעמען; ער נעמט די דאָזיקע זאַכן צו ערנסט. בשעת זי מיט איר פאַרד רבנקייט איז גאָר נישט ווערט קיין איינציקן ערנסטן געדאַנק. קינדער-מאָרד איז פאַר איר גאָרנישט, אַ געוויינטלעכע זאַך. זי טראַכט וועגן דעם בלויז מיט דער צעלאָזנקייט און מאָראַלישער גראָבקייט, וואָס מען קאָן דערוואַרטן פון אַ דינסטמיידל. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך נאָך דער פּאַסירונג: קיין שום סימן נישט פון חרטה, פון געוויסנסביסן; זי איז געווען רויק און רעדעוודיק ווי אַלעמאָל — אַ דינסטמיידל.

— איך מוז פאַרן היילן מיינע ציין — האָט זי געזאָגט — און איך וואָלט אויך אויף אַ „מאַנטעלעט" אַ בעלן געווען — מ'האָט דאָן געטראָגן אַ מין קורצע קראַגנס, וואָס איז געווען אין דער מאָדע, און באַרבראַ האָט דווקא געוואָלט האָבן אַזאַ „מאַנטעלעט".

און ווען זי האָט וועגן דעם אַלעם גערעדט אַזוי רויק, וואָס האָט אַקסל געקאָנט טון? און נישט אַלעמאָל איז ער געווען אַזוי זיכער אין זיין חשד. זי אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט מודה געווען. פאַרקערט, זי האָט תמיד געלייקנט, אָן כעס, אָן עקשנות, ווי אַ דינסט-מיידל לייקנט, אַז זי האָט צעבראָכן אַ טעלער, כאָטש זי האָט אים בפירוש צעבראָכן. נאָר עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן, און אַקסל האָט מער נישט געקאָנט עס פאַרטראָגן; איינמאָל איז ער געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער אינמיטן צימער, און אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט ביי אים אין קאָפּ. גרויסער גאָט! יעדער איינער האָט דאָך געזען, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זי איז געווען, אַז זי איז שוואַנגער! און איצט מיט איר שלאַנקער פיגור — וואו-זשע איז דאָס קינד? וואָס וועט זיין, אַז אַנדערע וועלן עס קומען זוכן? מ'וועט זיך נאָכפרעגן אויף דעם פריער אָדער שפעטער. און אויב ס'איז דעם קינד ווירקלעך קיין שלעכטס נישט געטון געוואָרן וואָלט דאָך געווען אַ סך גלייכער צו באַקלאָגן עס אויפן בית-עולם, נישט דאָרטן צווישן די קוסטן...

— ניין, ס׳וואָלט נאָר געווען אָ נגעמאַכט אַ טומל, — האָט באַרבראָ געזאָגט. — זיי וואָלטן עס געפּאַלמעסט און פאַרפירט אַן אויספאָרשונג. איך האָב נישט געוואָלט, מ׳זאָל מיר פאַרדרייען אַ קאָפּ.

— ס׳זאָל נאָר שפּעטער נישט אַרויסקומען ערגער, — האָט ער געזאָגט.

באַרבראָ האָט רויִק געענטפערט: — וואָס קלערסטו אַזוי וועגן דעם? זאָל עס ליגן, וואו עס ליגט. — און זי האָט מיט אַ שמייכל צוגע- געבן: — האָסט מורא, אַז ס׳וועט דיך פאַרפאָלגן? לאָז זיך אויס פון די נאַרישקייטן, און רעד נישט מער וועגן דעם.

— נו, גוט...

— האָב איך אפשר דערטרונקען דאָס קינד? איך האָב דיר גע- זאָגט, אַז ס׳האָט זיך אַליין דערטרונקען, בשעת איך האָב זיך אויסגע- גליטשט. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אַזעלכע זאַכן, ווי דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין! און סיי ווי וועט מען זיך קיינמאָל נישט דערוויסן, — האָט זי געזאָגט.

— אָבער מיט אינגערן פון סעלאַנראַאַ איז אויך אַזוי געווען, און מען האָט זיך דערוואוסט.

באַרבראָ האָט אַ רגע געקלערט. — גוט, מיך אַרט נישט, — האָט זי געזאָגט. — דאָס געזעץ איז אינגאַנצן אַנדערש איצט ווי אַמאָל, ווען דו זאָלסט לייענען צייטונגען, וואָלסטו געוואוסט. אַ סך טוען דאָס און ווערן מיט גאָרנישט נישט באַשטראָפט. — באַרבראָ הויבט אָן צו דערקלערן אים, צו לערנען אים קוקן אויף זאַכן מיט אַ ברייטערן בליק; נישט אומזיסט איז זי געווען אין דער וועלט און געזען און געהערט און זיך אויסגעלערנט אַזוי פיל. זי האָט געהאַט דריי הויפּט-אַרגומענטן, וועל- כע זי האָט, אומאויפהערלעך אַרויסגעשטעלט: ערשטנס, האָט זי עס נישט געטון. צווייטנס, איז עס נישט אַזאַ שרעקלעכע זאַך, אויב זי וואָלט עס יאָ געטון. און דריטנס, וועט מען זיך קיינמאָל נישט דערוויסן.

— יעדע זאַך ווערט מען געוואויר, דוכט מיר, — האָט ער געפּרוווט אָפּענטפערן.

— אָ, ניין! — האָט זי געענטפערט. און כדי אים איבעראַשן, אָדער אים צוגעבן מוט, אָדער אפשר צוליב בלויזער באַרימעריי, האָט

זי פּלוצים אַרייַנגעוואָרפן אַ באַמבע: — איך אַליין האָב עפּעס געטון, וואָס מ׳האָט עס קיינמאָל נישט געפונען.

— דו? — האָט ער געזאָגט, אינגאַנצן אַן איבעראַשטער. — וואָס האָסטו געטון?

— וואָס איך האָב געטון? געטויט עפּעס.

זי האָט אפשר אַליין נישט געמיינט צו גיין אַזוי וויַיט, נאָר זי האָט שוין געמוזט איצט גיין וויַיטער; ער איז געזעסן און געגלאָצט אויף איר. אָ, ס׳איז נישט געווען אַזוי פון ברוטאַלקייט, ווי פון בלויזער באַרימעריי, פון ווען אַרויסשטעלן זיך, פון וועלן אויספירן אינם וויכוח.

— גלייבסט מיר נישט? — האָט זי געזאָגט. — געדענקסט יענע בייעס אין צייטונג וועגן אַ קערפּערל פון אַ קינד, וואָס מען האָט געפונען לעבן האַפן? דאָס האָב איך עס דאָך געטון.

— וואָס? — האָט ער געזאָגט.

— אַ קערפּערל פון אַ קינד. דו געדענקסט קיינמאָל גאָרנישט. מיר האָבן וועגן דעם געלייענט אין דער צייטונג, וואָס דו האָסט געבראַכט.

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, פּלאַצט ער אויס: — דו מוזסט זיין חסר דעה!

נאָר זיין צעטומלונג האָט איר נאָך אונטערגעגעבן מער היץ, און זי האָט אָנגעהויבן דערציילן די פּרטים:

— איך האָב עס געהאַט אין מיין קאַסטן — ס׳איז געווען טויט — דאָס האָב איך געטון באַלד ווי ס׳איז געבוירן געוואָרן, און ווען מיר זענען צוגעקומען צום האַפן, האָב איך עס אַרייַנגעוואָרפן.

אַקסל איז געזעסן פינסטער און שטיל. און זי האָט וויַיטער דערציילט: דאָס איז געווען שוין לאַנג, שוין עטלעכע יאָר, בשעת זי איז געקומען קיין מאַאַגענלאַנד. איז אַט קאָן ער זען, אַז נישט אַלץ ווערט מען געוואויער, אָ, וויַיט נישט אַלץ! עס וואָלט געווען אַ שיינע זאַך, ווען אַלצדינג, וואָס מענטשן טוען, זאָל מען זיך דערוויסן! די אַלע פאַרהייראַטע מענטשן אין די שטעט, וואָס זיי טוען אַפּ? זיי טויטן זייערע קינדער נאָך איידער זיי ווערן געבוירן — דאָרטן זענען שוין פאַרהאַן דאָקטוירים, וואָס באַזאָרגן דאָס אַלץ. זיי ווילן נישט מער האָבן ווי איינס, אָדער אויב שוין אַ סך, איז צוויי קינדער, און אַ דאָקטאָר טויט

אָפּ דאָס קינד נאָך ביי דער מוטער אין לייב, האָ, אַקסל מעג איר גלייבן, אין שטאָט מאַכט מען גאָרנישט קיין ווען פון דעם.

— האָ! — האָט אַקסל געזאָגט, — אויב אַזוי, ביסטו פון צווייטן קינד אויך פטור געוואָרן אויף דעם זעלבן אופן?

— ניין, פון דעם נישט, — האָט זי געענטפערט גאַנץ געמיטלעך, — ווייל איך האָב גאָרנישט געהאַט בייטיק, — און ווידער האָלט זי אין איין באַווייזן, אַז ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווען זי וואָלט עס אפילו יאָ געוואָלט געטון. זי האָט זיך צוגעוואוינט צו טראַכטן וועגן דעם גאַנץ רויִק; סהאָט זי נישט גערירט איצט. דאָס ערשטע מאָל איז אפשר געווען אַ ביסל נישט אָנגענעם, אַ מין אומרויִק געפיל, צו טויטן אַ קינד; אָבער דאָס צווייטע? פאַר איר איז דאָס געווען בלויז געשיכטע: אַ זאַך, וואָס איז געשען און וואָס קאָן ווידער געשען.

אַקסל איז אַרויס פון שטוב מיט אַ שווערן קאָפּ. ער איז נישט געווען אַזוי באַזאָרגט, וואָס באַרבראַ האָט געטויט איר ערשט קינד — דאָס האָט אים קנאַפּ וואָס געאַרט. וואָס זי האָט בכלל געהאַט אַ קינד, איידער זי איז אָנגעקומען צו אים, איז אויך גאָרנישט; זי איז נישט געווען קיין צנועה, און האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעשטעלט פאַר אַזאַ; פאַרקערט, זי האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון איר געניטקייט און פיל טונקעלע זאַכן און אפילו אים געפּרוווט לערנען. נאָר דאָס לעצטע קינד, דאָס טוט אים באַנג. אַ קליין יינגעלע, אַ קליין, ווייס נפשל איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע! אויב זי איז שולדיק אין דעם קינדס טויט, האָט זי אים געטון אַ גרויסע עוולה. זי האָט אומגעבראַכט אַ זאַך, וואָס איז אים אַזוי טייער און וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרגיטיקט ווערן. נאָר ס'קאָן זיין, אַז ער איז אומגערעכט — אפשר האָט זי זיך טאַקע אויסגעגליטשט. ווי קומט אָבער די שמאַטע — דאָס שטיקל העמד, וואָס זי האָט מיטגענומען...

דערנאָך זענען די שעהן געלאָפן; מיטאָג-צייט איז געקומען, און דערנאָך אָוונט. אַקסל האָט זיך געלייגט שלאָפן, און געלעגן וואַך אין דער פינסטער אַ לענגערע צייט; דערנאָך איז ער איינגעשלאָפן, און אָפּגעשלאָפן ביז אין דער פרי און דאַן איז געקומען אַ נייער טאָג, און נאָך יענעם טאָג אַנדערע טעג...

באַרבראַ איז געווען די זעלבע, וואָס שטענדיק, זי האָט געוווּסט

צופיל פון דער וועלט און לייכט זיך באַצויגן צו אַ סך קליינקייטן, וואָס זענען דאָ אין דער וויסטעניש געווען שרעקלעכע און ערנסטע ז כן. ס'איז געווען גוט אין אַ געוויסן פּרט; זי איז געווען קלוג פאַר זיי ביידן און זאָרגלאָז פאַר ביידן; און סוף כל סוף האָט זי גאָרנישט אויסגע־זען פאַר אַ געפערלעכן מענטשן. פאַרקערט אַ געפערלעכע בריאה? באַיין אופן נישט. אדרבא, אַ שיין מיידל, מיט בלויע אויגן מיט אַ ביסל אַ פּאַ־ריסענער נאָז, און אַ געשיקטע אַרבעטערין. ס'איז איר נאָר נמאס אַ ביסל די פּ רמע מיט די הילצערנע כלים, וואָס מען מוז אַלע מאָל רייבן און רייניקן; אַקסל אַליין איז איר אויך אַ ביסל נמאס, און דאָס גאַנצע קלאָגעדיקע לעבן, וואָס זי פירט דאָ. אָבער זי האָט נאָך קיינמאָל קיין איין שאָף נישט דערהרגעט און באַנאַכט איז זי נישט געשטאַנען איבער אַקסלען מיט קיין אויפגעהויבן מעסער.

בלויז איינמאָל האָט געטראָפן, אַז זיי האָבן זיך ווידער צערעדט וועגן דעם גופל אין וואַלד. אַקסל איז נאָך אַלץ באַשטאַנען אויף זייַנעם, אַז מען האָט עס געדאַרפט באַגראָבן אויפן בית־עולם; נאָר זי האָט זיך געהאַלטן באַ אירן, אַז אַזוי איז גלייכער. און דערביי האָט זי עפעס אויס־געזאָגט, וואָס האָט געוויזן, אַז זי האָט גוט אַלץ באַרעכנט — האָ, זי איז געווען גענוג כיטרע, און געזען ווייטער פונם שפּיץ נאָז אירן; זי האָט געקאָנט טראַכטן מיט איר קליין ווילד מוחל:

— אויב די זאַך זאָל אפילו אַרויסשווימען, וועל איך גיין און איבער־רעדן מיטן לענסמאַנד; איך האָב ביי אים געדינט. און פרוי הייערדאַל, זי וועט אויך זאָגן אַ וואָרט פאַר מיר. נישט אַלע קאָנען קריגן אַזעלכע מענטשן צו הילף, און זיי קומען אויך אָפּ מיט גאָרנישט און חוץ דעם איז דאָ מיין פאָטער, וואָס קאָן זיך מיט אַלע גרויסע לייט...

אַקסל האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— וואָס, דו גלויבסט נישט?

— מיינסטו, אַז דיין פאָטער וועט קאָנען עפעס טון אין דעם?

— אַ סך וויסטו, — האָט זי געזאָגט ברוגז. — געדענק בעסער, אַז דו האָסט אים בדלות געשטעלט, צוגענומען זיין פערמע און דעם ביסן פון מויל.

זי האָט אַליין באַדאַרפט וויסן, אַז איר פּאַטערס רעפּוטאַציע האָט שטאַרק געליטן לעצטנס, און אַז דאָס קאָן איר אויך שאַדן. וואָס האָט אַקסל געקאָנט איר ענטפערן? גאָרנישט. ער איז געווען אַ שטילער מענטש, אַן אַרבעטער.

III

יענעם ווינטער איז אַקסל ווידער געבליבן איינער אַליין אין מאַנלאַנד, באַרבראַ איז אַוועקגעפאָרן, יאָ, דאָס איז געווען דער סוף.

איר נסיעה אין שטאָט אַריין וועט נישט געדויערן לאַנג, האָט זי געזאָגט; ס'איז נישט אַ רייזע קיין בערגען; נאָר זי קאָן נישט זיצן דאָ און פאַרלירן איין צאָן נאָכן אַנדערן, ביז זי וועט האָבן א מויל ווי א קאַלב.

— וויפיל וועט עס קאָסטן? — האָט אַקסל געפרעגט.

— פון וואַנעט זאָל איך וויסן? — האָט זי געענטפערט — נאָר, יעדנפאַלס, וועט עס דיך גאָרנישט קאָסטן. איך וועל דאָס געלט באַלד אָפּפאַרדינען.

זי האָט אים אויך געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זי מוז גראַד איצט פאָרן; איצט איז פאַרהאַן נאָר צוויי קי צו מעלקן, און צו פרילינג-צו וועט שוין זיין נאָך צוויי, חוץ די אַלע ציגן און ציגעלעך, און ס'וועט אונטערקומען דער היי-שניט, וועט שוין זיין אַרבעט גענוג ביז יוני אַריבער.

— טו, ווי דיר געפעלט — האָט אַקסל געזאָגט.

ס'וועט אים נישט קאָסטן גאָרנישט, ניין. נאָר זי מוז דאָך האָבן

עפעס געלט אויף הוצאות, אַ קלייניקייט — און אויף צו באַצאָלן דעם דענטיסט, און חוץ דעם, וויל זי זיך קויפן אַ „מאַנטעלעט“ און עטלעכע אַנדערע קלייניקייטן. נאָר, פאַרשטייט זיך, זי קאָן נישט קויפן אויך, אויב ער וויל נישט.

— האָסט באַקומען גענוג געלט ביז איצט — האָט ער גע־זאָגט.

— ה־מ — האָט זי געענטפערט — יעדנפאַלס, האָב איך עס נישט.

— האָסטו נישט אָפּגעשפּאָרט גאָרנישט?

— אָפּגעשפּאָרט? קאָנסט זוכן אין מיין קופערט, אויב דו ווילסט. כ׳האָב קיינמאָל גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט, אין בערגען אויך נישט, און כ׳האָב באַקומען גרעסערע שכירות דאָרטן.

— איך האָב נישט קיין געלט — האָט ער געזאָגט.

ער האָט ווייניק צוטרויען געהאַט צו אַ־ר, אַז זי וועט זיך אומ־קערן צוריק, און זי האָט אים אַזוי געפּלאָגט מיט אירע קאַפּריזן, אַז ער איז צולעצט געוואָרן גלייכגילטיק. און הגם ער האָט איר דאָך געגעבן געלט, — אָבער זייער ווייניק, נאָר ער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ווען זי האָט איינגעפּאַקט אַ גרויסן פּאַק מיט שפּייז מיטצונעמען, און ער האָט אַליין זי מיט איר קופערט אַראָפּגעפירט אין דאָרף אַריין צו דער שיף.

און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

ער וואָלט געוועץ געקאָנט אויסקומען אַליין, ער האָט דאָס שוין באַוויזן אַמאָל פריער, נאָר ס׳איז געווען שווער איבער די בהמות; ווען ער וועט דאַרפן אַוועקגיין, וועט קיינער נישט זיין, ווער ס׳זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. דער קרעמער אין דאָרף האָט אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל צונעמען אַלינאַן אויף איבערן ווינטער; אָט איז זי דאָך געווען אין סע־לאַנראַא אַ רייע מיט יאָרן; זי איז שוין אַלט, פאַרשטייט זיך, אָבער דאָך געניט און נאָך גענוג רירעוודיק. און אַקסל האָט געשיקט רופן אַלינאַן, נאָר זי איז נישט געקומען און נישט געלאָזט הערן פון זיך.

דערווייל האָט אַקסל געאַרבעט אין וואַלד, געדרעשט זיין קליינעם שניט קאָרן און באַזאָרגט זיינע בהמות. ס׳איז געווען אַ שטיל און עלנט לעבן. ווען־נישט־ווען פלעגט סיוועֶרט פון סעלאַנראַאַ דורכפאָרן אויף זיין

וועג הין און צוריק פון דאָרף; אַהין האָט ער געפירט האָלץ, אָדער פעל, אָדער מילך, פּראָדוקטן, נאָר זעלטן-ווען פלעגט ער עפּעס פירן צוריק; סעלאַבראַא האָט ווייניק וואָס געקויפט אין דאָרף.

ווען-נישט-ווען פלעגט אויך ברעד פּאַרבייגיין, די לעצטע צייט גאָר אָפטלעך. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסצייכענען פאַר די טעלעגראַף-געזעלשאַפט אין דער קורצער צייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, כדי איי צוהאַלטן דעם פּאָסטן אויף ווייטער. ער איז איצט קיינמאָל נישט אַריינגעקומען צו אַקסלען, זינט באַרבראָ איז אַוועק, נאָר געגאַנגען גלייך פאַרביי, — נישט געאַכט, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין ברייזדאַבליק. איינמאָל ווען ער איז דורכגעגאַנגען און זיך אַפילו נישט באַגריסט, האָט אַקסל אים אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט, ווען ער האָט זיך בדעה זיך אַרויסצוציִען פון ברייזדאַבליק.

— וואָס איז מיט באַרבראָן, ווי אַזוי האָט איר זיך צעשיידט? — האָט ברעד צוריק געפרעגט. און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט: — האָסט זי אַוועקגעשיקט אָן געלט, אָן שום מיטלען, און ס'האָט געהאַלטן דערביי, זי זאָל נישט קאָנען דערפאָרן ביז בערגען.

— אַזוי! איז זי אין בערגען?

— יאָ, ענדלעך איז זי אָנגעקומען אַהין, שרייבט זי, נאָר נישט דיר האָט זי עס צו פאַרדאַנקען.

— איצט וועל איך אייך גלייך אַרויסזעצן פון ברייזדאַבליק, — האָט אַקסל געזאָגט.

— יאָ, ווײַל דו ביסט ביז איצט געווען אַזוי גוט, — האָט ברעד מיט שפּאָט געענטפערט. — נאָך ניי-יאָר וועלן מיר זיך אַליין אַרויס-ציִען, — האָט ער געזאָגט, און איז אַוועק ווייטער.

איז באַרבראָ אַוועק קיין בערגען — יאָ, טאַקע אַזוי ווי ער האָט גערעכנט. אַקסל האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן. צום האַרצן? ניין; ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז פון איר פּטור געוואָרן. נאָר פונ-דעסטוועגן האָט ער נאָך ביז היינט געהאָפט, אַז זי וועט זיך אפשר נאָך אומקערן. ס'איז געווען אומזיניק, נאָר ער איז פאָרט געווען צוגעבונדן צו איר, צו אָט דער מרשעת: זי האָט געהאַט אירע ליבע רגעס, אומ-פאַרגעסלעכע רגעס, און ס'איז געווען בכיוון, כדי צו שטערן איר צו פאָרן קיין בערגען, האָט ער איר געגעבן אַזוי ווייניק געלט. און איצט

איז זי דאָך אַוועק אַהין. עטלעכע קליידער אירע זענען נאָך געהאָנגען אויף דער וואַנט, און אין קאַמער איז געלעגן אירער אַ שטרויענער הוט באַפּוצט מיט פויגל־פעדערן, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, — נאָר זי איז נישט געקומען זיי נעמען. יאָ, עס האָט אים אַ ביסל פּאַרט געאַרט! און ווי אַ שפּאַט און אַ חוזק איבער זיך האָט ער געפילט, ווען ס׳איז ווייטער אָנגעקומען די צייטונג, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פאַר איר, און זי וועט נישט אויפהערן אָנצוקומען ביזן נייעם יאָר.

נאָר מילא, ס׳זענען געווען אַנדערע זאַכן וועגן וואָס צו קלערן. ער מוז זיך האַלטן ווי אַ מאַן.

דעם קומענדיקן פרילינג וועט ער דאַרפן אויפשטעלן אַ קאַמער ביי דער צפון־וואַנט פונם הויז; דאָס געהילץ דאַרף מען אויסהאַקן אים ווינטער, און עס צעשניידן אויף ברעטער. אַקסל האָט גישט געהאַט קיין וואַלד אויף זיין לאַנד, אָבער אַ געוויסע צאָל טענענבוימער זענען געווען צעוואָרפן דאָ און דאָרט, און ער האָט אָנגעצייכנט אויסצוהאַקן יענע, וואָס אויף דער זייט צו סעלאַנראַא־צו, כדי צו האָבן דעם קירצסטן וועג אַרויפצופירן זיי צו דער זעגמיל.

און אין איינעם אַן אינדערפרי גיט ער די בהמות אַן עקסטראַ פּאַרציע קאָרמע, ס׳זאָל זיי סטייען ביזן אָוונט, פאַרשפּאַרט אַלע טירן און גייט אַוועק האַקן די ביימער. חוץ דער האַק און אַ קיישל מיט שפּייז, האָט ער נאָך מיטגענומען אַ גראַבליע אַוועקצושאַרן דעם שניי. דאָס וועטער איז געווען מילד; מיט אַ טאָג פריִער איז געווען אַ שווערער שניי־שטורם, נאָר איצט האָט ער אויפגעהערט. ער גייט מיט די טעלעגראַף־סלופּעס דעם גאַנצן וועג ביז צום אָנגעצייכנטן אָרט, דאָרטן טוט ער אויס דאָס רעקל און נעמט זיך צו דער אַרבעט. ווען די ביימער זענען שוין אויסגעהאַקט, שניידט ער אַרום די צווייגן, מאַכט די שטאַמען ריין און שאַרט צונויף די צווייגן און שפּענער אין הויפנס.

ברעד אָלסען קומט אָן אויף זיין וועג אַרויפצו — דער טעלעגראַף איז געשעדיקט, אַפנים, נאָך דעם נעכטיקן שטורם, אָדער ס׳קאָן זיין אַז ברעד גייט גלאַט אַזוי — האַ, ער האָט לעצטנס פּלייסיק אָפּגעהיטן זיין אַמט! זיי האָבּ אָבער נישט גערעדט און אפילו זיך נישט באַגריסט.

דאָס וועטער בייט זיך נאָכאַמאָל, ס׳הויבט אָן בלאָזן אַ ווינט. אַקסל באַמערקט עס, נאָר ער זעצט פאָר זיין אַרבעט. ס׳איז שוין לאַנג נאָכן

האַלבן טאָג, און ער האָט נאָך גאָרנישט געגעסן. ער האַקט פונקט אַ גרויסן, שווערן בוים, און מיט אַמאָל, ער באַווייזט נישט אָפּצושפּרינגען אין אַ זייט, ווי דער בוים פאַלט און וואַרפט אים אום אויף דער ערד. ווי אַזוי איז דאָס געשען? ס'איז געווען אַ גרויסער, שווערער בוים און ער האָט זיך געשאָקלט; אַקסל האָט אויסגערעכנט, אַז ער וועט פאַלן אויף איין זייט, דער שטורם — אויף אַ צווייטע, און דער שטורם געווינט. ער וואָלט נאָך אפשר געווען געקאָנט זיך פאַרהיטן, נאָר די ערד איז געווען באַדעקט מיט שניי, אַקסל האָט געטון אַ פאַלשן טראָט און אַריין מיט אַ פוס אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז, איז ער אומגעפאַלן און צוגעדריקט געוואָרן מיט דער משא פונם בוים.

עס וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווען ער זאָל נישט געווען פאַלן אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן: — ער האָט זיך נישט צעבראָכן די ביינער, אויף ווי ווייט ער האָט געפילט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן. אַ ווײַלע שפּעטער באַפרייט ער איין האַנט, זיך אונטערשפּאַרנדיק אויף דער צווייטער, נאָר די האַק קאָן ער נישט דערלאַנגען. ער קוקט זיך אַרום, באַטראַכט זיך, ווי יעטוועדע חיה אין אַ נעץ וואָלט געטון; קוקט זיך אַרום און באַקלערט און דרייט זיך אונטערן בוים. ברעד מוז דאָ באַלד פאַרבייגיין אויף זיין וועג צוריק, טראַכט ער צו זיך אַליין, און אָטעמט שווער אָפּ.

צוערשט האָט ער זיך נישט איבעריק געזאָרגט איבער זיין צושטאַנד, ס'איז נאָר אַ שאָד די צייט, וואָס ער פאַרלירט. ער טראַכט גאָרנישט, אַז ער איז אין אַ געפאַר, אין אַ געפאַר צו פאַרלירן דאָס לעבן. אמת, ער פילט, אַז די האַנט, וואָס ער ליגט אָנגעשפּאַרט אויף איר, ווערט אָפּגעטעמפּט, זיין פוס אינם שפּאַלט ווערט קעלטער און הילפלאָזער; נאָר ס'איז נישט מסוכן, באַלד וועט ברעד אָנקומען.

ברעד קומט אָבער נישט.

דער שטורם האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער שניי האָט אָנגעהויבן שמייסן שטאַרק אין פנים. האָ, דער ווינט ווערט שטאַרקער, האָט ער צו זיך געזאָגט, נאָר נאָך אַלץ גאַנץ רויק, ווי ער וואָלט בלויז געוואונקען צו זיך אַליין: היט זיך, די לאַגע ווערט ערנסט! נאָך אַ לענגערע ווײַלע לאָזט ער אַרויס אַן איינציקן רוף. דער קלאַנג וועט קוים דערגרייכן ווייט ביי אַזאַ שטורם, נאָר ער וועט זיך אַלנפאַלס טראָגן מיטן וועג

אַרויפצו צו בּרעדן ! אַקסל ליגט, און אומזיסטע נוצלאָזע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אים אין קאָפּ. ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט דערלאַנגען די האַק, וואָלט ער אפשר זיך דורכגעהאַקט אַ וועג ! ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט אויפהייבן די האַנט — זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין עפּעס שאַרפס, אין אַ שפּיץ פון אַ שטיין, אין דער שפּיץ האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם איינגע־געסן אין זיין האַנט. ווען אָט דער פאַרשאָלטענער שטיין וואָלט נאָר נישט געווען ! נאָר קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ גוטהאַרציקייט מצד אַ שטיין.

ס'ווערט שפּעט, ס'ווערט נאָך שפּעטער, דער שניי פאַלט געדיכט. אַקסל אַליין ווערט פאַרשנייט. דער שניי פאַלט זאָרגלאָז אויף זיין פּנים און צעגייט, אָבער באַלד ווערט דאָס פּנים קאַלט און דער שניי צעגייט שוין מער נישט, יאָ, איצט ווערט די לאַגע אויף אַן אמת ערנסט !

ער לאָזט אַרויס צוויי גרויסע געשרייען — און הערט זיך צו.

די האַק ווערט אויך פאַרשאָטן ; ער זעט שוין בלויז דעם העק פונם הענטל. דאָרטן הענגט זיין קיישל מיט שפּייז אויף אַ בוים — ווען ער וואָלט עס נאָר נעקאָנט דערלאַנגען, און עפּעס אַ ביס טון — אָ, גרויסע, שווערע ביסנס ! און דערנאָך גייט ער נאָך אַ טראָט ווייטער אין זיינע פאַרלאַנגען : ווען ער וואָלט געהאַט זיין אויבערראָק אויף זיך — ס'ווערט קאַלט. ער טוט ווידער אַ געשריי...

און אָט איז בּרעד געבּליבן שטיין, און קוקט זיך אום ; ער שטייט אַ רגע, ווי צו זען, וואָס האָט דאָרטן געטראָפן.

— דערלאַנגט מיר די האַק. אָט דאָ. — שרייט אַקסל מיט אַן אָפּ־געשוואַכטן קול.

בּרעד קוקט אין אַ זייט, ער ווייסט שוין, וואָס דאָ האָט געטראָפן ; ער קוקט אַרויף צו די טעלעגראַף־דראָטן, און זעט אויס, ווי ער וואָלט אונטערגעפּייפט. וואָס איז ער משוגע געוואָרן ?

— אָט דאָ, דערלאַנגט מיר די האַק, — שרייט אַקסל העכער, — איך ליג אונטער אַ בוים.

נאָר בּרעד איז מאָדנע פאַרטיפט אין זיינע פליכטן איצט, ער זעט נישט גאַרנישט, ער האַלט אין איין קוקן אויף די דראָטן און פּייפט אונטער. און ער פּייפט אַזוי לוסטיק, מיט נקמה !

— איר ווילט מיך אומברענגען, — אפילו נישט דערלאַנגען די

האַק מיר, — שרייט אַקסל, אָבער ברעד,זעט אויס, איז שטאַרק צעטראָגן, וואָס די דראָטן זענען געשעדיקט אויף דער ליניע, ער מוז גלייך גיין נאָכזען; ער שפּאַנט אַוועק, און אַקסל זעט אים מער נישט אָן.

האַ! — אַזוי! ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער קאָן איצט אַליין צוקומען צו דער האַק! ער שטרענגט אָן אַלע מוסקולן פון זיין ברוסט־קאַסטן אונטערצוהייבן די ריזיקע משא, וואָס דריקט אים; דער בוים רירט זיך, ער פילט, ווי דער בוים האָט זיך אַ וויג געטון, אָבער עס קומט גאָרנישט אַרויס. נאָר דער שניי שיט זיך אויף אים, נאָך עטלעכע אומזיסטע פּרוּוון — און ער הערט אויף.

ס'ווערט פינסטער איצט. ברעד איז אַוועק — אָבער ווי ווייט קאָן ער זיין? אַקסל שרייט נאָכאַמאָל, און לאָזט פאַלן עטלעכע שאַרפע ווערטער:

— מיך לאָזן דאַ ליגן ווילסטו, דו מערדער, איינער האָסטו גאָר קיין האַרץ און קיין נשמה נישט? פאַר איין ריר מיט דער האַנט קאָנסטו אַ קו פון מיר באַקומען, נאָר דו ביסט אַ הונט, ברעד, ווילסט מיך לאָזן שטאַרבן! נאָר אַלע וועלן דאָס וויסן, געדענק, ווי דו זעסט מיך אַ ליגנדיקן דאָ! קאָנסט נישט צוגיין און מיר דערלאַנגען די האַק?...

שטיל. אַקסל שטרענגט זיך אָן נאָכאַמאָל, הויבט אונטער דעם בוים אַ ביסל און באַקומט אַ נייעם גוס שניי אין פּנים אַריין. ער איז זיך מיאש און קרעכצט נאָר; ער איז אויסגעמאַטערט און ווערט שלעפעריק. דאָרטן זענען די בהמות אין דער היים, זיי שטייגן אין שטיבל און מרוקען נאָך קאָרמע, קיין ביסן, קיין טראָפּן פון אינדערפרי אָן; נישטאָ באַרבראַ, ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אויף זיי — ניין. באַרבראָ איז אַוועק, און נאָך מיטגענומען ביידע פינגערלעך מיט זיך. ס'ווערט פינסטערער איצט, יאָ, אָוונט, נאַכט; נו, גוט...אָבער די קעלט; זיין באָרד פרירט, באַלד וועלן זיינע אויגן אויך פרירן; ווען ער וואָלט כאָטש נאָר געהאַט זיין רעקל, תּוֹך בוים דאָרטן... און איצט די פיס — איין פוס איז טויט ביז איבער דער קני — אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט — זאָגט ער צו זיך אַליין — ס'זעט אויס, אַז ער קאָן רעדן גאָטספאָרכטיק און פרום, ווען ער דאַרף. ס'ווערט פינסטער, יאָ; ער וועט דאָ שטאַרבן אפילו אָן אַ ליכט! ער פילט זיך אַזוי מילד און גוט איצט, און פון גוטסקייט און הכנעה שהייכלט ער נאַריש — ס'איז גאָטס שניי, ריינער, אומשולדי־

קער שניי! יאָ, ער קאָן אפילו ברעדן מוחל זיין, און קיינמאָל נישט דערמאָנען קיי וואָרט...

ער ליגט שטיל און ווערט מער און מער שלעפעריק, ווי אַ מין סם וואָלט אים אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט. אַזוי פיל ווייס שווימט פאַר די אויגן, וועלדער און לענדער, גרויסע פליגלען, ווייסע שלייערן, ווייסע זעגלען; ווייס, ווייס... וואָס קאָן עס זיין? נאַרישקייטן! ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז נאָר שניי; ער ליגט אין שניי; ס'איז נישט קיין חלום, ער ליגט באַוראָבן אונטער אַ בוים.

ער שרייט ווידער, ער רעוועט.

די ברייטע האָריקע ברוסט ליגט אין שניי און פרעסט פון זיך אויס געשרייען, וואָס דערטראָגן זיך געוויס — ביז צו די בהמות אין שטאָל אריין; ער שרייט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

— ביסט אַ חזיר, אַ ווילדע חיה! — שרייט ער נאָך ברעדן — האָסטו זיך באַטראַכט, וואָס דו טוסט, לאָזסט מיך ליגן דאָ און שטאַרבן? ווילסט מיר נישט דערלאַנגען די האַק, פרעג איך דיך? ביסטו אַ מענטש אָדער אַ חיה? גוט, גיי זיך דיר, זאָל דיר גאָט העלפן, אויב דו ווילסט אַזוי...

ער איז, ווייזט אויס, געשלאָפן; ער איז אינגאַנצן פאַרשטייפט און לעבנסלאָז, נאָר זיינע אויגן זענען אָפן; געפרווירן, נאָר אָפן; ער קאָן נישט ווינקען, נישט פינטלען — איז ער געשלאָפן מיט אָפענע אויגן? אפשר איז ער אַנדרימלט געוואָרן אויף אַ רגע, און אפשר אויף אַ שעה, גאָט ווייסט, — נאָר אָט שטייט אָלינאַ! ער הערט, ווי זי פרעגט:

— אין יעזוסעס נאָמען, דו לעבסט? ווי קומסטו אַהער?

יאָ, ס'איז אָלינאַ, זי איז דאָ.

ווי אַ שאַקאַל איז זי, די אָלינאַ. זוכט און נישטערט און דערשמעקט תמיד, וואו עפּעס אַ צרה; יאָ, זי דערשמעקט מיט איר נאָז. און ווי אַנדערש וואָלט זי דען באַוויזן דורכצוקומען איר לעבן? מען האָט איר איבערגעגעבן, זאָגט זי, אַז אַקסל רופט זי, איז נישט קוקנדיק אויף אַלע אירע זיבעציק יאָר, איז זי אַריבער איבער די בערג און געקומען. זי האָט זיך פאַרהאַלטן נעכטן אין סעלאַנראַא איבערן שטורם, און היינט איז זי אַוועק קיין מאַאַענלאַנד, און האָט דאָרטן קיינעם נישט געטראָפן; האָט זי אָנגעקאָרמעט די בהמות און זיך געשטעלט אויף דער שוועל

צוצוהערן; ווען מען האָט געדאַרפט מעלקן די קי, האָט זי זיי אויסגעמאָלקן, און דערנאָך ווייטער זיך צוגעהערט; זי האָט גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן... מיטאַמאָל הער־ט זי עפּעס אַ קול, האָט זי זיך געטראַכט: עס מוז זיין אָדער אַקסל, אָדער עפּעס אַ שד, סיי ווי דאַרף מען גיין אַ קוק געבן, זען די גבורה פונם אַלמעכטיקן ביי אַזאַ געוויטער אין וואַלד — אָלינאַן וועט ער קיינמאָל נישט לאָזן טון שלעכטס; וואָס איז זי? נישט ווערט אפילו אויפצובינדן די שנירלעך פון זיינע שיך...

און איצט איז זי דאָ.

די האַק? אָלינאַ גראָבט און גראָבט אין שניי, און געפינט נישט קיין האַק. וויל זי פרוּוון אָן דער האַק — און זי לענט זיך אָן אויפן בוים, וויל אים אונטערהייבן; זי איז אָבער שוואַך, ווי אַ קינד; קוים וואָס זי טרייסלט די צווייגן; פּרוּווט זי נאָכאַמאָל זוכן די האַק — ס׳איז פינסטער, נאָר זי גראָבט מיט די הענט און מיט די פיס. אַקסל קאָן נישט רירן מיט קיין האַנט אָנצווייזן איר וואו די האַק ליגט, ער קאָן נאָר זאָגן, וואו זי איז געלעגן, נאָר זי איז דאָרטן נישטאָ. — ווען ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי ווייט פון סעלאַנראַא, — זאָגט אַקסל.

דאַן הייבט אָן אָלינאַ ווידער צו זוכן, אויף איר אייגענעם שטייגער; אַקסל שרייט צו איר, אַז דאָרטן איז די האַק נישטאָ. — גוט, גוט, — זאָגט אָלינאַ, — איך וועל נאָר אַ קוק געבן. און וואָס איז דאָס?

— געפונען? — פרעגט ער.

— יאָ, מיט גאָטס חסד, — ענטפערט אָלינאַ מיט גר.יס שטאָלץ.

נאָר אַקסל איז איצט נישט שטאָלץ, ער גיט נאָך, אַז אפשר האָט ער נישט געוואוסט גענוי, און אפשר איז אים אַ ביסל צעמישט אין קאָפּ. און וואָס קאָן ער טון מיט דער האַק? ער קאָן זיך נישט רירן, און אָלינאַ מוז אַליין פרוּוון אים באַפרייען.

אָ, אָלינאַ האָט שוין געהאַלטן אַמאָל אַ האַק אין האַנט; זי האָט גענוג האָלץ געהאַקט אין איר לעבן!

אַקסל קאָן נישט גיין, איין פוס איז אים טויט ביז איבער דער קני, און עס שטעכט אים אין דער פּלייצע, אַשאַרפער ווייטיק, אַז ער ווײנט שיִער נישט — יאָ, ער פילט נאָר אַ טייל פון זיין קערפּער, און דער

צווייטער טייל, ווי ער וואַלט נאָך אַלץ געליגן דאָרטן אונטערן בוים. — כ׳ווייס נישט, — זאָגט ער, — כ׳ווייס נישט, וואָס דאָס קאָן זיין... — נאָר אַלינאַ ווייסט און זאָגט עס אים מיט איינדרוקספולע ווערטער; יאָ, ווייל זי האָט מציל געווען אַ מענטש פון טויט, און זי ווייסט עס; ס׳איז דער אַלמעכטיקער, וועלכער האָט איר איבערגעגעבן אָט די שליחות, כאָטש ער האָט געקאָנט שיקן מחנות מיט מלאכים. זאָל אַקסל זען גאָטס גרויסן גענאָד און אומענדלעכע חכמה! וואָלט זיין ווילן געווען, וואָלט ער אפילו אַ וואָרעם פון דער ערד געקאָנט שיקן צו הילף. אַלץ קאָן ער.

— יאָ, איך ווייס, — האָט אַקסל געזאָגט. — נאָר איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיר, כ׳פיל זיך אַזוי מאָדנע...

מאָדנע? אָ, נאָר וואַרט צו, וואַרט אַ ביסל. ער דאַרף גיין פּאַמע-לעך, זיך אויסצי׳ען, און דאָס לעבן וועט צוריק קומען. און זאָל ער אָנ-טון דאָס רעקל, וועט אים וואַרימער ווערן. נאָר קיינמאָל אין איר גאַנץ לעבן וועט זי נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי דער מלאך פון גאָט האָט זי אַרויסגערופן צו ד״ר טיר-שוועל, זי זאָל קאָנען דערהערן אַ קול — אַ קול, וואָס רופט פונם וואַלד. יאָ, ס׳איז ממש ווי אין די צייטן פונם גן-עדן, ווען טרומפּייטן האָבן געשאַלט ביי די ווענט פון יריחו...

יאָ, מאָדנע! ביז זי רעדט אַזוי, האָט אַקסל זיך דערווייל פּאַוואָליע באַוועגט, זיך צוגעוויינט ווידער צו נוצן זיינע אברים, און ער קאָן שוין גיין.

זיי גייען לאַנגזאַם, אַלינאַ שפּילט נאָך אַלץ דעם רעטער און העלפט אים אונטער. אַ ביסל ווייטער טרעפן זיי אָן ברעדן. — וואָס איז דאָס? — זאָגט ברעד, ביסט קראַנק? דיר העלפן אַ ביסל?

אַקסל הערט און שווייגט. ער האָט צוגעזאָגט גאָט נישט צו זוכן קיין נקמה, נישט אויסצוגעבן ברעדן, נאָר נישט מער. און צוליב וואָס איז ברעד נאָכאַמאָל געגאַנגען אַרויף איצט? האָט ער געזען, ווי אַלינאַ איז געקומען קיין מאַאַנעלאַנד און פאַרשטאַנען, אַז זי וועט דער-הערן?

— און דאָס ביסט דו, אַלינאַ? רעדט ברעד ווייטער. — וואו האָסטו אים געפונען? אונטער אַ בוים? דאָס איז מאָדנע, — זאָגט ער. — איך בין דאָרטן נאָר-וואָס געווען צוליב מיין אַמט, און ס׳האָט זיך מיר גע-

דאַכט, אַז איך הער עמעצן שרייען. איך דריי זיך אום און לאָז זיך גיך, טאָמער דאַרף מען אַרויסהעלפן עמעצן פון אַ צרה. ביסט דו דאָס געווען, אַקסל, געלעגן אונטער אַ בוים, זאָגסטו?

— יאָ, — זאָגט אַקסל. — און דו האָסט עס געוואוסט, האָסט געהערט און געזען, נאָר געגאַנגען פאַרביי...

— גוטער גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונז! — שרייט אויס אַלינאַ דערשראָקן. — ווי איך בין אַ זינדיקע...

נאָר ברעד דערקלערט: — געזען? יאָ, איך האָב דיך גאַנץ גוט געזען. נאָר פאַרוואָס האָסטו נישט קיין געשריי געטון, אַז דו ביסט אין אַ צרה. איך האָב דיך גאַנץ גוט געזען, יאָ, נאָר כ'האָב נישט אַנדערש געטראַכט, ווי אַז דו האָסט זיך צוגעלייגט אָפּרוען.

— דו רעד בעסער נישט, — זאָגט אַקסל וואָרנענדיק, האָסט מיך בכיוון געלאָזט ליגן.

אַלינאַ נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי נישט לאָזן ברעדן אַרייַנצומישן זיך. זאָל ער זיך נישט שטעלן צווישן איר און אַקסלען, וואָס וואָלט עקאָנט קלענער מאַכן איר העלדישע טאַט. זי האָט אים געראַטעוועט, זי אַליין. און זי שטופט אַוועק ברעדן אַן אַ זייט; לאָזט אים נישט אפילו טראָגן די האַק אָדער דאָס קיישל שפּייז. אָ, אין דעם מאָמענט איז זי אינגאַנצן אויף אַקסלס זייט — נאָר אַ צווייט מאָל, אַז זי וועט קומען צו ברעדן און זיצן און שמועסן מיט אים ביי אַ קריגל קאַווע, וועט זי זיין אויף זיין זייט.

— לאָז מיך, יעדנפאַלס, טראָגן די האַק און די זאַכן, — זאָגט ברעד.

— ניין, זאָגט אַלינאַ, רעדנדיק פאַר אַקסלען. — ער וועט זיי אַליין טראָגן.

און ברעד רעדט ווייטער:

— האָסט דאָך געווען געקאָנט מיך צורופן. מיר זענען נישט חלילה אַזעלכע געפערלעכע שונאים, זאָלסט נישט קאָנען אויסרופן אַ וואָרט צו מיר? — דו האָסט גערופן? האָסט געווען געדאַרפט שרייען, מען זאָל דערהערן. אַזאַ שניי-שטורם געווען... אָדער געדאַרפט פאָכן מיט דער האַנט.

— איך האָב נישט געהאַט קיין האַנט צו פאָכן, — ענטפערט

אַקסל. — האָסט געזען, ווי אַזוי איך בין געלעגן צוגעדריקט צו דער ערד און פאַרשפּאַרט פון אַלע זייטן.

— ניין, דאָס וועל איך שווערן, אַז נישט. ניין, איך האָב גאָרנישט געהערט. לאָז, לאָז מיך טראָגן די זאַכן.

אַלינאַ מישט זיך אַריין. — לאָז אים צורו. ער איז צעקלאַפּט און קראַנק.

נאָר אַקסלס פאַרשטאַנד הייבט שוין ווידער אָן צו אַרבעטן. ער האָט זיך געבויגן אָנגעהערט וועגן אַלינאַן, און פאַרשטייט, אַז ס׳וועט אים קאָסטן טייער, אויב זי וועט האַלטן, אַז זי אַליין האָט אים געראַטעוועט. איז שוין גלייכער צוצוטיילן דעם נצחון צווישן זיי ביידע. און ער וויל שוין ברעדן געבן כאָטש דאָס קיישל און די געצייג; ער גיט אַ זאָג, אַז ס׳איז אים טאַקע שווער, זאָל ברעד טראָגן די זאַכן. נאָר אַלינאַ לאָזט נישט, זי כאַפּט אויס דאָס קוישל, זי וועט אַליין אַלץ טראָגן. אַקסל בלייבט אויף אַ רגע אַליין, און ברעד לאָזט פאַלן דאָס קיישל און האַלט אים אונטער, הגם אַקסל קאָן שוין, ווי עס זעט אויס, שטיין אַליין.

דערנאָך גייען זיי אַזוי אַ שטיקל וועג, ברעד האַלט אַקסלען פאַרן אָרעם און אַלינאַ טראָגט די זאַכן. טראָגט זיי פאַרביטערט אין פלאַם פייער; ס׳איז אַ סך בכבודיקער צו פירן אַקסלען, איידער צו שלעפּן די שווערע זאַכן! וואָס האָט ברעד אינגאַנצן געדאַרפט אַרויפקומען אַהער — צו אַלדע רוחות.

— ברעד, — זאָגט זי, — מען שמועסט, אַז דו האָסט פאַרקויפט דיין פערמע און אַלץ?

— איז וואָס? — זאָגט ברעד דרייסט.

— איז וואָס? איך האָב נישט געוואוסט, אַז ס׳איז אַ סוד, וואָס מ׳טאָר נישט אויסזאָגן.

— פאַרוואָס ביסטו אויך נישט געקומען קויפן?

— איך? — דו לאַכסט אָפּ פון אַן אַלטער פרוי.

— אַ, איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין געוואָרן רייך. נישט דיר האָט דען דער אַלטער סיוועדט איבערגעלאָזט זיין קופערט מיטן גאַנצן געלט? הי-הי-הי!

אַלינאַ איז נישט געווען צופריזן, וואָס מ׳האָט איר דערמאַנט יענע צוואה.

— יאָ, דער אַלטער סיוועריט, ער האָט געהאַט אַ גוטן ווילן פאַר מיר, און איכ׳ל נישט זאָגן, אַז נישט נאָר באַלד ווי ער איז געשטאָרבן, האָט מען אַלץ צוגערויבט. און דו ווייסט אַליין, ברעד, ווי גוט ס׳איז צו בלייבן אָן גאָרנישט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. נאָר דער אַלטער סיווערט, ער איז איצט אין פּאַלאַצן און שלעסער און דו און איך זענען נאָך אויף דער ערד, און יעדער אייגער טרעט אונז מיט די פיס.

— האָ, דו מיט דיינע רייד! — זאָגט ברעד מיט פאַראַכטונג, און ווענדט זיך צו אַקסלען: — יאָ, איך בין צופרידן, וואָס איך בין געקומען צו דער צייט העלפן דיר גיין אַהיים, מיר גיין צו גיך אפשר?

— ניין.

רעדן מיט אַלינאַן, זיך מיט איר פאַרמעסטן, מיט איר זיך אויסטענהן! איז נאָך נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל עס טון און נישט פאַרלירן. קיינמאָל אין איר לעבן וועט זי נישט נאָכגעבן, און ס׳איז גאָר נישטאָ קיין גלייכן צו איר אויף פאַרדרייען און אויסמישן הימל מיט ערד, גוטסקייט און רשעות, גיפט און פלוידעריי. און זי דאַרף דאָס צוזען, ווי אַזוי ברעד מאַכט זיך, אַז ער האָט אַהיים געבראַכט אַקסלען.

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — הייבט זי אָן — יענע הערן, וואָס זענען דאַמאָלס אַרויפגעקומען קיין סעלאַנראַאַ, האָסטו זיי ווען באַוויזן די אַלע זעק מיט שטיינער, וואָס דו האָסט, אַ, ברעד?

— אַקסל, — זאָגט ברעד — לאָז מיך דיך נעמען אויף מיינע פּלייצעס, און איכ׳ל דיך טראָגן דאָס איבעריקע שטיקל וועג.

— ניין, — זאָגט אַקסל, — אַ דאַנק דיר.

אַזוי גייען זיי ווייטער. ס׳איז שוין נישט ווייט צו גיין איצט. און אַלינאַ מוז נאָך אויסנוצן דאָס שטיקל צייט.

— בעסער וואָלסטו אים געווען געראַטעוועט, ווען ער איז שוין געלעגן האַלב-טויט — זאָגט זי — און וואָס הייסט דאָס, ברעד, דו גייסט פאַרביי, זעסט אים ליגן אין אַזאַ געפאַר, הערסט זיינע געשרייען און שטעלסט זיך אפילו נישט אָפּ?

— דו האַלט דיין צונג — זאָגט ברעד.

אָ, ס׳וואָלט איר געוויס גרינגער געווען צו שווייגן. זי האָט קוים

געבראָדזשעט אין טיפֿן שניי, קוים דעם אָטעם געכאַפּט אונטער דער שווערער משא; אָבער נישט אַלינאַ קאָן שווייגן. זי האָט נאָך געהאַט אַ לעצטן טרומף אין רעזערוו, אַ געשמאַקן ביסן. האַ, ס'איז געווען אַ געפּאַר צו רעדן פֿון דעם, נאָר זי האָט געוואַגט.

— און באַרבראַ, — זאָגט זי, — האָט זיך אויפֿגעהויבן און אוועק.

— יאָ, — ענטפֿערט ברעד נאַכלעסיק. — און איבערגעלאָזט פֿאַר דיר אַן אָרט אויפֿן ווינטער.

נאָר דאָ איז ווידער אַן ערשטקלאַסיקע געלעגנהייט פֿאַר אַלינאַן; זי קאָן לאָזן וויסן, וואָס פֿאַר אַ וויכטיקער מענטש זי איז; ווי קיינער קאָן נישט לאַנג אויסקומען אָן איר; זי האָט געקאָנט האָבן צוויי שטעלעס, ניין, דריי שטעלעס. אָט,ביים גלח — זיי וואָלטן מיט צופֿרידנקייט זי צוגענומען. און — יאָ, זאָל עס אַקסל אויך הערן, ס'וועט נישט שאַטן. — זיי האָבן איר אָנגעבאָטן אַזויפֿיל-און-אַזויפֿיל פֿאַרן ווינטער, און דערצו נאָך אַ נייע פֿאַר שיך און אַ שאָף-פֿעלעכל. נאָר זי האָט געוואוסט, אַז אין מאַאַנענלאַנד גייט זי צו אַ מענטש, וואָס איז גרויסמוטיק און פֿרייגעביק, און ער וועט זי גוט באַלוינען, אַ סך מער, ווי אַנדערע, און זי איז דעריבער געקומען. ניין, זאָל נאָר ברעד נישט זאָרגן פֿאַר איר, גאָט אין הימל האָט געוואַכט איבער איר אַלע יאָרן אירע און געפֿנט אָט די, אָט יענע טיר פֿאַר איר. און אַ פּנים, אַז גאָט האָט געוואוסט, וואָס ער טוט, שיקנדיק זי קיין מאַאַנענלאַנד יענעם טאָג צו ראַטעווען דאָס לעבן פֿון איינעם פֿון זיינע שעפּעלעך אויף דער ערד...

אַקסל איז געוואָרן צוריק מיד איצט; זיינע פֿיס האָבן אים קוים געקאָנט טראָגן ווייטער; מאָדנע, פֿריִער האָט ער זיך אַלץ מער בעסער געפֿילט, און געקאָנט גיין, לעבן, און וואַרימקייט האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין גוף, און איצט — מוז ער זיך אָנלענען אויף ברעדן צו קאָנען האַלטן זיך! ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן צו ווערן צוריק שוואַכער, ווען אַלינאַ האָט אָנגעפֿאַנגען צו רעדן וועגן אירע שכירות. אַז זי האָט נאָכאַמאָל דערמאַנט וועגן דעם, אַז זי האָט אים אָפּגעראַטעוועט, איז אים געוואָרן גאָר שלעכט. האָט ער געוואָלט פֿאַרמינערן איר טריאומף: גאָט ווייסט — נאָר זיין קאָפּ האָט, אפֿנים, אָנגעהויבן נאָכאַמאָל

צו אַרבעטן. שוין גאָר נישט ווייט פון הויז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— ס'זעט אויס, איך וועל זיך שוין נישט דערשלעפּן.

און גלייך נעמט אים ברעד אויף די פּלייצעס און טראָגט אים. און אַזוי גייען זיי, אַלינאַ פול מיט גיפט און גאַל און אַקסל אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז אויף ברעדס פּלייצע.

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן — הייבט אַלינאַ ווייטער אָן, — וועגן באַרבראָן — איז זי נישט געווען פאַרגאַנגען אין די הויכע חדשים מיט אַ קינד?

— אַ קינד? — קרעכצט אַרויס ברעד פון אונטער דער משא. אָ, ס'איז אַ משונהדיקע פּראָצעסיע; נאָר אַקסל לאָזט זיך טראָגן דאָס גאַנצע שטיקל וועג, ביזן שוועל פון זיין אייגענער טיר.

ברעד סאָפּעט און אָטעמט שווער.

— יאָ, האָט זי געהאַט אַ קינד? — פרעגט אַלינאַ.

אַקסל שלאָגט איר איבער די רייד און ווענדט זיך צו ברעדן:

— איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך וואָלט היינט אַהיים געקומען, ווען נישט דו. — און ער פאַרגעסט נישט אָן אַלינאַן אויך. — און אַלינאַ, זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיך געפונען. איך דאַרף אייך ביידן דאַנקען פאַר דעם אַלעם. —

אַזוי איז אַקסל געראַטעוועט געוואָרן...

די פאָלגנדיקע עטלעכע טעג קאָן אַלינאַ נישט רעדן וועגן קיין שום זאַך, אַ חוץ דער גרויסער געשעעניש; אַקסלען קומט אָן נישט לייכט צו האַלטן זי אין די גרענעצן. אַט קאָן זי ווייזן דאָס אָרט, וואו זי איז געשטאַנען, בשעת דער מלאך פון הימל האָט זי אַרויסגערופן צו דער טיר־שוועל, — נאָר אַקסל האָט שוין עפּעס אַנדערש אין זינען, ער קערט זיך צוריק אום צו זיין אַרבעט אין וואַלד, און ווען ער האָט שוין פאַרטיק געגוג ביימער, הייבט ער זיי אָן אַרויספירן צו דער זעגמיל אין סעלאַנראָא.

גוטע, געוויינטלעכע ווינטער־אַרבעט; ער פירט אַרויף קלעצער און ברענגט צוריק ברעטער. דער עיקר איז זיך צוצואיילן און פאַרטיק ווערן פאַר ביי־יאָר, איידער דער פראָסט שטעלט זיך איין און די זעג קאָן נישט אַרבעטן. אַלץ גייט דערווייל גוט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אַז ס'טרעפט,

סיוועדט קערט זיך אום מיט אַ ליידיקן שליטן פונם דאָרף, שטעלט ער זיך אָפּ און נעמט אויך מיט עטלעכע קלעצער צו דער מיל, אַרויסצוהעלפן אַ שכן. און ביידע שמועסן צווישן זיך געמיטלעך, און יעדערער איז צופרידן מיטן צווייטן.

— וואָס הערט מען עפּעס נייַ ס אין דאָרף? — פרעגט אַקסל.

— כמעט גאָרנישט, — ענטפערט סי ערט. — מ׳זאָגט, אַז נאָך איינער, אַ נייער, האָט געקויפט לאַנד דאָ זיך צו באַזעצן.

— אַ נייער ישובניק — איז נישט קיין קלייניקייט; ס׳איז בלויז ס׳ווערטס אופן צו רעדן אַזוי. בייַע מענטשן זענען איצט צוגעקומען יעדעס יאָר; ס׳זענען שוין געווען איצט פינף נייַע ישובים אַראָפּ־צו נידעריקער פון ברייַדאַבליק. העכער אַרויפצו איז עס צוגעגאַנגען לאַנגזאַמער, נישט קוקנדיק וואָס די ערד דאָרטן איז געווען רייַכער. דער איינער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַם ווייטסטן איז געווען יצחק, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין סעלאַנראַאַ; ער איז געווען דער מוטיקסטער און קליגסטער פון זיי אַלעמען. שפּעטער איז אַקסל שטרעם געקומען — און איצט אָט נאָך איינער, אַ נייער. ער זאָל האָבן געקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד, וואָס מען דאַרף נאָך אויסט־יקענע, און אויך וואַלד אַראָפּצו נידעריקער פון מאַאַנענלאַנד — יאָ, ס׳איז נאָך געווען גענוג ערד.

— האָסט געהערט, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז? — האָט אַקסל געפרעגט.

— ניין, — האָט סי ערט געענטפערט, — נאָר ער ברענגט מיט זיך צו פירן פאַרטיקע הייזער, וואָס ס׳געדויערט אַ קלייניקייט זיי אויפצושטעלן.

— האַ! ער מוז זיין אַ רייַכער מאַן?

— אַזוי ווייַזט אויס. און אַ ווייב מיט דריי קינדער, און אַ פערד און בהמות.

— יאָ, ער מוז זיכער זיין אַ רייַכער מאַן. נאָך עפּעס געהערט וועגן אים?

— ניין. ער איז אַלט דרייַ און דרייַסיק.

— און ווי הייסט ער?

— אַראָן, זאָגט מען. זיין ישוב האָט ער אַ נאָמען געגעבן סטאָר־באָרג.

— סטאָרבאָרג? ה־מ. דער גרויסער שלאָס. נישט קיין קליין אָרט, אויב אַזוי?

— ער קומט פונם ברעג ים. געהאַט אַ פישעריי דאָרטן, זאָגט מען.

— ה־מ — אַ פישעריי. צי ווייסט ער עפּעס אין פערמעריי? — זאָגט אַקסל. — דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט געהערט? מער גאָר נישט?

— ניין. ער האָט אַלץ באַצאָלט מיט מזומן געלט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געהערט. ער האָט געמוזט מאַכן אַ סך געלט ביי זיין פּי־שעריי, זאָגט מען. און איצט וועט ער דאָ עפענען אַ קראָם.

— האַ! אַ קראָם?

— יאָ, אַזוי שמועסט מען.

— ה־מ. וועט ער עפענען אַ קראָם?

דאָס איז באמת געווען די וויכטיקסטע נייעס, און די צוויי שכנים האָבן זי אַרומגערעדט פון אַלע זייטן, פאָרנדיק אַרויף. ס׳איז געווען אַ גרויסע נייעס — די גרעסטע געשעעניש, אפשר, אין דער געשיכטע פונם ישוב; יאָ, ס׳איז געווען אַ סך וואָס צו רעדן וועגן דעם. מיט וועמען האָט ער בדעה צו האַנדלען דאָ, דער נייער מאַן? מיט די אַכט הויפן, וואָס זענען פאַרהאַן דאָ? אָדער ער רעכנט אַריינצוקריגן קונים אויך פונם דאָרף? יעדנפאַלס, וועט די קראָם באַדייטן אַ סך פאַר זיי אַלעמען; דאָס וועט זיכער צוציִען נייע ערד־קויפער, די נחלות קאָנען שטייגן אין ווערט — ווער ווייסט?

זיי רעדן און רעדן און ווערן גאָרנישט מיד! אָ, זייערע אינטע־רעסן און זייערע שמועסן זענען פאַר זיי גענוג וויכטיק. דער ישוב איז זייער וועלט; אַרבעט, יאָר־צייטן, שניטן זענען די געשעענישן פון זייער לעבן. צי איז געווען התלהבות דערביי? אָ, געוויס! וויפיל מאָל שלאָפן זיי ווייניק, און אַרבעטן לאַנג און שפּעט אין דער נאַכט; זיי שטייען אַלץ אויס, זיי טראָגן אַלץ איבער, און קיין זאַך שאַדט זיי נישט; ליגן זיבן שעה צוגעדריקט אונטער אַ בוים מאַכט אויך נישט אויס. אָבי די ביינער זענען געבליבן גאַנץ. אַ ענגע וועלט, אַ לעבן אָן אויסזיכטן? אַזוי!

אָבער וואָס פאַר אַ וועלט עפנט זיך, וואָס פאַר פּערספּעקטיוון — פון דעם נייעם סטאָרבאָרג מיט זיין קראָם דאָ אין דער ווילדעניש!

מען האָט וועגן דעם געדעדט ביז אַריבער ווייגאַכטן.

און אַקסל האָט באַקומען אַ בריוו, אַ גרויסן קאָנווערט מיט אַ לייב אויף אים; ס'איז געווען פונם שטאַט: ער זאָל אָפּנעמען ביי ברעד אַל-סען דעם זאַפּאַס דראָט, דעם טעלעגראַף-אַפּאַראַט, די געצייג, און אי-בערנעמען די אינספּעקציע אויף דער ליניע פון ביי-יאָר אָן.

IV

פורן פאָרן איבער די זומפּן און פירן הייזער פאַרן נייעם מאַן, וואָס קומט זיך באַזעצן אין דער ווילדעניש. אַ פור נאָך אַ פור, גאַנצע טעג. זיי וואַרפן אָפּ די משא אויף אַן אָרט, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען סטאָרבאָרג; ס׳וועט מיט דער צייט, אָן ספק, ווערט זיין דעם נאָמען; פיר מענטשן אַרבעטן שוין דאָרטן אין די בערג, האַקן שטיינער פאַר אַ פונדאַמענט און צוויי קעלערס.

פורן, פורן מיט משאות, די באַלקנס זענען געהובלעוועטע און פאַרטיקע, מ׳וועט זיי דאַרפן בלויז צונויפהעפטן, ווען דער פרילינג וועט אָנקומען; אַלץ איז אויסגערעכנט גענוי פון פאָרויס, יעדעס שטיקל געהילץ האָט זיין נומער, נישט קיין טיר, נישט קיין פענסטער פעלט, אפילו ביז צום קאָלירטן גלאָז פאַר דער וואַרענדע. און אין איינעם אַ טאָג קומט אָן אַ גאַנצע פור מיט סלופּיקלעך. אויף וואָס זענען זיי? איינער פון די תושבים פון אַרויפצו ווייסט; ער איז פון דרום און שוין געזען זיי אַמאָל. דאָס איז פאַר אַ גאָרטן־פּאַרקן, — זאָגט ער. הייסט עס, אַז דער נייער מאַן וויל מאַכן אַ גאָרטן דאָ — אַ גרויסן גאָרטן.

אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין גוט; קיינמאָל פריִער איז נאָך איבער די זומפּן נישט געווען אַזאַ פאַרקער, מיט אַזוי פיל פורן, און אַ סך מענטשן האָבן פאַרדינט גוט געלט, געבנדיק זייערע פערד צו דער אַרבעט. דאָ

איז ווידער געהערט אַן ענין, איבער וועלכן ס'איז געווען וואָס צו רעדן. דאָס האָט געווין אַן אויסזיכט אויף צו פאַרדינען געלט אין דער צו־קונפט; דער סוחר וועט באַציען סחורה פון פאַרשידענע ערטער, — פון אינלאַנד און פון אויסלאַנד, וועט מען דאַרפן די סחורה ברענגען פון שיף מיט פערד.

יאָ, ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלצדינג גייט גרויסאַרטיק. דאָרטן איז געווען אַ יונגער אויפזעער אָדער פאַרוואַלטער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט; אַ עזותדיקער יונגער פראַנט איז ער געווען, און גע־וואָרטשעט, אַז ער קריגט נישט גענוג פערד, הגם ס'איז שוין נישט געווען אַזוי פיל משא איבערצופירן.

— אָבער ס'קאָן שוין נישט זיין גאָר זייער אַ סך צו ברענגען איצט, אַז די הייזער זענען שוין אויפגעשטעלט, — האָט מען אים גע־זאָגט.

— האַ, און וואָס איז וועגן דער סחורה? — האָט ער געענט־פערט.

סיווערט פון סעלאַנראַא איז אָנגעקומען, פאָרגדיק פון דאָרף מיט אַ ליידיקער פור, ווי געוויינטלעך, און דער אויפזעער האָט צו אים זיך אָנגערופן: — היי, פאַרוואָס פאָרסטו מיט ליידיקן? פאַרוואָס האָסטו נישט רויפגעבראַכט אַ פור סחורה פאַר אונז?

— כ'האָב עס געקאָנט טון, — האָט סיווערט געענטפערט, — נאָר איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם.

— ער איז פון סעלאַנראַא, זיי האָבן צוויי פערד דאָרטן, — האָט עמעצער שטיל געזאָגט.

— וואָס? איר האָט צוויי פערד? — זאָגט דער אויפזעער. — ברענגט זיי אַראָפּ ביידע, און וועגענער, מיר וועלן אייך גוט באַ־צאָלן.

— יאָ, — זאָגט סיווערט, — דאָס איז נישט שלעכט, נאָר מיר זענען זייער פאַרנומען איצט.

— וואָס? איר האָט קיין צייט נישט אויף צו פאַרדינען געלט? — האָט דער אויפזעער געפרעגט.

— ניין, נישט אַלעמאָל האָט מען צייט אין סעלאַנראַא; זיי האָבן דאָרט גענוג אַרבעט. זיי האָבן איצט אפילו געדונגען אַרבעטער — דאָס

ערשטע מאָל, וואָס אזא זאַך האָט געטראָפן אין סעלאַנראַא — צוויי־שטיין־אַרבעטער, פון דער שוועדישער זייט, צו האַקן שטיינער פאַר אַ נייער קי־שטאַל.

דאָס איז געווען יצחקס אַן אידעע יאָרן לאַנג, אויסצובויען אַ ריכטיקע קי־שטאַל, דעם טאָרף־שטיבל, וואו די בהמות האָבן זיך אויפגעהאַלטן איצט, איז געווען צו קליין, און נישט צו פאַריכטן; ער האָט געוואָלט האָבן אַ שטאַל פון שטיינער, מיט טאָפּלטע ווענט, מיט אַ געהעריקן מיסט־גרוב. דאָס האָט געדאַרפט איצט געטון ווערן. נאָר דאָרטן זענען געווען נאָך פיל אַנדערע זאַכן, וואָס מ'האָט זיי געדאַרפט אָפּטון; איין אַרבעט פירט שטענדיק צו אַ צווייטער; מען האָט תמיד געהאַלטן אין איין בויען. יצחק האָט שוין אַ זעגמיל און אַ מיל פאַר תבואה און אַ זומער־שטאַל דאַרף מען האָבן, אויך אַ קוזשניע, אַ קליינע, פאַר קליינע אַרבעטן ווען ס'מאַכט זיך; ס'איז צו אַ ווייטער מהלך צו גיין אין דאָרף אַריין, ווען דער האַמער ווערט אויסגעבויגן אָדער ווען מען דאַרף פאַריכטן אַ פּאָדקאָווע. און פאַרוואָס זאָל ער נישט האָבן קיין קוזשניע? בכלל זענען דאָרטן געווען אַ סך נעבן־בנינים גרויסע און קליינע, אין סעלאַנראַא.

דער הויף וואַקסט, ווערט גרעסער און גרעסער, גאָר אַ גרויסער ישוב און עס איז שוין אוממעגלעך אויסצוקומען אָן אַ דינסט־מיידל. און יאַנסינאַ איז פאַרבליבן. איר פאָטער, דער שמיד, פרעגט זיך נאָך אויף איר ווען־נישט־ווען, אויב זי קומט נישט אַהיים אינגיכן; נאָר ער קימערט זיך נישט שטאַרק וועגן דעם, ער האָט זיינע טעמים דערביי. סעלאַנראַא ליגט זייער הויך און האַלט אין איין וואַקסן; עס קומען צו הייזער, עס קומט צו ערד, בלויז די מענטשן זענען די זעלבע. יענע צייט איז שוין אַוועק. ווען דורכוואַנדערנדיקע לאַפּן האָבן געקאָנט אַריינקומען אין הויז און נעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט; זיי קומען זעלטן איצט, און קומען זיי יאָ, האַלטן זיי זיך פון דער ווייטנס: זיי גייען נישט אַריין אינעווייניק אין הויז, נאָר וואַרטן אינדרויסן. די לאַפּן האַלטן זיך שטענדיק אויף אָפּגעזונדערטע וועגן, אין טונקעלע ערטער; לופט און ליכט פאַרטראָגן זיי נישט, אַזוי ווי מייז און ווערים. ווען־נישט־ווען פאַרשווינדט אַ קעלבל אָדער אַ שאָף פון סעלאַנראַא, נאָר פון דעם קאָן מען זיך נישט אויסהיטן, און סעלאַנראַא קאָן עס לייכט אויסשטיין. סיווערט זאָל אַפילו

קאָנען שיסן, האָט ער נישט קיין ביקס, נאָר סיי ווי קאָן ער נישט שיסן; אַ גוטמוטיקער יונג איז ער, גאָרנישט קריגעריש; אַ געבוירענער לץ. — און אפשר, זאָגט ער, איז גאָר דאָ אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט צו שיסן לאָפּן.

יאָ, סעלאַנראַא קאָן פאַרטראָגן דעם פאַרלוסט פון אַ קעלבל אָדער אַ שאָף פון צייט צו צייט; די סטאַדע איז גענוג גרויס. אָבער סעלאַנראַא האָט אירע צרות אויך! אינגער איז נישט אינגאַנצן צופרידן מיט זיך און מיט איר לעבן; די ווייטע רייזע אין דער וועלט האָט אויף איר איבערגעלאָזט שעדלעכע שפורן. די אומצופרידנקייט פאַרשווינדט אויף אַ שטיק צייט, נאָר קערט זיך אַלעמאָל אום צוריק. אָט איז זי פלינק און אַרבעט שווער אַזוי ווי אין אירע בעסטע צייטן, און איז אַ ליבע געזונטע פרוי פאַר איר מאַן, דעם גבר, — אָבער אָט באַפאַלן זי זכרונות פון טראָנדהיים, זי כרוימט, און דער עיקר ווינטער. צייטנווייז באַפאַלט זי אַ שטאַרקע לעבנס-לוסטיקייט, און זי וויל דאַמאָלס אָן אַ שיעור זאַכן — נאָר אַ פרוי קאָן נישט טאַנצן מיט זיך אַליין, און מחמת דעם קאָן קיין באַל נישט זיין אין סעלאַנראַא. שווערע געדאַנקען און פרומע ביכער? יאָ, יאָ... נאָר עפּעס איז דאָ אין דעם אַנדערן מין לעבן, וואָס איז אויך שיין און הערלעך. זי מוז זיך באַנוגענען מיט ווייניק; די שוועדישע שטיין-רבעטער זענען, יעדנפאַלס, עפּעס פרעמדע פנימער, נייע שטימען, נאָר זיי זענען שטילע, עלטערע מענער, געבויגט מער צו אַרבעט ווי צו שפּיל. דאָך, בעסער ווי גאָרנישט — און איינער פון זיי זינגט אַזוי שיין ביי דער אַרבעט; אינגער שטעלט זיך אָפּט אָפּ און הערט זיך צו. הכלמאר איז זיין נאָמען.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אָט איז אַלישע, ווידער אַן אַנטויּשונג. ער האָט געשריבן, אַז זיין שטעלע ביים אינזשיניער אין ביוראָ איז שוין מער נישט וואַקאַנט, נאָר ער וועט זיכער קריגן אַן אַנדערע שטעלע. מען דאַרף נאָר אויסוואַרטן אַ ביסל. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו; ער האָפט צו קריגן אינגיכן אַן ערשט-קלאַסיקע שטעלע, דערווייל אָבער קאָן ער נישט לעבן אויף גאָרנישט; און ווען זיי האָבן אים צוגעשיקט אַ הונדערט-קראָנען-אַסיגנאַציע פון דערהיים, האָט ער צוגעשריבן, אַז דאָס איז געווען גענוג בלויז אויף צו סילוקן עטלעכע קליינע חובות, וואָס ער האָט געהאַט...

— ה־מ, — האָט יצחק געזאָגט, — אָבער מיר דאַרפן צאָלן די שטיין־אַרבעטער, און גענוג אַנדערע זאַכן... שרייב אים אין פֿרעג, צי ער וואָלט בעסער נישט געוואָלט צוריקקומען און צוהעלפֿן דאָ.

אינגער האָט געשריבן, נאָר אלישע האָט נישט געהאַט קיין חשק צוריקצוקומען; ניין, ס׳האָט קיין זין נישט צו מאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה נאָכאַמאָל, צוליב גאָרנישט; ער וועט בעסער הונגערן.

נו, אפשר איז גראָד דאַן נישט געווען קיין וואַקאַנטע ערשט־קלאַסיקע שטעלע אין שטאָט, און אפשר איז אלישע נישט געווען אַזוי פֿעיִק זיך דורכצושלאָגן אַ וועג; גאָט ווייסט — אפשראיז ער נישט געווען אַזוי איבערגעשפּיצט אויך אין זיין אַרבעט. שרייבן? יאָ, דאָס האָט ער געקאָנט גוט גענוג. נאָר אפשר האָבן אים געפֿעלט אַנדערע מעלות. איז אויב אַזוי, וואָס־זשע וועט פֿון אים ווערן?

ווען ער איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין מיט זיינע צוויי הונדערט קראָנע, האָט די שטאָט געוואַרט אויף אים מיט אַלטע חובות, און ווען די זענען אָפּגעצאָלט געוואָרן, האָט ער געדאַרפֿט זיך איינשאַפֿן אַ ריכטיק שטעקעלע און נישט טראָגן דעם צעבראָכענעם שירם־שטעקן. ס׳זענען נאָך געווען עטלעכע אַנדערע קלייניקייטן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסלאָזן — אַ פֿוטערן היטל פֿאַרן ווינטער, אַזוי ווי אַלע זיינע חברים האָבן געטראָגן, אַ פּאָר גליטשערס צו קאָנען זיך גליטשן אויפֿן אייז גלייך מיט אַנדערע, אַ זילבערנעם ציין־שטעכער, וואָס האָט געדינט אי צו רייניקן די ציין, אי צו שפּילן זיך מיט אים עלעגאַנט, שמועסנדיק מיט פֿריינט אָדער ביי אַ גלאָז ביר אָדער וויין. און כּל־זמן ער האָט געהאַט געלט, האָט ער אַלעמען מכבד געווען אויף וויפֿיל ער איז נאָר בכּוח געווען; אויף אַ פֿריילעכן אָוונט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן צוליב זיין צוריקקערן אין שטאָט אַריין, האָט ער באַשטעלט אַ האַלב טוץ ביר און, נישט קאַרגנדיק, געעפֿנט די פֿלעשער איינע נאָך דער אַנדערער.

— וואָס, צוואַנציק אָר פֿאַר דער קעלנערין? — האָבן זיינע פֿריינט געזאָגט — צען איז אויך גענוג.

— ס׳לוינט נישט צו זיין קאַרג — האָט אלישע געענטפֿערט.

ער איז נישט געווען קאַרג, אלישע, ניין; ער קומט פֿון אַ גוטער

היים, פון א גרויסן גוט, וואו זיין פאָטער, דער מאַרגראַף, באַזיצט אומ־ענדלעכע שטחים מיט געהילץ און פיר פערד און דרייסיק קי און דריי שנייד־מאַשינען. אלישע איז נישט געווען קיין ליגנער און ס׳איז נישט געווען ער, וועלכער האָט פאַרשפרייט די אַלע בבא־מעשיות וועגן דער עשירות פון סעלאַנראַאַ; דאָס האָט געטון דער לאַנדמעסטער, נאָך מיט אַ צייט צוריק. נאָר אלישע איז נישט געווען אומצופרידן, ווען מ׳האָט די מעשיות אָנגענומען פאַר אמת. זייענדיק אַליין גאַרנישט, איז צום וויי־ניקסטנס גוט צו זיין פון עמעצן, וואָס איז עפּעס; דאָס האָט אים פאַר־שאַפט קרעדיט און געהאָלפן אין אַלע הינזיכטן. נאָר דאָס האָט נישט גע־קאָנט אָנהאַלטן אייביק; ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אַפליגן נישט צו צאָלן, און וואָס האָט ער געקאָנט דאַן טון? איינער פון זיינע פריינט האָט אים אַרויסגעהאָלפן, אים אַריינגענו־מען אין זיין פאָטערס געשעפט, אַ כל־בו־קראָם, וואו פויערים האָבן איינ־געקויפט. אַלץ בעסער ווי גאַרנישט. ס׳איז געווען קלעגלעך פאַר אַ דער־וואַקסענעם יונג אָנצוהייבן מיט די שכירות פון אַ לערן־יינגל אין אַ קליינער קראָם, בשעת ער דאַרף זיך גאָר דערשלאָגן צו ווערן אַ לענס־מאַנד. דאָך האָט עס אים געגעבן לפחות אויף זיך דורכצולעבן, געהאָלפן איבערקומען דאָס ערגסטע שטיקל צייט — ס׳איז נישט געווען אַזוי שלעכט, נאָך אַלעמען. אלישע האָט זיין אַרבעט געטון גערן, געווען גוט־מוטיק און פריינטלעך, און מענטשן האָבן אים האָלד געהאַט.

אָבער דאָס איז געווען די גרעסטע אַנטוישונג פאַר זיין מוטער. אלישע זאָל דינען אין אַ קראָם — ס׳איז נישט געווען בעסער, ווי צו דינען אין דער דאָרפישער קלייט. פריִער איז ער געווען עפּעס פאַר זיך אַליין, עפּעס אַנדערש פון אַלע אַנדערע; קיינער פון אירע שכנים איז נישט אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין צו אַרבעטן אין אַ ביוראָ. האָט ער פאַרלוירן די אויסזיכט אויף זיין גרויסן ציל? איינגער איז נישט גע־ווען קיין נאַר; זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ס׳איז אַ חילוק צווישן אַ פּראָסטן מענטשן און אַ העכערן, הגם זי האָט נישט אַלעמאָל געקאָנט געגעני דערקענען דעם אונטערשייד. יצחק איז געווען איינפאַכער און שווערער אויפן געדאַנק; ער האָט זיך אַלץ ווייניקער און ווייניקער גע־רעכנט מיט אלישען איצט, ווען ער האָט בכלל געטראַכט וועגן אים. זיין עלטערער זון האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר אים.

ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט מער, אַז סעלאַנראַאַ קאָן אַמאָל צעטיילט ווערן צווישןביידע זין, ווען ער אַליין וועט שוין דאָרטן מער נישט זיין.

אינמיטן פרילינג זענען אָנגעקומען אינזשיניערן מיט אַרבעטער פון שוועדן; זיי וועלן בויען וועגן, אויפשטעלן ביידלעך, רייסן שטיינער, אויסגלייכן דעם וועג, שליסן קאָנטראַקטן מיט ליפעראַנטן; דינגען פערד־געשפאַנען, שליסן אָפּמאַכן מיט די אייגנטימער פונם לאַנד ביים וואַסער. וואָס — וואָס האָט דאָס אַלץ באַטייט? דאָס אַלץ אין דער ווילדעניש, וואו מען האָט זעלטן אַ פרעמדן מענטש געזען? יאָ, זיי זענען געקומען אָנצוהייבן די אַרבעט אין דער קופּער־שאַכט.

הייסט עס, אַז ס'איז דאָך געקומען צו עפּעס, גייסלער האָט זיך נישט בלויז באַרימט.

ס'זענען נישט געווען די גרויסע לייט, וואָס זענען דאַמאָלס גע־קומען מיט גייסלערן. נאָר דער זעלבער אינזשיניער איז געקומען און דער שאַכטן־עקספּערט, וואָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל. זיי האָבן אָפּגעקויפט אַלע אָנגעזעגטע ברעטער, וואָס יצחק האָט נאָר געקאָנט אָפּ־שפּאָרן, געקויפט אַלערליי שפּייז און פאַר אַלץ גוט באַצאָלט. געשמועסט זייער ליבלעך און געווען צופרידן מיט סעלאַנראַאַ. — אַ לופט־באַן, — האָבן זיי געזאָגט. — פונם שפּיץ באַרג ביז אַראָפּ צו צום וואַסער, זאָגן זיי.

— וואָס, דורך דעם גאַנצן זומפּלאַנד דאָ? — האָט יצחק געזאָגט שווער באַגרייפנדיק די זאַך! נאָר זיי האָבן געלאַכט.

— ניין, אויף דער צווייטער זייט, מענטש; נישט פון דער זייט, ס'וואָלט געווען צו ווייט. אויף דער צווייטער זייט באַרג, גלייך אַראָפּ צום ים; ס'איז אַ גוטער אַראָפּ־באַרג דאָרטן און נישט קיין ווייטע שטרעקע. טראַנספּאָרטירן דעם אַרץ דורך דער לופט אין אייזערנע ציסטערנעס; אַ, וועסט זען, ס'וועט אַרבעטן גוט! נאָר דערווייל וועלן מיר מוזן פירן מיט פורן, דורכלייגן אַ וועג און פירן דעם אַרץ מיט פערד. מיר וועלן דאַרפן ווייניקסטנס פופציק פערד — פאַרשטייט איר, און ס'וועט גיין גרויסאַרטיק. און מיר וועלן האָבן מער אַרבעטער, ווי אָט דאָס ביסל דאָ — דאָס איז גאָרנישט. מערערע אַרבעטער דאַרפן אָנקומען פון יע־נער זייט, גאַנצע קאָמפּאַניעס, מיט ביידלעך, וואָס זייגען אינגאַנצן פאַר־

טיק צום אויפשטעלן זיי, מיט זאַפּאַסן פּראָוויאַנט און מאַטעריאַל און געציג — איר פאַרשטייט? מירן די שאַכט לאָזן אין גאַנג, נישט געזאָרגט — און טראַנספּאָרטירן דעם אַרץ קיין דרום-אַמעריקע. מיליאָנען וועלן פון דעם געמאַכט ווערן.

— וואָס איז וועגן די אַנדערע הערן, — האָט יצחק געפרעגט, — וואָס זענען דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל?

— וואָס? אַ, זיי האָבן פאַרקויפט. איר געדענקט זיי נאָך? ביין, זיי האָבן פאַרקויפט. און די, וואָס האָבן ביי זיי אָפּגעקויפט, האָבן ווידער פאַרקויפט צו אַנדערע. אַ גרויסע געזעלשאַפט באַזיצט איצט די שאַכט — מיט אַ סך געלט.

— און גייסלער, וואו איז ער ערגעץ איצט? — פרעגט יצחק.

— גייסלער? קיינמאָל נישט געהערט פון אים. ווער איז ער?

— לענסמאַנד גייסלער, וואָס האָט אייך דער ערשטער פאַרקויפט דאָ דעם באָדן.

— אַ, ער! גייסלער האָט ער געהייסן? גאָט ווייסט, וואו ער איז איצט. אים געדענקט איר אויך?

אַ גאַנצן זומער האָבן אַ סך מענטשן געאַרבעט אין די בערג — ס'איז געווען אַ גרויסע אַרבעט. איינגער האָט פאַרקויפט אַ סך מילך און אַנדערע פּראָדוקטן און ס'האָט זי אַמוזירט — צו טון געשעפט און צו זען, ווי מענטשן קומען און גייען אַוועק, אויף און אָפּ. יצחק האָט אומגעשפּאַנט מיט זיין שווערן טראָט און געאַרבעט אויף זיין לאַנד; גאַרנישט האָט נישט געשטערט. סיווערט און די צוויי שטיין-אַרבעטער האָבן אויסגעבויעט די קי-שטאַל. ס'איז געווען אַ פיינער בנין, נאָר ס'האָט גענומען אַ שטיק צייט, ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן: נישט מער ווי דריי מענטשן ביי דער אַרבעט, און סיווערט האָט נאָך אָפּט געמוזט אַוועקגיין העלפן אויף די פעלדער. די שנייד-מאַשין איז איצט גוט צונויץ געקומען; און אַ גוטע זאַך איז עס אויך צו האָבן דריי אַרבעטזאַמע פרויען ביים היי-שניט.

אַלעס גייט גוט; ס'איז געווען לעבן איצט אין דער ווילדעניש, און געלט האָט געוואַקסן, געבליט אומעטום.

און זעט נאָר סטאָרבאָרג, דאָס נייע אָרט — דאָרטן איז געווען אַ געשעפט גאָר אויף אַ גרויסן אופן! דער אַראָן האָט געמוזט זיין אַ

מכשף, אַ טייוול אַ יונג; ער האָט זיך אָפּנים דערוואוּסט פֿריִער וועגן די
אַרבעטן, וואָס דאַרפֿן זיך אָנהייבן אין דער שאַכט, און געווען אויפֿן אָרט
גרייט מיט זיין קראָם. אָ, ער האָט געמאַכט געשעפֿט, געגוג פֿאַר אַ גאַנצן
שטאָט, פֿאַר אַ קעניג! צוערשט האָט ער פֿאַרקויפֿט אַלערליי מינים הויז-
געפֿעס און אַרבעטס=קליידער; נאָר שאַכטן-אַרבעטער, וואָס פֿאַרדינען גוט
געלט, שרעקן זיך נישט דאָס אויסצוגעבן; זיי קויפֿן נישט בלויז די ביי=
טיקע זאַכן; זיי קויפֿן אַלץ. און אַממערסטן געפּאַקט מיט מענטשן איז
געווען סטאָרבאָרג אין די שבת=צו-נאַכטן, און אַראָן האָט אָנגעשאַרט
בערג מיט געלט; זיין געהילף און זיין פֿרוי האָבן ביידע געהאָלפֿן, און
אַראָן אַליין האָט דערלאַנגט און פֿאַרקויפֿט — און די קראָם איז גע-
ווען געפּאַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און די פֿערד-באַלעבאַ=
טים אין דאָרף האָבן זיך אויך נישט געגאַרט; ס'איז אָנגעגאַנגען אַ
גרויסער פֿאַרקער ביים אַרויספֿירן סחורות קיין סטאָרבאָרג; מען האָט
געמוזט אין אַ סך ערטער צורעכט מאַכן דעם וועג, אים אויסברייטערן
און אויסגלייכן — גאָר אַנדערש ווי יצחקס ערשטע שמאָלע סטעזשקע
דורך דער ווילדעניש. אַראָן איז געוואָרן אַ ברכה פֿאַר אַלעמען, מיט זיין
קראָם און מיטן נייעם וועג. זיין נאָמען איז נישט פּינקטלעך אַראָן גע-
ווען, דאָס איז געווען בלויז זיין טויף-נאָמען; ריכטיק האָט ער געהייסן
אַראָנסען, אַזוי האָט ער זיך אַליין גערופֿן, און זיין פֿרוי האָט אים
אויך אַזוי גערופֿן. זיי האָבן געפֿירט אַ גרויסאַרטיק לעבן, געהאַלטן צוויי
דינסטן מיט אַ דינער.

וואָס איז שייך דער ערד אין סטאָרבאָרג, איז זי דערווייל גע=
בליבן נישט גערירט. אַראָנסען האָט נישט געהאַט קיין צייט צו באַאַר-
בעטן די ערד, און וועמען איז געלעגן אין קאָפּ צו טון צו האָבן מיטן
זומפּ? נאָר אַראָנסען האָט געהאַט אַ גאָרטן, מיט אַ פּאַרקן אַרום אים,
מיט ווייַנפּערלעך-קוסטן און שטערן-בלומען, מיט רויטע יאַגדעס און פֿאַר=
פֿלאַנצטע בוימער — אַ שיינעס גאָרטן. אין אים איז געווען אַ ברייטע
אַלעע, וואו אַראָנסען האָט געקאָנט שפּאַצירן אין די זונטיקן, און רויִ-
כערן זיין ליולקע, און אין הינטערגרונד איז געווען די וואַרענדע מיט
די קאָלירטע שויבן, אָראַנזש און רויט און בלוי. סטאָרבאָרג! דריי שיי=
נע, קליינע קינדער זענען אַרומגעלאָפֿן אַרום הויז. דאָס מיידל האָט מען
געגרייט צו שפּילן די ראָל פֿון אַ טאָכטער פֿון אַ רייכן סוחר, און די

יינגלעך האָבן געוואָלט לערנען זיך מסחר — יאָ, דריי קינדער מיט אַ צוקונפט!

אַראַנסען איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געטראַכט וועגן דער צוקונפט, אַז נישט וואָלט ער נישט געווען אינגאַנצן אַהער געקומען. ער האָט זיך געקאָנט האַלטן ביי דער פישעריי, און אַבי מזל, וואָלט ער דאָרט אויך געמאַכט אַ סך געלט, נאָר ס'איז פאָרט נישט אַזוי בכבודיק, ווי צו פירן אַ געשעפט; פישעריי — דאָס איז אַן עסק פאַר פּראָסטע מענטשן. קיינער נעמט נישט אַראָפּ דאָס היטל פאַר אַ פישער. ער איז ביז איצט געפאָרן אַרבעטנדיק ביים רודער, איצט וויל ער פאָרן מיט זעג־לען. איין ווערטל האָט ער ליב געהאַט שטענדיק צו נוצן: — „אויף מזומן געלט". ער האָט עס גענוצט אויף פאַרשידענע אופנים. זיינע קינ־דער וויל ער זאָלן שטייגן אין דער וועלט מער „אויף מזומן געלט", ווי אַ אפילו ער אַליין. געמיינט האָט ער, זיי זאָלן האָבן אַ גרינגער לעבן, ווי ער האָט געהאַט.

און אַלץ איז טאַקע געגאַנגען גוט; שכנים האָבן כבוד אָפּגע־געבן אים און זיין פרוי און אפילו זיינע קינדער. די שאַכטן־אַרבעטער פלעגן אַרונטערקומען פון זייער אַרבעט אין די בערג, וואו זיי האָבן נישט אַנגעזען קיין קינדערס פנים לאַנגע טעג נאָכאַנאַנד; און אַז זיי האָבן באַמערקט אַראַנסענס קליינוואַרג זיך שפּילן אויפן הויף, פלעגן זיי ליב־לעך רעדן מיט זיי, ווי זיי וואָלטן אָנגעטראָפן דריי הינטעלעך זיך שפּילן. זיי וואָלטן זיי געשענקט געלט, נאָר ס'זענען דעם סוחרס קינדער, האָט עס עפּעס נישט געפּאַסט. האָבן זיי דערפאַר געשפּילט פאַר זיי אויף זייערע האַרמאָניקעס. גוסטאַוו פלעגט קומען, אַ ווילדער יונג, מיטן היטל פאַרוקט אויף אַ זייט איבערן אויער, און פלעגט זיך שעהנווייז שפּילן מיט די קינדער. די קינדער האָבן אים שוין תמיד דערקענט פון דער ווייטנס און געלאָפן אים אַנטקעגן; ער פלעגט זיי אונטערהייבן און טראָגן אויף זיינע פלייצעס, אַלע דריי, און טאַנצן מיט זיי. און דערנאָך פלעגט ער אַרויסנעמען זיין האַרמאָניקע און געשפּילט פאַרשידענע ניגונים פאַר זיי, ביז די צוויי דינסטמיידלעך פלעגן אַרויסקומען און קוקן אויף אים, און זיך צוהערן מיט טרערן אין די אויגן. יאָ, אַ צעלאָזענער יונג איז געווען גוסטאַוו, נאָר ער האָט געוואוסט, וואָס ער טוט!

דערנאָך גייט ער אין קראָם, קלינגט מיט זיין געלט און קויפט

אַ פולן רוקן-זאַק מיט זאַכן. ער גייט אַ היים, אין די בערג, שטעלט זיך אָפּ אין סעלאַנראַאַ, פּאַקט אויף זיין זאַק און ווייזט, וואָס ער האָט: שרייב-פּאַפּיר מיט אַ בלימל אין ווינקל, און אַ נייע ליולקע, און אַ ניי העמד, און אַ געזוימט האַלזטיכל, נאַשערייען פאַר די פרויען און גלאַנצנדיקע זאַכן, אַ זייגער-קייטעלע מיט אַ קאָמפּאַס, אַ מעסערל — אָ, אַ באַרג מיט זאַכן. ער האָט אויך געקויפט ראַקעטעס, אויף זונטיק, אויף צו ווײלן זיך און אַנדערע. אינגער גיט אים מילך, און ער שפּאַסט מיט לעאָפּאָלדינאַן, און הייבט די קליינע רעבעקאַ און וואַרפט זי אין דער לופטן — „האָפּ-פּאָ!“

— און וואָס הערט זיך מיט דער שטאָל? — פרעגט ער די שטיין-אַרבעטער. — גוסטאַוו איז אַליין אויך אַ שוועד, און איז מיט זיי באַ-פריינדט. די שטאָל האָט זיך געבויט פּאַמעלעך, זיי זענען נאָר צוויי ביי דער אַרבעט. נו, איז ווען ער קומען און זיי צוהעלפן, זאָגט גוסטאַוו אין אַ שפּאַס.

— ווען איר וואָלט נאָר געקומען, — האָט אינגער געזאָגט, מחמת די קי-שטאָל מוז פאַרטיק ווערן ביז האַרבסט.

גוסטאַוו האָט אָפּגעלאָזט אַ ראַקעט, און אַז ער האָט שוין געפּטרט איינע, איז שוין נישט געווען קיין זין צו האַלטן די איבעריקע. און ער האָט זיי אָפּגעלאָזט אַלע, אַ האַלב טוץ, און די פרויען און קינדער זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע איבערן וואונדער פונם כישופמאַכער; אינגער האָט נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען קיין ראַקעט, נאָר זייער בליצן, האָט איר דערמאָנט אָן דער גרויסער וועלט, וואָס זי האָט אַמאָל געזען. וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט אַ ניי-מאַשין קעגן דעם! און אַז גוסטאַוו האָט נאָך דערבאַך געשפּילט אויף זיין האַרמאָניקע, איז אינגער גרייט געווען מיטגיין מיט אים, אַזוי איז זי געווען גערירט...

אין דער שאַכט גייט די אַרבעט, און אַלץ ווערט געפירט צום ים אויף פורן מיט פערד; איין שיף איז שוין אָנגעלאָדן געוואָרן און אָפּגע-שוואומען קיין דרום-אַמעריקאַ און אַ צווייטע שיף שטייט שוין גרייט. אַ גרויסע אונטערנעמונג. אַלע ישובניקעס זענען געגאַנגען אָנקוקן דאָס וואונדערלעכע אָרט, וואָס ס'האָט נאָר געקאָנט גיין. ברעד אָלסען איז דאָרטן געווען מיט זיינע זעק שטיינער, אָבער גאָרנישט געמאַכט. דער שאַכטן-עקספּערט איז געווען אָפּגעפאָרן קיין שוועדן. אין די זונטיקן

פלעגט דאָרט זיין אַן עולם מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען אַזש פון דאָרף; יאָ, אַפילו אַקסל שטרעם, וואָס האָט נישט ליב געהאַט צו פטרן צייט, האָט פאַרקידעוועט פון זיין וועג איבער דער טעלעגראַף-ליניע אַ קוק צו טון אויפן וואונדער. זייער ווייניק מענטשן זענען געבליבן, וואָס האָבן די שאַכט נאָך נישט געזען, און צולעצט טוט אויך אינגער אַן דאָס בעסטע, וואָס זי פאַרמאָגט, איר גאַנץ צירונג, דאָס גאָלדענע פינגערל, און גייט אַרויף אין די בערג.

וואָס וויל זי דאָרטן?

גאָרנישט, ס'אַרט זי אפילו נישט די אַרבעט. אינגער איז געקומען זיך ווייזן, דאָס איז אַלץ. ווען זי האָט געזען די אַנדערע פרויען אַרויפגיין, האָט זי געפילט, אַז זי מוז אויך גיין. אַ מיאוסער שניט אויף איר רעכטער ליפּ. דערוואַקסענע קינדער שוין, אָבער זי וויל נישט אָפּשטיין פון אַנדערע. ס'קרענקט זי צו טראַכטן וועגן די אַנדערע יונגע פרויען, יאָ... זי וועט נאָך פרווון צו פאַרמעסטן זיך מיט זיי. זי איז נאָך נישט אַזוי דיק, און זי פאַרמאָגט נאָך אַ גענוג שיינע פיגור, הויך און שלאַנק, און זעט גוט אויס. אמת, זי איז שוין נישט בלוט און מילך, ווי זי איז געווען, איר הויט איז שוין נישט אַזוי פריש און צאַרט — נאָר דאָך, אָט וועט זי ווייזן, ווי אַלע וועלן נאָך קוקן אויף איר און צעשאָקלען מיטן קאָפּ: דאָס איז אַ פרוי!

זיי באַגריסן זי אַזוי פריינטלעך, ווי זי קאָן זיך נאָר ווינטשן; די אַרבעטער קענען זי, זי האָט זיי נישט איינמאָל דערלאַנגט אַ טרונק מילך, און זיי פירן זי אַרום איבער דער שאַכט. ווייזן איר די ביידלעך, די שטאַלן און קיכן, די קעלערס און שפּייז-קאַמערן; די דרייסטערע האַלטן זיך נעענטער צו איר און נעמען זי לייכט אָן ביים אָרעם, נאָר אינגער פילט זיך נישט באַליידיקט פון דעם, ס'געפעלט איר. און וואו ס'זענען פאַרהאַן טרעפּ אַרויף אָדער אַראָפּ, הייבט זי אונטער איר קלייד העכער, ווייזנדיק אירע פיס דערביי; נאָר זי טוט עס רויק, ווי גאָרנישט טראַכטנדיק דערפון. — יאָ, זי איז פיין, טראַכטן די אַרבעטער.

די אַלטע אינגער איז דאָך אַ ביסל חי פאַרשיכורט. ס'איז נישט שווער צו באַמערקן. אַ בליק פון איינעם אַ וואַרעם-בלוטיקן אַרבעטער איז געפאַלן אויף איר אומדערוואַרטעט; זי איז געווען דאַנקבאַר, און אים צוריקגעענטפערט; די געפאַר איז איר געווען אָנגענעם; זי איז גע-

ווען אַ פרוי, באַגלייך מיט אַנדערע. און ס׳האָט זי געפרייט דאָס צו פילן, זי איז נישט געווען זינדיק ביז איצט, ווייל זי איז קיינמאָל פאַרן נסיון נישט געשטאַנען.

די אַלטע אינגער!

גוסטאַוו איז אויך צוגעקומען. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי מיידלעך און אַ חבר זייגעם, כּדי צו קומען.

גוסטאַוו האָט, אָן ספק, געוואוסט וואָס ער טוט; ער האָט אָנגענומען אינגערס האַנט מיט מער ווארעמקייט, מער דריק, ווי ס׳איז בייטיק געווען, און איר געדאַנקט פאַר דעם לעצטן פריילעכן אָוונט אין סעלאַנדאַ. נאָר ער איז געווען גענוג פאַרזיכטיק נישט צו שענקען איר צופיל אויפמערקזאַמקייט.

— נו, גוסטאַוו, און ווען קומט איר אונז העלפן ביים בנין? — זאָגט אינגער, ווערנדיק רויט. און גוסטאַוו זאָגט, אַז ער וועט גאָר אינגיכן קומען. זיינע חברים הערן דאָס און מישן זיך אַריין, זיי ווילן אַלע אינגיכן קומען.

— האַ! — זאָגט אינגער — וועט איר נישט פאַרבלייבן אין דער שאַכט אויף ווינטער?

די אַרבעטער ענטפערן פאַרזיכטיק, אַז מסתמא נישט, נאָר גוסטאַוו איז דרייסטער, און ער לאַכט און זאָגט, אַז זיי האָבן שוין אויסגעשקראַבעט כּמעט דאָס גאַנצע ביסל קופּער, וואָס דאָ איז געווען.

— געוויס מיינט איר עס נישט ערנסט — זאָגט אינגער. און די אַנדערע אַרבעטער באַמערקן דערביי, אַז גוסטאַוו זאָל בעסער זיין פאַרזיכטיקער און אַזעלכע זאַכן נישט זאָגן.

נאָר גוסטאַוו האָט נישט בדעה צו היטן זיך; ער האָט נאָך געזאָגט אַ סך מער, און וואָס איז שייך אינגערן, האָט ער זי אינגאַנצן געוואונען, הגם ער איז נישט צוגעשטאַנען צו איר.

איינער פון די יונגען האָט גענומען שפּילן אויף אַ קאָנצערטינאַ, נאָר ס׳איז נישט געווען דאָס, וואָס גוסטאַווס האַרמאָניקע; אָן אַנדערער ווידער, אַ קלוגער יונג, האָט געפּרוווט ציִען איר אויפמערקזאַמקייט צו זיך דורך זינגען אַ ליד אויף אויסנווייניק צו דער מוזיק, נאָר דאָס איז אויך געווען גאָרנישט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים. אַ ווײַלע שפּע-

טער האָט גוסטאַוו שוין געטראָגן אינגערס גאָלדן רינגל אויף זיין קליי־נעם פינגער!

און ווי אַזוי איז עס געשען, אַז ער האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט געשטופּט פאַרויס?

אָ, ער האָט זיך געשטופּט, נאָר אויף זיין שטייגער, שטיל, אַזוי ווי אינגער אַליין; זיי האָבן קיין סך נישט גערעדט, און זי האָט אים גע־לאָזט זיך שפּילן מיט איר האַנט, ווי נישט באַמערקנדיק עס שפּעטער, ווען זי איז געזעסן אין איינעם פון דיביידלעך און געטרינקען קאַווע, האָט זיך געהערט אַ טומל אינדרויסן, און זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז צוליב איר, און ס'האָט זי געוואָרעמט, געריצט.

ווי אַזוי אינגער איז אַהיימגעקומען יענעם זונטיק אָוונט? האָ, פּונקט אַזוי צניעותדיק און אומשולדיק, ווי זי איז געגאַנגען אַהין. אַן עולם מענער האָט זי אַרויסבאַגלייט, אַן עולם, וואָס וויל זיך נישט אומ־קערן צוריק, כּל־זמן גוסטאַוו איז לעבן איר; מען וועט זי נישט איבער־לאָזן אַליין מיט אים, בשום אופן נישט! אינגער האָט נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פריילעך פאַרבראַכט, אפילו נישט בשעת זי איז געווען אין דער גרויסער וועלט.

— האָט אינגער נישט פאַרלוירן עפּעס? — האָבן זיי לסוף גע־פרעגט.

— פאַרלוירן עפּעס?

— דאָס גאָלדענע פינגערל

איצט האָט גוסטאַוו געמוזט עס אָפּגעבן. ער איז געווען איינער קעגן אַלע, קעגן אַ גאַנצער מחנה.

— אָ, זייער גוט, וואָס איר האָט עס געפונען, — האָט אינגער געזאָגט, און געשווינד זיך געזעגנט מיט אירע באַגלייטער.

זי האָט זיך דערנענטערט צו סעלאַנראַא, דערזען די פּילע דע־כער פון די געביידעס — איר היים. און זי האָט זיך ווי אויפגעוועקט, געקומען צו זיך, ווידער די אשת חיל, וואָס געווען. זי האָט פאַרקירעוועט אין שטאַל אַריין אַ קוק טאָן אויף די בהמות. אויפן וועג גייט זי פאַרביי אַ באַקאַנט אָרט; אַ קליין קינד איז דאָרטן געווען אַמאָל באַגראָבן; זי האָט אַליין צוגעדעקט די ערד מיט אירע הענט, אויפגעשטעלט אַ קליין צלמל — אָ, דאָס איז געווען שוין אַזוי לאַנג! איצט האָט זי געטראַכט,

צי די מיידלעך האָבן געמאָלקן די קי צו דער צייט און צי אַלץ איז אין שטוב אָפּגעטון!

די אַרבעט אין דער שאַכט גייט ווייטער, נאָר עפּעס טראָגן זיך קלאַנגען אַרום, אַז ס'איז צרהדיק, אַז ס'איז נישטאָ אַזוי פיל קופּער, וויפיל מ'האָט גערעכנט. דער עקספּערט, וואָס איז געהאַט אָפּגעפאָרן, איז ווידער געקומען און מיט אים נאָך איינער. זיי האָבן נאָכאַמאָל געגראָבן און געבויערט און אונטערזוכט דעם גאַנצן באָדן. וואָס האָט געפעלט? דער קופּער איז גאַנץ גוט, נאָר דער שיכט איז דין און נישט גענוג טיף; ער ווערט דיקער ערשט צו דרום-צו, גייט אַוועק אין דער טיף פונקט דאָרטן, וואו דער געזעלשאַפטס-באָדן ענדיקט זיך. — נו, די ערשטע קונים האָבן אפשר נישט געקימערט זיך פיל וועגן דער קניה. ס'איז געווען אַ משפחה-ענין, געוויסע קרובים, וואָס האָבן אָפּגעקויפט דאָס אָרט אויף שפּעקולאַציע, זיי האָבן זיך נישט געקימערט אָפּצוקויפן דעם גאַנצן באָדן, די אַלע מיילן אַראָפּ ביז צום צווייטן טאָל, זיי האָבן בלויז אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד ביי יצחקן און גייסלערן, און דאַן עס ווידער פאַרקויפט.

און וואָס זאָל מען איצט טאָן? די הויפּט-מאַכער מיט די עקספּערטן און די אויפזעער ווייסן גאַנץ גוט; זיי מוזן גלייך אָנהייבן פאַרהאַנדלען מיטן שטאַט. שיקן זיי באַלד אַוועק אַ שליח קיין שוועדן, מיט בריוו און פּלענער און מאַפּעס, און אַליין פאָרן זיי אַראָפּ צום לענסמאַנד אין דאָרף צו קריגן די רעכט אויפן באָדן אין דרום-זייט פונם וואַסער. און דאָ הייבן זיך אָן די שוועריקייטן; דאָס געזעץ שטעלט זיך אײַנמיטן, זיי זענען אויסלענדער און קאָנען נישט קויפן אויף זייער אייגענעם נאָמען, דאָס האָבן זיי אייגנטלעך געוואוסט און עס פון פריער באַזאָרגט. אָבער די דרום-זייט פונם באַרג איז שוין געווען פאַרקויפט — און דאָס האָבן זיי נישט געוואוסט. — פאַרקויפט?

— יאָ, שוין לאַנג, מיט יאָרן צוריק.

— ווער זשע האָט עס געקויפט?

— גייסלער.

— וועלכער גייסלער? — אָ, יענער, — ה-מ.

— און די קויף-פּאַפּירן זענען באַשטעטיקט און איינגעשריבן, —

זאָגט דער לענסמאַנד. — ס'איז געווען נאַקעטער פעלז, נישט מער, און ער האָט עס געקויפט פאַר אַ קלייניקייט.

— ווער איז ער, דער דאָזיקער גייסלער, וואָס האַלט אָפּ די אַר־בעט? וואו איז ער?

— גאָט ווייסט, וואו ער איז איצט ערגעץ.

און אַ נייער שליח ווערט אַוועקגעשיקט קיין שווערן: זיי מוזן גע־פינען דעם גייסלערן; דערווייל קאָנען זיי נישט אָנהאַלטן אַלע אַרבעטער; מען מוז אָפּוואַרטן.

און דאַן איז גוסטאַוו געקומען קיין סעלאַנראַאַ, מיט אַלע זיינע זאַכן אויף דער פּלייצע.

— אָט בין איך! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געוואָרפן זיין אַרבעט אין דער שאַכט — דאָס הייסט, ער איז געווען צו רעדעוודיק פאַריקן זונטיק וועגן דער שאַכט און וועגן דעם קופּער, דער אויפזעער האָט געהערט וועגן דעם און דער אינזשי־ניער, און מען האָט אים אָפּגעזאָגט. נו, איז ער אַוועק, און אפשר האָט ער דאָס טאַקע געוואָלט אַליין; איצט וועט זיין קומען קיין סעלאַנראַאַ נישט אַרויסרופן קיין שום חשד. זיי האָבן אים באַלד געשטעלט אַר־בעטן ביי דער שטאַל.

זיי האָבן געאַרבעט און געאַרבעט ביי די שטיינערנע ווענט, און ווען מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז נאָך אַן אַרבעטער אָנגעקומען פון דער שאַכט, האָט מען אים אויך צוגענומען; איצט זענען זיי געווען פיר און די אַרבעט איז אַוועק שנעל. יאָ, זיי וועלן האָבן דעם בנין פאַרטיק ביז האַרבסט, אָן שום ספק.

נאָר איצט האָבן אָנגעהויבן קומען איינער נאָכן אַנדערן די שאַכטן־אַרבעטער, אַלע אָפּגעזאָגטע, און זיך פאַרנומען מיטן וועג קיין שווערן; די ערשטע פּראָבע־אַרבעט אין דער שאַכט איז צייטווייליק אָפּגעשטעלט. ביי דער נייעס האָבן די איינוואוינער פון דאָרף אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ; נאַרישע מענטשן, זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז אַ פּראָ־בע־שאַכט איז נישט מער ווי אַ פּראָבע־אַרבעט. אַ שווער געמיט האָט אַרומגענומען די דאָרפסלייט; געלט איז געוואָרן ווייניקער, די פאַר־דינסטן קלענער, דאָס געשעפט אין סטאָרבאָרג איז געוואָרן זייער שטיל. וואָס האָט דאָס באַטייט? פונקט ווען אַלץ האָט אָנגעהויבן צו גיין אַזוי

גוט, און אַראָנסען האָט זיך געמאַכט אַ סאָן מיט אַ פאָן־שטאַנג און זיך געקויפט אַ גוטע, ווייסע בערן־פעל פאַר אַ דעק אין שליטן אַריין אויפן ווינטער און פיינע קליידער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.... קלייניקייטן, — אָבער דאָרטן האָבן אויך גרעסערע זאַכן פאַסירט. צוויי נייע מענטשן האָבן געקויפט לאַנד צו באַאַרבעטן אין דער ווילדעניש; גאָר אין דער הייך, צווישן מאַאַנענלאַנד און סעלאַנראַאַ, און דאָס איז געווען נישט קיין קליינע געשעעניש פאַר אַלעמען. די צוויי נייע האָבן זיך אויפגעשטעלט טאָרף־שטיבלעך און אָנגעהויבן אָפצורייניקן דעם באָדן און צו גראָבן. זיי זענען געווען שווער אַרבעטנדיקע מענטשן און אויפגעטון אַ סך אין אַ קורצע צייט. דעם גאַנצן זומער האָבן זיי איינגעקויפט זייער פראָוויאַנט אין סטאָרבאָרג, נאָר ווען זיי זענען דאָס לעצטע מאָל אַרונטערגעקומען, האָבן זיי שוין כמעט גאָרנישט געקאָנט באַקומען. צו וואָס האָט אַראָן געדאַרפט איצט סחורה, אַז די אַרבעט אין דער שאַכט איז אָפגעשטעלט? ער האָט איצט כמעט גאָרנישט פאַרמאָגט אויפן אָרט — נאָר געלט. פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט איז ער אפשר געווען דער אייגציקער, וואָס איז געווען אַממערסטן נידערגעשלאָגן; זיינע אויסרעכנונגען זענען אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. ווען עמעצער האָט אים פאָרגעלייגט צו נעמען באַאַרבעטן זיין לאַנד און דערווייל לעבן פון דעם ביז בעסערע צייטן וועלן אָנקומען, האָט ער געענטפערט: — באַאַרבעטן לאַנד? נישט צוליב דעם בין איך געקומען אַהער.

צולעצט האָט אַראָנסען שוין מער נישט געקאָנט עס פאַרטראָגן; ער מוז אַליין אַרויפגיין צו דער שאַכט און זען, ווי עס האַלט. ס׳איז געווען אַ זונטיק. ווען ער האָט דערגרייכט סעלאַנראַאַ, האָט ער געוואָלט, אַז יצחק זאָל מיטגיין מיט אים. יצחק האָט אָבער נאָך ביז איצט זיין פוס אין דער שאַכט נישט געשטעלט; ער פילט זיך בעסער דאָ, ביי זיך. אינגער האָט זיך געמוזט אַריינמישן: — מעגסט אַרויפגיין מיט אַראָנסענען, אַז מען בעט דיך, — האָט זי געזאָגט; עס מאַכט נישט אויס, אַז ער וועט גיין אויף אַ פאָר שעה; ס׳איז געווען זונטיק, האָט זי אפשר געוואָלט פטור ווערן פון אים אויף עטלעכע שעה. איז יצחק מיטגעגאַנגען.

מאָדנע זאַכן זענען דאָרטן געווען צו זען אין די בערג; יצחק האָט דאָס אָרט איצט מער נישט דערקענט, מיט די אַלע ביידלעך און

קאַמערן, אַ גאַנץ שטעטל, און פורן און וועגענער און גרויסע אָפענע גריבער אין דער ערד. דער אינזשיניער אַליין האָט זיי אַרומגעפירט. ער איז אפשר אַליין נישט געווען אין אַזאַ גוטן געמיט, דער אינזשיניער, נאָר דאָך האָט ער די גאַנצע צייט זיך געמיט צו אָפּשוואַכן די נידער-געשלאָגנקייט און באַטריבטקייט, וואָס האָט באַהערשט די דאָרפסלייט און אַלע איינוואוינער פון אַרום. און דאָ איז אַזאַ גוטע געלעגנהייט: דער מאַרגראַף פון סעלאַנראַאַ איז געקומען און דער גרויסער סוחר פון סטאָר-באָרג!

דער אינזשיניער האָט זיי דערקלערט די אייגנשאַפטן פונם אַרץ און ווי אַזוי מען אַרבעט; וואו ס'איז דאָ קופער, וואו אייזן און וואו שוועבל. יאָ, זיי ווייסן גענוי, ביז אַ ברעקעלע, וואָס אין די פעלזן טוט זיך — אַפילו גאָלד און זילבער איז דאָרטן פאַרהאַן, נאָר זייער ווייניק. אַ שאַכטן-אינזשיניער, ער מוז דאָס אַלץ וויסן.

— און דאָס אַלץ וועט ווערן אָפּגעשטעלט איצט? — האָט אַראָנסען געפרעגט.

— אָפּגעשטעלט? — האָט דער אינזשיניער איבערגעחזרט דער-שטוינט. — אַ שיין פנים וואָלט ער געהאַט פאַר דרום-אַמעריקע. — ניין, זיי שטעלן אָפּ די אַרבעט נאָר אויף אַ ווײַלע, בלויז אויף אַ קורצער צייט; זיי האָבן געזען, וואָס פאַר אַ אָרט עס איז און וואָס עס קאָן אַרויסגעבן; דאַן קאָנען זיי בויען די לופט-באַן און אָנהייבן אַרבעטן אויפן דרום-טייל פונם באַרג. ער האָט זיך געווענדט צו יצחקן: — איר ווייסט נישט אַמאָל, וואו דער גייסלער געפינט זיך?

— ניין.

— ס'מאַכט נישט אויס — זיי וועלן אים שוין אויסזוכן. און דאַן וועלן זיי זיך שטעלן אַרבעטן נאָכאַמאָל. אָפּשטעלן? האַ-האַ!

יצחק ווערט פלוצים פאַרוואונדערט און אַנטציקט פון אַ קליינער מאַשין, וואָס אַרבעט מיט אַ פוס-ברעט — מ'שטעלט אַרויף דעם פוס און ס'אַרבעט. ער פאַרשטייט עס גלייך — ס'איז אַ קליינע קוזשניע, וואָס מ'קען אַרומפירן אויף אַ פור און זי אַראָפּנעמען און אַוועקשטעלן, וואו מ'וויל.

— וואָס קאָן אַזאַ מאַשין קאָסטן? — פרעגט ער.

— די? די אַרומפאָרנדיקע קוזשניע? אַ, נישט פיל — זיי האָבן דאָ

עטלעכע פון דעם סאָרט, נאָר ס׳איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס זיי האָבן לעבן ים; עלעקטרישע מאַשינען און אַפּאַראַטן, גרויסע ריזיקע מאַשינען. און ער גיט יצחקן צו פאַרשטיין, אַז שאַכטן־אַרבעט, דאָס מאַכן טאָלן און ריזיקע שפּאַלטן אין די פעלזן, איז נישט קיין עסק, וואָס קען געטון ווערן מיט די פינגער־נעגל — האַ־האַ?

זיי שפּאַצירן אַרום איבער דער שאַכט, און דער אינזשיניער דערציילט, אַז ער אַליין וועט אויך אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקפאָרן קיין שוועדן.

— אָבער איר וועט דאָך צוריקקומען נאָכאַמאָל? — זאָגט אַראָנסען.

— אָ, זיכער.

יצחקן איז געלונגען נאָכאַמאָל זיך אָפּשטעלן ביי דער קוזשניע און זי ווידער באַקוקן.

— און וואָס קאָן אַזאַ קליינע מאַשין קאָסטן? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס זי קאָסט? ער קאָן נישט זאָגן גלייך אויף דער שטעל? — זי קאָסט, נאַטירלעך, נאָר איין שאַכט איז עס אַ קלייניקייט. אָ, דער פּראַקטפולער אינזשיניער! ס׳איז אים אפשר נישט אַזוי גוט אויפן האַרצן, נאָר ער האַלט אויס דעם אָנשטעל ביז צום סוף. וואָס, יצחק נויטיקט זיך אין אַ קוזשניע? גוט, ער קאָן נעמען אָט די, — דער געזעלשאַפט וועט עס גאָרנישט אויסמאַכן — די געזעלשאַפט שענקט אים אַ קוזשניע.

אַ שעה שפּעטער זענען אַראָנסען מיט יצחקן געווען אויף זייער וועג צוריק. אַראָנסען איז אַ ביסל באַרויקט — ס׳איז נאָך פאָרט פאַראַן אַ האָפענונג. און יצחק שפּאַנט מיט זיין טייערער קוזשניע אויף דער פּלייצע. אַן אייזערנער מענטש, ער האָט נאָך געקאָנט טראָגן אַ משא! דער אינזשיניער האָט אפילו געהאַט פאָרגעלייגט זי אַראָפּצושיקן קיין סעלאַנראַ מאָרגן אינדערפרי מיט אַ פּאָר אַרבעטער, נאָר יצחק האָט אים געדאַנקט — ער דאַרף זיך נישט באַמיִען. יצחק האָט געטראַכט זיינס; אַ שיינע איבעראַשונג וועט עס זיין אינדערהיים, אַז ער וועט קומען מיט אַ קוזשניע אויף דער פּלייצע!

אָבער געמאַכט האָט זיך אַזוי, אַז דער איבעראַשטער איז געווען ער, יצחק.

אַ פערד מיט אַ וואָגן האָט פּאַרקירעוועט אין הויף אַריין, אַקוראַט ווען ער איז אָנגעקומען. און אַ מערקווירדיקן גאַסט האָט דער וואָגן געבראַכט. דער פורמאַן איז געווען פון דאָרף, נאָר לעבן אים איז געזאַנגען אַ מאַן, אויף וועמען יצחק האָט געגלאָצט פון איבעראַשונג — ס'איז געווען גייסלער

ט

ס'זענען געווען נאָך זאַכן, וואָס וואָלטן אפשר געקאָנט געווען אי־בעראַשן יצחקן. נאָר ער איז נישט אַזוי רירעוודיק צו קאָנען טראַכטן וועגן מער, ווי איין זאַך אויף אַמאָל.

— וואו איז אינגער? — האָט ער בלויז אַ פרעג געטון, פאַרביי־גייענדיק די קיך־טיר; ער האָט געוואָלט, אַז גייסלער זאָל פיין אויפ־גענומען ווערן.

אינגער? אינגער איז געגאַנגען קלויבן יאַגדעס באַלד, ווי יצחק איז אַוועקגעגאַנגען — זי און גוסטאַוו, דער שוועד. יאָ, די אַלטע אינ־גער איז געפערלעך פאַרליבט; האַרבסט און ווינטער רוקן זיך אָן, אָבער זי לעבט איבער אַ זומער־היץ. איר האַרץ בליט!

— קומט, ווייזט מיר וואו ס'וואַקסן דאָ מאַלענעס, — האָט גוס־טאַוו בעזאָגט.

און ווי האָט זי געקאָנט אָפזאָגן? אינגער איז אַריינגעלאָפן אין איר קליינעם צימער און געבליבן פאַרלעגן, ערנסט און פרום עטלעכע מינוט; ער האָט אָבער געוואַרט אינדרויסן. האָט זי צוגעקעמט די האָר, זיך אָנגעקוקט פאָרזיכטיק אין שפיגל און אַרויס צוריק. און וואָס איז? ווער וואָלט נישט געטון דאָס זעלבע? אָ, אַ פרוי קאָן נישט אונטערשיידן איין מאַן פון אַן אַנדערן; נישט אַלעמאָל, נישט אָפט.

און זיי גייעןביידע קלויבן יאַגדעס, רייסן מאַלינעס אויפן זומפּלאַנד, פון קוסט צו קוסט, און זי הייבט אונטער איר קליידל, און אירע פיס זען זיך אַרויס. עס איז שטיל אַרום; די ווייסע וואַלד-הינער האָבן שוין זייערע יונגע הינדעלעך אַרום זיך דערוואַקסענע, און זיי פליען שוין מער נישט מיט אַ צישען אַנטקעגן. ס'זענען אויך דאָ ווייכע פאַרוואַקסענע ערטער אויפן זומפּלאַנד. נאָך קיין גאַנצע שעה נישטאָ, זינט זיי זענען אַרויס, און שוין זעצן זיי זיך אָפּרוען. אינגער זאָגט: — אָ, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ? — אָ, זי פילט זיך אַזוי שוואַך בייצושטיין קעגן אים, זי שמייכלט רחמנותדיק, זי איז פאַרליבט, און ווי זיס און גרויזאַם איז צו זיין פאַרליבט! בעסער היטן זיך און זיין אויף דער וואַך — יאָ, כדי סוף כּל סוף זיך פאָרט אונטערגעבן. אינגער איז אַזוי טיף פאַרליבט, ביז פאַרצווייפלונג, אומרחמנותדיק, איר האַרץ איז איבערפולט מיט גוטסקייט, און איר באַגער איז נאָר צו זיין ליב און גוט צו אים.

די אַלטע אינגער!

— ווען די אַרבעט וועט זיך ענדיקן, וועט איר אַוועקגיין, — זאָגט זי.

ניין, ער וועט נישט אַוועקגיין. יאָ, פאַרשטייט זיך, אַמאָל, אָבער נישט איצט, נישט די וואָך נאָך.

— זאָלן מיר נישט אומקערן זיך בעסער צוריק? — זאָגט זי.

— ניין.

זיי רייסן ווידער מאַלינעס, און אין אַ ווײַלע אַרום געפינען זיי ווידער אַ פאַרבאָרגן אָרט, און אינגער זאָגט: — גוסטאַוו, איר זענט משוגע! און שעהן פאַרגייען — זיי זענען איינגעשלאָפן. ס'איז אַזוי וואונדערלעך גוט — ווייט אין דערווילדעניש, אין גן-עדן. דאַן טוט זיך אינגער פלוצים אַ הייב אויף און הערט זיך צו: — דוכט זיך, ווי איך וואָלט געהערט אַ וואָגן פאָרן?

די זון פאַרגייט; די קוסטן היידקרויט טונקלען זיך אין שאָטן, ווען זיי קערן זיך אום אַהיים. זיי גייען דורך אַ סך באַהאַלטענע ערטער, און גוסטאַוו זעט זיי, און אינגער זעט זיי אויך; נאָר די גאַנצע צייט ווייזט זיך איר אויס, אַז עמעצער פאָרט

אָ, נאָר ווער קאָן גיין אַ גאַנצן וועג מיט אַ ווילד שייגעם יונג און זיך די גאַנצע צייט באַהערשן?

אינגער איז צו שוואַך, זי קאָן נאָר שמייכלען און זאָגן: — אַזאַ ווי דו האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען!

זי קומט אַהיים אַליין. און גוט, וואָס זי איז אָנגעקומען אַקוראַט; איר מזל. אַ מינוט שפּעטער וואָלט שוין געווען נישט גוט. יצחק האָט נאָר וואָס געהאַט אַריינגעשפּאַנט אין הויף מיט דער קוזשניע, מיט אַראָנ־סענען — און דאָרטן איז נאָר וואָס צוגעפאָרן אַ פערד־און־וואָגן.

— גאָדדאַג, — זאָגט גייסלער, באַגריסנדיק אינגערן.

שטייען זיי אַלע און קוקן אייבער אויפן צווייטן — מ׳האָט נישט געקאָנט ווינטשן זיך בעסער...

גייסלער איז נאָכאַמאָל דאָ. שוין יאָרן, אַז ער איז דאָ נישט גע־ווען, געוואָרן אַ ביסל עלטער, גרויער אַ ביסל, נאָר לעבעדיק און מונ־טער, ווי אַלעמאָל, און גוט געקליידט איז ער דאָס מאָל, מיט אַ ווייסער וועסט און מיט אַ גאָלדענער קייט. דער טייוול ווייסט אים, אָט דעם גייסלערן!

האָט ער אפשר געהערט, אַז עפּעס קומט פאָר אין דער שאַכט, און ער האָט געוואָלט אַליין זען? יעדנפאַלס, איז ער דאָ. ער קוקט זיך אויפמערקזאַם אַרום, באַמערקט יעדע זאַך: גרויסע ענדערונגען זענען דאָ פאָרגעקומען; דער מאַרקגראַף האָט אויסגעברייטערט זיין גוט. און גייסלער שאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ.

— וואָס טראָגסטו דאָרטן? — פרעגט ער יצחקן. — ס׳איז דאָך אַ משא פאַר אַ פאָר פערד, — זאָגט ער.

— ס׳איז אַ קוזשניע, — דערקלערט יצחק, — זייער אַ נוצלעכע זאַך פאַר אַ פערמע.

— וואו האָסטו זי באַקומען?

— אויבן אין דער שאַכט. דער אינזשיניער האָט זי מיר געגעבן אַ מתנה.

— איז דאָרט פאַרהאַן אַן אינזשיניער? — פרעגט גייסלער, ווי ער וואָלט דאָס נישט געוואוסט.

זאָל גייסלער אָפּשטיין פון אַן אינזשיניער?

— איך האָב געהערט, זאָגט ער, אַז דו האָסט אַ שנייד־מאַשין, האָב איך דיר מיטגעבראַכט אַ פּאַטענטירטן היי־שאַרער. — און ער ווייזט אָן אויפן וואָגן. דאָרטן איז געשטאַנען אַ מאַשין, רויט־בלוי, אַ ריזיקער קאַם, אַ היי־גראַבליע אויף איינצוּשפּאַנען מיט פערד. זיי האָבן זי אַרונטערגענומען פון וואָגן און באַקוקט; יצחק האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט און זי געפּרוּווט אויף דער ערד. און קיין חידוש נישט, וואָס ער האָט זיין מויל ברייט צעעפנט! וואונדער איבער וואונדער אַנטפּלעקן זיך אין סעלאַנראַאַ.

זיי האָבן גערעדט פון דער שאַכט, פון דער אַרבעט אין די בערג. — זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך, אַ סך מאָל, — האָט יצחק געזאָגט.

— ווער?

— דער אינזשיניער, און די איבעריקע הערן, זיי מוזן אייך אויסזוכן, האָבן זיי געזאָגט.

אָ, נאָר דאָ האָט שוין יצחק געווּיס מגזם געווען. גייסלער האָט דאָס נישט ליב. האָט ער בלויז אַ זאָג געטון:

— גוט, איך בין דאָ, אויב זיי דאַרפן מיך.

אויף מאָרגן זענען די צוויי שלוחים צוריק געקומען פון שוועדן, און מיט זיי זענען מיטגעקומען אַ פּאָר פון די שאַכט־אייגנטימער; אויף פערד האָבן זיי געריטן, פיינע הערן; זייער רייכע לייט, אַפּנים. זיי האָבן אין סעלאַנראַאַ זיך נישט אָפּגעשטעלט, מער נישט נאָכגעפרעגט זיך אויפן וועג אַרויפצו. גייסלערן האָבן זיי געמאַכט זיך, ווי זיי זען אים נישט, כאָטש ער איז געשטאַנען דעבן. די שלוחים מיט זייערע אָנגעלאָדענע משא־פערד האָבן זיך אָפּגערוּט אַ ביסל, געכאַפּט א שמועס מיט די מענער ביי דער שטאַל, זיך דערוואוסט, אַז דער אַלטער הער אין דער ווייסער וועסט און מיט דער גאָלדענער קייט איז גייסלער, און דערנאָך זענען זיי אויך אַוועק ווייטער. נאָר נאָך דעמזעלבן אָוונט איז איינער פון זיי ווידער געקומען, רייטנדיק אויף אַ פערד, מיט אַ מינדלעכער שליחות צו גייסלערן, אַז ער זאָל אַרויפקומען צו די הערן אין דער שאַכט. — איך בין דאָ, אויב זיי דאַרפן מיך, — איז געווען דער ענטפער, וואָס גייסלער האָט צוריקגעשיקט.

גייסלער איז געוואָרן אַ גרויסער מאַן, ווייזט אויס, געהאַלטן זיך, ווי ער וואָלט האָבן די גאַנצע וועלט אין קעשענע; און אפשר באַטראַכט ער עס פאַר אַן אומכּבֿוד, מ'זאָל אים שיקן רופן. נאָר ווי אַזוי האָט עס געטראָפן, וואָס ער איז אָנגעקומען קיין סעלאַנראַאַ פּונקט דאַן, ווען מ'האָט אים אַזוי בייטיק געדאַרפט האָבן? ווייסט ער טאַקע אַלץ? יעדנפאַלס, ווען די הערן אויבן אין דער שאַכט האָבן באַקומען גייסלערס ענטפער, האָבן זיי גאַרנישט געקאָנט מאַכן, געמוזט זיך מטריח זיין צוריק קיין סעלאַנראַאַ. דער אינזשיניער און די צוויי שאַכטן-עקספּערטן זענען אויך מיטגעקומען.

אַ סך שמד-שטיק און קונצן זענען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג; ס'איז געווען שווער אָנצוהייבן; גייסלער האָט זיך געהאַלטן צו גרויס.

די הערן זענען געווען געגוג העפלעך דאָס מאָל; געבעטן אים צו אַנטשולדיקן זיי, פאַרוואָס זיי האָבן געשיקט אים רופן בעכטן, זיי זענען געווען מיד פונם וועג. גייסלער פון זיין זייט איז אויך געווען העפלעך און געזאָגט, אַז אויך ער איז געווען מיד פון וועג, ווען נישט, וואָלט ער געווען אַרויפגעקומען. נו, איז מען צוגעטראָטן צו געשעפט: וויל גייסלער פאַרקויפן דעם באָדן אויף דרום?

— ווילט איר אים קויפן פאַר אייך אַליין, אויב איך מעג פרעגן, — האָט גייסלער געזאָגט, — אָדער איר זענט נאָר פאַרמיטלער?

נו, דאָס האָט שוין נישט געקאָנט זיין עפּעס אַנדערש, ווי נאָר בלויזע האַרטנעקיקייט פון גייסלערן; ער האָט זיכער געקאָנט אַליין זען, אַז אַזעלכע רייכע, פּאָרנעמע לייט וועלן נישט האַנדלען אַלס אַגענטן פאַר עמעצן אַנדערש, און זיי האָבן פאָרגעזעצט די פאַרהאַנדלונגען. — וואָס איז וועגן פּרייז? — האָבן זיי געזאָגט.

— דער פּרייז? — יאָ, — האָט גייסלער געזאָגט און זיך באַטראַכט. — עטלעכע מיליאָן.

— טאַקע? — האָבן די הערן געזאָגט און געשמייכלט. נאָר גייסלער האָט נישט געלאַכט.

דער אינזשיניער און די צוויי עקספּערטן האָבן אויסגעפאָרשט דעם

באַדן, אויף עטלעכע ערטער געבויערט און אויפגעריסן, און דאָס איז געווען זייער באַריכט: דער אַרץ נעמט זיך דאָ פון אַ וואולקאַנישן אויסברוך; ער ליגט נישט רעגלמעסיק; זייער ביז איצטיקע פאָרשונג האָט געוויזן, אַז אַמטיפסטן איז דער אַרץ ביים גרענעץ צווישן דעם באָדן פון דער געזעלשאַפט און גייסלערס, פון דאָרטן ווייטער ווערט דער אַרץ אַלץ ווייניקער. די לעצטע מייל איז קיין גוטער אַרץ צום באַארבעטן נישט געפונען געוואָרן.

גייסלער האָט זיך צו דעם אַלעם צוגעהערט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט. ער האָט אַרויסגענומען פאַפּירן פון קעשענע און אויפמערקזאַם אין זיי אַריינגעקוקט; נאָר די פאַפּירן זענען נישט געווען קיין מאַפּעס — ווער ווייסט, צי האָבן זיי בכלל אַ שייכות געהאַט מיט דער שאַכט.

— איר האָט נישט געגראָבן טיף גענוג, — האָט ער געזאָגט, ווי דאָס וואָלט עס געווען, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון זיינע פאַפּירן. די הערן האָבן דאָס גלייך צוגעגעבן. נאָר דער אינזשיניער האָט געפרעגט, פון וואַנעט ווייסט ער עס — איר האָט דאָך נישט געבויערט אַליין, רעכן איך?

גייסלער האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט שוין האָבן געבויערט הונדערטער מעטער אין דער טיף, נאָר בלויז צוריק פאַרדעקט די לעכער, מען זאָל נישט אָנזען.

זיי האָבן אַזוי געשמועסט ביזן מיטן טאָג, און צולעצט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זייערע זייגערס. גייסלער איז שוין אַראָפּ אויף אַ פערטל מיליאָן, נאָר מער האָט ער קיין האָר נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ניין, זיי האָבן אים געמוזט האָבן באַליידיקט מיט עפּעס. זיי האָבן אוודאי געקערט מיינען, אַז ער איז להוט צו פאַרקויפן, געצוואונגען צו פאַרקויפן, נאָר ער איז עס נישט. — האָ, אפילו קיין ברעקל נישט; ער איז געזעסן פונקט אַזוי רויק און פאָרנעם ווי זיי.

— פופצען, לאָמיר זאָגן צוואַנציק טויזנט וואָלט געווען אַ גענוג אָנשטענדיקע פרייז, — האָבן זיי געזאָגט.

גייסלער האָט איינגעשטימט, אַ ז דאָס איז אַ גענוג אָנשטענדי קער פּריין פאַר איינעם, וואָס איז זייער געענט אין געלט, נאָר צוויי הונ-

דערט פופצען טויזנט איז מער. מיטאַמאָל האָט איינער פון די הערן זיך אָנגערופן: — אפשר כּדי אויפצוהאַלטן גייסלערן פון פליען צו הויך; — יאָ, אגב, איך האָב געזען אייער פרויס משפחה אין שוועדן — זיי האָבן געלאָזט גריסן.

— אַ דאַנק — האָט גייסלער געזאָגט.

— נו, — האָט ד״ר צווייטער הער געזאָגט, זעענדיק, אַז גייסלערן קאָן מען נישט נעמען אויף אַזאַ אופן, — אַ פּערטל מיליאָן! — מיר קויפן דאָך נישט קיין גאָלד, נאָר קופּער.

— יאָ, — האָט גייסלער געזאָגט. — געוויס קופּער.

ביי די ווערטער האָבן זיי פאַרלוירן זייער געדולד, און האָבן אַלע פינף אַרויסגעכאַפּט די זייגערס. זיי קאָנען מער קיין צייט אומזיסט נישט פאַרלירן; ס'איז צייט צו עסן מיטאָג. זיי האָבן נישט געוואָלט עסן אין סעלאָנראַאַ, נאָר געפאָרן צוריק אין דער שאַכט, צו מיטאָגן דאָרטן.

אַזוי איז געווען דער סוף פונם צוזאַמענקונפט.

גייסלער איז געבליבן.

וואָס האָט ער געטראַכט די גאַנצע צייט — וועגן וואָס האָט ער אַזוי פיל געקלערט? צי אפשר האָט ער סתּם פון גליַיכגילט זיך אַזוי געפירט? ניין, ער האָט פיל איבערגעקלערט, נאָר נישט אַרויסגעוויזן קיין אומרויִקייט. נאָך מיטאָג האָט ער זיך אָנגערופן צו יצחקן: — איך גיי מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר איבער מיין באַרג, און איך וואָלט ווידער געוואָלט מיטנעמען סיוועריטן מיט זיך, אַזוי ווי דאָס לעצטע מאָל.

— יאָ, גוט, — האָט יצחק גלייך געענטפערט.

— ער האָט דאָך אָבער אַנדערע אַרבעט.

— ער וועט גיין מיט אייך גלייך, — האָט יצחק געזאָגט און אַ רוף געטון סיוועריטן. נאָר גייסלער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געזאָגט קורץ: — ניין!

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף און געמיטלעך געשמועסט מיט די אַרבעטער ביי דער שטאַל. ערשט פון אַזאַ ערנסט געשעפט, — און דאָך גערעדט אַזוי, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט גאָרנישט ווערט געווען. און אפשר איז גייסלער אַזוי געוואוינט געוואָרן צו די קאַפּריזן פון זיין מזל, אַז ער איז איצט געווען ווייט פונם געפיל, אַז עס שטייט אין קאָן עפּעס זייער וויכטיקס.

די גאַנצע זאַך איז געווען אַ בלויזער צופאַל. אַז ער האָט פאַר־קויפט דאָס ערשטע קליינע שטיק לאַנד צו זיין פרויס קרובים, איז ער גלייך אַוועק און אָפּגעקויפט דעם גאַנצן שטח צו דרום־צו פונם וואַסער — נאָך וואָס? אפשר כדי אָנצוטון עגמת נפש די נייע אייגנטימער, ווערנדיק זייערער אַ שכן? צוערשט האָט ער געטראַכט וועגן קויפן גאָר אַ קליינעם פּאַס לאַנד, דאָרטן, וואו דאָס נייע דאָרף וואָלט זיך געדאַרפט אויפבויען, ווען די אַרבעט זאָל זיך אָנהייבן. נאָר צום סוף איז ער געוואָרן דער אייגנטימער פון גאַנצן באָדן. דאָס לאַנד האָט מען געקאָנט קויפן פאַר אַ קלייניקייט, און ער האָט נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט די גרענעצן; אַזוי איז ער אויס פשוטער פּויליקייט געוואָרן אַ שאַכטן־קעניג, אַ הערשער איבער די בערג. ער האָט געטראַכט וועגן אַן אָרט פאַר ביידלעך און מאַשין־קאַמערן, און ס'איז געוואָרן אַ קעניגרייך, וואָס שפּרייט זיך אויס ביזן סאַמע ים.

אין שוועדן איז דאָס ערשטע שטיק לאַנד איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און גייסלער האָט אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל זיין גוט איינ־פאַרמירט, צו ווען עס גייט איבער. דער ערשטער קויפער האָט, פאַר־שטייט זיך, געקויפט נאַריש, אָן שכל, נישט באַרעכנט; דער משפּחה־ראָש איז נישט באַשטאַנען פון קיין שאַכטן־עקספּערטן, זיי האָבן זיך נישט פאַרזיכערט מיט גענוג לאַנד, האָבנדיק אין זין מער נישט, ווי אויסצו־קויפן פון גייסלערן און ווערן פטור פון אים. נאָר אויך די נייע אייגנ־טימער זענען נישט געווען איבעריק קלוג; גרויסע לייט, אָן ספק, וואָס האָבן געקאָנט זיך אַריינלאָזן און קויפן לאַנד צוליב צייט־פאַרטרייב, צו־ליב אַ וועט, אָדער גאָט ווייסט צוליב וואָס. נאָר ווען ס'איז געקומען צו די פּראָבע־אַרבעטן, צום עק פלאַנטירן דאָס לאַנד אויף אַן אמת, האָבן זיי פלוצים זיך אָנגעשטויסן אָן אַ וואַנט — גייסלער.

קינדער — האָט גייסלער געטראַכט צו זיך אַליין; ער האָט געפילט זיין מאַכט איצט, זיי האָבן אים געוואָלט אָפּקלאַפּן די פליגל; געמיינט אַז זיי האָבן צו טון מיט אַ נויטבאַדערפטיקן, און געוואָרפן אָנצוהערע־נישן וועגן אַ פופצען אָדער צוואַנציק טויזנט. קינדער זענען זיי, זיי קאָ־נען נישט גייסלערן.

יענעם טאָג זענען זיי מער נישט געקומען, טראַכטנדיק ג ווים, אַז

ס'איז בעסער נישט אַרויסצווייזן צופיל היציקייט. אויף מאָרגן אינדער־פרי זענען זיי ווידער געקומען אַלע, מיט די משא־פערד, אויף זייער וועג אַהיים. און זע — גייסלער איז נישטאָ.

נישטאָ?

דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו יעדן געדאַנק, וואָס זיי האָבן אפשר געהאַט וועגן שליסן דאָס געשעפט אויף גיך, זיצנדיק אויף די פערד; זיי האָבן געמוזט אַראָפּקריכן און וואַרטן.

און וואו איז ער, גייסלער?

דאָס האָט זיי קיינער נישט געקענט זאָגן; ער איז אומגעגאַנגען אומעטום גייסלער, זיך אינטערעסירט מיט סעלאַנראַאַ און מיט אַלץ אַרום; נישט לאַנג האָט מען אים געזען לעבן דער זעגמיל. מ'האָט אַרויסגעשיקט די שלוחים צו זוכן אים, נאָר גייסלער האָט שוין אוודאי געמוזט זיין ערגעץ ווייט, מחמת ער האָט נישט געענטפערט אויף זייער רופן. די הערן האָבן געקוקט אויף זייערע זייגערלעך, זיך געערגערט און גע־זאָגט:

— מיר קאָנען דאָך נישט אַזוי פאַרלירן צייט אויף גאָרנישט. אויב גייסלער וויל פאַרקויפן, מוז ער זיין אויפן אָרט.

אָ, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי געביטן זייער טאָן, מער נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרדרוס און אפילו אָנגעהויבן ווערטלען זיך און טרייבן שפּאַס: זיי זענען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע; זיי וועלן דאַרפן ליגן אַ גאַנצע נאַכט ערגעץ אין די בערג, זיי וועלן אומקומען און אויס־שטאַרבן אין דער ווילדעניש, און זייערע אייגענע וועלן שוין נאָר זיי־ערע ביינער געפינען!

ענדלעך איז גייסלער אָנגעקומען. ער האָט אויסגעקוקט דעם ישוב אַ ביסל — ער קומט פּונקט אָן פון דער זומער־שטאַל. — ס'זעט אויס, ווי די שטאַל וועט באַלד אויך זיין צו קליין פאַר דיר, — האָט ער זיך אָנגערופן צו יצחקן — וויפל שטיק האָסטו איצט דאָרטן? — יאָ, ער רעדט זיך אַזוי געלאַסן, הגם יענע פיינע הערן שטייען דערביי, מיט די זייגערס אין די הענט. און מאָדנע רויט איז ער געווען, גייסלער, ווי ער וואָלט אַ סך משקה געטרונקען — פוי! — האָט ער געזאָגט — איך בין דערהיצט פונם גאַנג.

— מיר האָבן גערעכנט, — אַז מיר וועלן אייך טרעפן דאָ, — האָט איינער פון די הערן זיך אָנגערופן.

— איך האָב נישט געהאַט קיין שום ידיעה פון אייך, אַז איר ווילט מיך זען, — האָט גייסלער געענטפערט — אַז נישט וואָלט איך געווען אויפן אָרט.

— נו, און וואָס איז וועגן דעם ענין? איז גייסלער גרייט אָנצונעמען זייער פאָרשלאַג היינט? נישט יעדן טאָג קאָן מען האָבן די געלעגנהייט צו באַקומען פופצען אָדער צוואַנציק טויזנט — וואָס? סיידן, פאַרשטייט זיך... אויב געלט איז פאַר אים גאָרנישט, נו דאַן...

די לעצטע באַמערקונג האָט גייסלערן אונטערגעצונדן. אַ שיינער אופן פון רעדן! נו, ס'קאָן זיין, אַז זיי וואָלטן אפשר אַזוי נישט גערעדט, ווען נישט די ערגערניש פונם לאַנגן וואַרטן; און גייסלער וואָלט נישט אַזוי בלאַס געוואָרן פון זייערע ווערטער, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי דערהיצט-רויט פון פריער. איצט אָבער האָט גייסלער אַ בלאַסער געענטפערט קאַלט.

— איך האָב נישט בדעה אייך אָנצווייזן וויפיל איר, מיינע הערן, זענט אין דער לאַגע צו צאָלן — איך ווייס אָבער, וואָס איך קאָן פאַרלאַנגען. איך וועל מער נישט הערן אָט דעם קינדערישן שמועס. מיין פרייז איז דערזעלבער, וואָס נעכטן.

— אַ פערטל מיליאָן קראָנען?

— יאָ.

די הערן האָבן זיך געזעצט אויף די פערד.

— הערט, — האָט איינער געזאָגט, — מירן גיין אַזוי ווייט, נו, ביז פינף און צוואַנציק טויזנט.

— איר זענט נאָך אַלץ גענייגט צו וויצלען זיך, זע איך, — האָט גייסלער געזאָגט. — נאָר איך וועל בעסער אייך מאַכן אַן ערנסטן פאָרשלאָג: וואָלט איר געוואָלט מיר פאַרקויפן אייער שטיקל שאַכט?

— דאָס יאָ אפשר, — האָבן זיי געענטפערט אַ ביסל מבולבל.

— איך בין גרייט עס אָפּצוקויפן, — האָט גייסלער געזאָגט.

אָ, דער גייסלער! דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט; גאַנץ סעלאַנראַאַ, און די שטיין

אַרבעטער און די שלוחים. ווארשיינלעך, וואָלט ער קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען דאָס געלט פאַר אַזאַ מסחר; נאָר צוריקגערעדט, ווער ווייסט? ווער קאָן פאַרשטיין אַט דעם גייסלערן! יעדנפאַלס, זענען די הערן אויף די פערד אַ ביסל צעמישט געוואָרן פון זיינע לעצטע ווערטער. איז עס אַ שפיצל? האָט ער גערעכנט צו מאַכן זיין אייגן לאַנד ווערטפולער דורך אָט דעם מאַנעוור?

די הערן האָבן די זאַך איבערגעטראַכט; זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקען צווישן זיך; זיי זענען אַראָפּגעקראָכן נאָכאַמאָל פון זייערע פערד. מיטאַמאָל האָט דער אינזשיניער זיך אַריינגעמישט; די מעשה האָט אים שוין צו שטאַרק פאַרדראָסן. און ער האָט אויסגעוויזן צו באַזיצן אַ געוויסע מאַכט, אַ געוויסן אויטאָריטעט. דער הויף איז געווען פול, און אַלע האָבן זיך געשפּאַנט צוגעהערט.

— מיר׳ן נישט פאַרקויפן, — האָט ער געזאָגט פעסט.

— נישט? — האָבן די הערן איבערגעפרעגט.

— ניין!

זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל שטיל דורכגערעדט, און ווידער אַרויף אויף די פערד — דאָס מאָל שוין אין ערנסט. — פינף און צוואַנציק טויזנט! — האָט איינער פון זיי נאָך אויסגערופן.

גייסלער האָט זיך אַוועקגעדרייט און אַריבערגעגאַנגען שמועסן מיט די שטיין-אַרבעטער.

און דאָס איז געווען דער סוף פון זייער לעצטן צוזאַמענקונפט.

גייסלער האָט אויסגעזען, ווי ס׳אַרט אים גאָרנישט דער אויסגאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט און גערעדט פון דעם און פון יענעם; אויף אַ רגע האָט ער אויסגעוויזן צו זיין אינגאַנצן פאַראינטערעסירט אינם איבערלייגן די שווערע קלעצער איבער דער ראַם פון דער נייער קי-שטאַל. דער בנין האָט געדאַרפט פאַרענדיקט ווערן די וואָך מיט אַ צייטווייליקן דאַך — אַ נייער היי-בוידעם וועט צוגעבויעט ווערן שפּעטער.

יצחק האָט צוריקגעהאַלטן סיווערטן פון דער אַרבעט איצט און אים געלאָזט אַרומגיין לײדיק — געטון האָט ער דאָס מיט אַ כוונה, כדי גייס-

לער זאָל דעם בחור טרעפן גרייט צו יעדער צייט, ווען ער וועט אים דאַרפן, ער זאָל מיט אים מיטגיין אין די בערג. נאָר יצחק האָט זיך געקאָנט איינשפּאָרן די זאָרג; גייסלער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן גיין, אינגאַנצן פאַרגעסן אָן ד"ם. ער האָט בלויז גענומען ביי אינגערן אַ קליין פּעקעלע מיט שפּייז און זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די נייע צוויי נחלות, נידעריקער אַראָפּ פון סעלאַנראַאַ, און געשמועסט מיט די מענער דאָרטן. פון דאָרטן איז ער אַרויפגעגאַנגען גלייך קיין מאַאַנעלאַנד, אַ קוק טון, וואָס אַקסל שטרעם האָט אויפגעטון פאַר דעם יאָר. נישט איבעריק פיל, האָט עס אויסגעזען; נישט אַזוי פיל, וויפיל ער האָט אפשר געוואָלט, ער האָט אָבער אַריינגעלייגט אַ היפּש ביסל גוטע אַרבעט אין זיין לאַנד. גייסלער האָט זיך אויך דאָ אינטערעסירט מיט אַלץ און געפרעגט:

— שוין געקרוגן אַ פערד?

— יאָ.

— גוט, איך האָב אַ שנייד-מאַשין מיט אַ בראָנע דאָרט, דרום-צו,ביידע נייע; אויב דו ווילסט, וועל איך זיי דיר אַרויפשיקן.

— ווי? — האָט אַקסל געפרעגט, נישט קאָנענדיק באַגרייפן אַזאַ ברייטקייט און וועגן טראַכטנדיק אויסצאָלן אין ראַטעס.

— איך וועל זיי דיר שענקען, — האָט גייסלער געזאָגט.

— וואָס הייסט? — האָט אַקסל געזאָגט.

— נאָר דו וועסט דאַרפן העלפן דיינע נייע צוויי שכנים, אויפברעכן אַ ניי שטיקל לאַנד.

— דאָס זאָרגט שוין נישט, — האָט אַקסל געענטפערט; ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס גייסלער האָט מיט דעם אַלעם געמיינט. — איז האָט איר מאַשינעס און אַנדערע זאַכן אויף דרום?

— איך האָב אַ וועלט מיט זאַכן, — האָט גייסלער געזאָגט. נו, דעם אמת געזאָגט, האָט גייסלער נישט געהאַט קיין וועלט מיט זאַכן; נאָר ער האָט ליב געהאַט צו פירן זיך אַזוי. די שנייד-מאַשין מיט דער בראָנע וועט ער ערשט קויפן אין שטאָט און זיי צושיקן.

ער איז געבליבן רעדן מיט אַקסלען אַ לענגערע ווײַלע וועגן די

אַנדערע נאָנטע ישובים; וועגן סטאַרבאַרג, דעם האַנדלס־צענטער; וועג אַקסלס ברודער, וואָס האָט נאָר וואָס געהייראַט און געקומען קיין בײַ־דאַבליק, און אָנגעהויבן אויסצוטריקענען זומפּן און אָפּציִען דאָס וואַסער; אַקסל האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו באַקומען אַ פּרוי צו העלפן אים; ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר צוצונעמען אַן אַלטע טויגעניכטס מיטן נאָמען אָלינאַ; זי איז נישט פיל ווערט, נאָר ער מוז זיין דאַנקבאַר, וואָס כאָטש זי האַלט זיך ביי אים. אַקסל האָט אַ טייל פון יענעם זומער געאַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט. ער וואָלט אפשר געקאָנט קריגן אַ פרוי פון זיינע אייגענע מקומות, פון העלגעלאַנד, נאָר דאָס וואָלט געמוזט קאָסטן רייזע־הוצאות, אַ חוץ שכירות. צו אַ טייערער עסק פאַר אים. אַקסל האָט ווייטער דערציילט, אַז ער האָט איבערגענומען די אינספעקציע פונם טעלעגראַף, נאָר ער האָט אַ ביסל חרטה דערויף.

— אַז אַ עסק פּאַסט פאַר ברעדן און זיינס גלייכן, — האָט גייסלער געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט אַקסל צוגעשטימט. — נאָר צוליבן געלט.

— וויפיל קי פאַרמאָגסטו?

— פיר און אַ יונג ביקל. ס'איז געווען צו ווייט קיין סעלאַנראַאַ צו זייערן.

נאָר אַקסל האָט געהאַט אַ וויכטיקערן ענין, וועגן וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אַדורכרעדן מיט גייסלערן; באַרבראַס געשיכטע איז ווינישט־ווי אויפגעדעקט געוואָרן, און אַן אונטערזוכונג איז איצט אָנגעגאַנגען. אַז זי האָט געשוואַנגערט, און פאַרלאָזט האָט זי דאָס אָרט אינגאַנצן אַליין, אָן אַ קינד, ווי אַזוי איז עס מעגלעך?

ווען גייסלער האָט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, האָט ער גאַנץ קורץ געזאָגט:

— קום מיט מיר

און ער האָט אַקסלען אַוועקגעפירט מיט זיך ווייט פונם הויז. גייסלער האָט אָנגענומען אַ וויכטיקע מינע, מיט אויטאָריטעט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג וואַלד, און ער האָט געזאָגט:

— איצט דערצייל מיר אַלעס.

אויפגעדעקט געוואָרן. אוודאי; ווי האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין? דאָס אָרט איז שוין מער נישט קיין מדבר. און חוץ דעם איז אָלינאַ דאָרטן געווען. וואָס אָלינאַ קער זיך אָן? האָ! און אום נאָך צו פאַרערגערן די לאַגע, האָט ברעד אַליין זי געמאַכט פאַר זיינעם אַ שונא. נישטאָ קיין וועגן און מיטלען זיך אויסצוהיטן פון אָלינאַן איצט. זי איז אויפן אָרט, און קאָן אויסגראָבן זאַכן פון אונטער דער ערד. נאָר צוליב אַזעלכע באַהאַלטענע מעשים האָט זי געלעבט, — פאַרלאָזט זיך שוין אויף אָלינאַן! דעם אמת זאָגנדיק, איז אָלינאַ שוין צו אַלט גאָר צו קאָנען פירן אַ הויז און אַכטונג געבן אויף בהמות; זי וואָלט עס באַדאַרפט וואַרפן. נאָר ווי האָט זי געקאָנט? פאַרלאָזן אַן אָרט, וואו אַזאַ טייערע טיפע געהיימניש איז באַהאַלטן? זי איז דורכגעקומען מיט דער אַרבעט ווינטער; זי איז דורכגעקומען אויך דעם זומער, און אַ וואונדערלעכן כוח האָט זי באַקומען שוין פון בלויזן געדאַנק, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט ז' קאָנען אַרויסשטעלן צו שאַנד ברעדס טאָכטער. דער שניי איז נאָך נישט אַראָפּ פון די פעלדער, ווי אָלינאַ האָט שוין אָנגעהויבן אַרומצוזוכן, ביז זי האָט געפונען דאָס קליינע בערגל לעבן שטראָם, און דערזען גלייך, אַז דער טאָרף איז אויסגעלייגט אין קוואַדראַטן. זי האָט אפילו געהאַט דאָס גליק אָנצוטרעפן אַקסלען איינמאָל לעבן קליינעם קבֿרל, בשעת ער איז געשטאַנען דאָרטן און עס געט־אָטן טיפער אַראָפּ. הייסט עס, אַז אַקסל האָט געוואוסט פון אַלעם! און אָלינאַ האָט געשאָקלט מיט איר גרויען קאָפּ — יאָ, איצט איז איר צייט.

מיט אַקסלען האָט מען געקאָנט אויסקומען, נאָר ער איז געווען קאַרגלעך; געציילט זיינע קעזן און געפירט חשבון פון יעדן בינטל וואָל אָלינאַ האָט ווייט נישט געקאָנט טון אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. און דאַן יענער צופאַל ווינטער, ווען זי האָט אים געראַטעווע. — ווען אַקסל וואָלט געווען פונם רעכטן סאָרט, וואָלט ער איר גאָר אַנדערש געווען אָפּגעדאַנקט. נאָר ניין — אַקסל האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי זיין פאַרט־ילונג, ווי ער האָט זי געמאַכט דאַמאָלס אויפן אָרט. יאָ, פלעגט ער זאָגן, ווען אָלינאַ וואָלט נישט אונטערגעקומען, וואָלט ער אוודאי געווען פאַרפרוירן געוואָרן; אָבער ברעד האָט אים אויך אַ סך געהאָלפן אויפן וועג אַהיים. אַזוי האָט ער איר געדאַנקט! אָלינאַ איז געווען אויפגע-

בראַכט — גאָט מוז זיך אָפּ־עכענען פאַר אַזעלכע זאַכן! ווי לייכט ס׳וואָלט געווען פאַר אַקסלען אַרויסצופירן אַ קו פון שטאַל און זי ברענגען צו איר און זאָגן: — אָט איז אַ קו פאַר דיר, אָלינאַ! — נאָר ניין, אפילו קיין וואָרט נישט וועגן דעם.

גוט, זאָל ער וואַרטן — צי ס׳וועט אים נישט קאָסטן מער, וויפיל אַ קו איז ווערט.

דעם גאַנצן זומער האָט אָלינאַ אויסגעקוקט אויף יעדן פאַרבייגייער און זיך געשושקעט מיט אַלעמען, געשאָקלט מיטן קאָפּ און איינגערוימט סודות: — „נאָר נישט חלילה, אַז איך האָב געזאָגט“ — אַזוי האָט זי יעדעס מאָל אָנגעזאָגט. אָלינאַ איז אויך נישט איין מאָל אַראָפּגעגאַנגען אין דאָרף אַריין. און אַצינד האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אומגעשוועבט ווי אַ נעפּל, וואָס הילט איין די פּנימער און דריגגט אַריין אין די אויערן; אפילו די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין דער שול אין ברייזאַבליק, האָבן אָנגעהויבן דערציילן זיך סודות, און צולעצט האָט דער לענסמאַנד געמוזט די זאַך אויפנעמען: זיך געמוזט אַליין מטריח זיין און באַריכטן וועגן דעם און בעטן איגסטרוקציעס. דערנאָך איז ער אַרויפגעקומען מיט אַ בוך אויף צו פאַרשרייבן און מיט אַ געהילף אַרויסצוהעלפן אים; אין איינעם אַ טאָג איז ער געקומען קיין מאַאַנעלאַנד און געמאַכט אַן אויספאָרשונג און פאַרשריבן געוויסע זאַכן, און צוריק אַוועקגעפאָרן. מיט דריי וואָכן שפּעטער איז ער נאָכאַמאָל אַרויפגעקומען, וויידער געפּ[.]רשט און פאַרשריבן, און דאָס מאָל האָט ער געעפנט דאָס קליינע גרינע בערגל לעבן שטראָם און אַרויסגענומען אַ גופל פון אַ קינד. אָלינאַ איז געווען אַן אומשאַצבאַרע הילף דערביי; און אַלס באַלוינונג האָט ער געדאַרפט ענטפערן איר אויף אַ וועלט מיט פראַגן, וואָס זי האָט אים געשטעלט. צווישן אַנדערע זאַכן, האָט ער געזאָגט — יאָ, ס׳קאָן זיין, אַז מ׳זאָל אַקסלען אויך אַרעסטירן. ביי די ווערטער האָט אָלינאַ אַ פּאַטש געטון מיט די הענט פון שרעק פאַר דעם גאַנצן פּלאָנטער, וואָס זי האָט דאָ פאַרמישט, און זיך געוואונטשן נאָר צו זיין וואָס ווייטער פון דאַנען, ווייט פון דעם אַלעמע. — אָבער דאָס מיידל, — האָט זי שטיל געזאָגט, — וואָס איז וועגן באַרבראָן אַליין?

— באַרבראַ, האָט דער לענסמאַנד געזאָגט — זי זיצט אַרעסטירט אין בערגען. דאָס געזעץ מוז טון זיינס, — האָט ער געזאָגט, און

ער האָט גענומען דאָס קליינע קערפערל און צוריקגעפאָרן אין דאָרף אַריין...

איז קיין חידוש נישט, וואָס אַקסל שטרעם איז אַזוי באַאומרויקט. ער האָט אַלץ דערציילט דעם לענסמאַנד, גאָרנישט נישט פאַרלייקנט; ער איז אַליין אויך שולדיק, ס'איז זיין קינד, און דערצו האָט ער אויסגעגראָבן דאָס קבר. איצט האָט ער געפרעגט גייסלערן, וואָס זאָל ער טון, וועט ער נאָך מוזן פאָרן אין שטאָט אַריין צו אַ נייעם פאַרהער און אויסשטיין נאָך אַנדערע צרות?

גייסלער איז שוין נישט געווען דער זעלבער, וואָס פריער — ניין: די לאַנגע מעשה האָט אים פאַרמאַטערט, ער האָט אויסגעזען ווי שלעפעריק. ער איז מער נישט געווען יענער מונטערער און יענער זיכערער אין זיך גייסלער, ווי ער איז עס געווען אין־דערפרי. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגערל, אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— דאָס דאַרף מען גוט איבערקלערן. איך וועל די זאַך באַטראַכטן און דיר לאָזן וויסן, איידער איכ'ל אָפּפאָרן.

גייסלער איז אַוועקגעגאַנגען.

ער איז צוריקגעקומען קיין סעלאַנראַא אין אָוונט, געגעסן אַ קליינע וועטשערע און זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן ביז שפעט אינדערפרי, זיך אויסגערוט גרינטלעך; ער איז געווען מיד נאָך זיין טרעפן זיך מיט די שוועדישע שאַכט־אייגנטימער. ערשט אין צוויי טעג אַרום האָט ער זיך געמאַכט גרייט אין וועג אַריין. ער איז שוין ווידער געווען גוט אויפגעלייגט, באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר זיין פאַרברענגען די עטלעכע טעג דאָ און איבערגעלאָזט אַ מתנה דער קליינער רעבעקאַ אַ נייע שיינענדיקע קראָנע.

ער האָט געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע פאַר יצחקן און געזאָגט:

— ס'מאַכט גאָרנישט אויס, וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט דאָס מאָל; דאָס צווייטע מאָל וועט זיין בעסער. לעת־עתה גיי איך אָפּשטעלן די אַרבעט דאָרטן אין די בערג. וואָס איז שייך יענע לייט — קינדער! געמיינט, אַז זיי וועלן מיך אָנלערנען! האָסט געהערט, וויפיל זיי האָבן מיר אָנגעבאָטן? פינף און צוואַנציק טויזנט!

— יאָ, — האָט יצחק געזאָגט.

— נו, — האָט גייסלער געזאָגט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַוועקשאַ־נדיק פֿון זיך די בישטיקע אַנבאָטן, — נו, ס'וועט נישט זיין קיין שאָדן פֿאַר דער געגנט, אַז איך וויל אָפּשטעלן די אַר־בעט אויף אַ שטיקל צייט — פֿאַרקערט, ס'וועט אָפּלערנען מענטשן נישט צו פֿאַרלאָזן זייער ערד. נאָר דאָרט אין דאָרף וועלן זיי עס דערפֿילן, דאָרטן האָבן זיי געמאַכט אַ שלל מיט גאָלד דעם לעצטן זומער; פֿיינע קליידער און פֿיין עסן האָט יעדערער געהאַט — איצט וועט דאָס נישט זיין מער, יאָ, ס'וואָלט זיך געוועז געלוינט די גוטע לייט דאָרטן אין דאָרף זיך איינצורייסן מיט מיר, וואָלט אפשר געווען אַנדערש, איצט וועט זיין, ווי מיר געפֿעלט.

אָבער אויסגעזען האָט ער, גייסלער, גאָרנישט ווי אַ הערשער. אַוועקגייענדיק, האָט ער געטראָגן אַ פּעקעלע שפּייז אין האַנט, און זיין ווייסע וועסט איז שוין גאָרנישט געווען אַזוי ווייס. זיין גוטע פֿרוי האָט אים אפשר אויסגעשטאַט אויף דער רייזע דאָס מאָל פֿונם רעשט פֿון די פֿערציק טויזנט, וואָס זי האָט אַמאָל באַקומען — ווער ווייסט, ס'קאָן זיין, יעדנפֿאַלס, איז ער צוריקגעגאַנגען גאָר נישט יום־טובדיק.

ער האָט נישט פֿאַרגעסן צֿפּצוטרעטן ביי אַקסל שטרעם, כּדי אים איבערגעבן די צוגעזאָגטע תּשובֿה: איך האָב געטראַכט וועגן דער זאַך, — האָט ער געזאָגט. — אָבער דער פּראָצעס איז שוין אין גאַנג, קאָן מען איצט גאָרנישט טון. דיך וועט מען רופֿן אויף אַ פֿאַרהער, און דו וועסט דאַרפֿן דערציילן.

ווערטער, מער גאָרנישט. גייסלער האָט וועגן דעם ענין אפשר גאָר אפילו קיין טראַכט נישט געטון. און אַקסל האָט בידערשלאָגן צוגע־שטימט צו אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר צולעצט האָט גייסלער ווי־דער געמאַכט אַ מינע פֿון אַ מענטש, וואָס קאָן אַלץ, פֿאַרקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט פֿאַרטראַכט: — סיידן איך זאָל אַראָפּקומען אַליין אין שטאָט און זיין ביי דער אויספֿאָרשונג.

— ווע איר וואָלט נאָר געקאָנט, — האָט אַקסל געזאָגט.

גייסלער האָט באַשלאָסן אין אַ רגע:

— איך וועל זען, אויב איך וועל נאָר צייט האָבן. איך האָב אַ וועלט מיט זאַכן צו באַזאָרגן דאָרט אין דרום. איך וועל קומען, אויב

איך וועל קאַנעז, בלייב אין פרידן דערוויל. די מאַשינען וועל איך דיר ארויפשיקן.

און גייסלער איז אַוועק.

וועט ער נאָך קומען אמאָל ווידער ?

VI

די לעצטע אַרבעטער זענען אַרונטערגעקומען פון דער שאַכט. די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט. דער באָדן ליגט טויט צוריק.

דער בנין אין סעלאַנראַאַ איז שוין געענדיקט. אַ צייטווייליקער דאַך פון טאָרף איז געמאַכט אויף איבערן ווינטער. דער גרויסער בנין איז צעטיילט אין צימערן, גרויסע, ברייטע צימערן, אַ ברייטער סאַלאָן אינמיטן און קאַבינעטן פון ביידע זייטן, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר מענטשן. דאָ האָט יצחק אַמאָל געלעבט אין דעם טאָרף-שטיבל, צוזאַמען מיט אַ פּאָר ציגן — איצט איז קיין טאָרף-שטיבל מער נישט אָנצוזען אין סעלאַגראַאַ.

אין שטאַל ווערן נאָך געמאַכט אַלערליי אָפּטיילונגען, מיט געשטעלן, מיט הילצערנע קראַטעס. די צוויי שטיין-אַרבעטער זענען נאָך אַלץ פאַרנומען, כדי צו פאַרענדיקן אַלץ וואָס פריִער, נאָר גוסטאַוו טויג זיך נישט צו קיין האַלץ-אַרבעט, אַזוי זאָגט ער, און ער וויל אַוועקגיין. גוסטאַוו איז געווען אַן אויסגעצייכנטער יונג ביי דער שטיין-אַרבעט, געהויבן און געטראָגן משאות ווי אַ בער; און אין די אָוונטן איז ער געווען אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן פאַר אַלעמען מיט זיין שפּילן אויף דער האַרמאָניקע, אַ חוץ, וואָס ער האָט געהאָלפן די פרויען און געטראָגן שווערע עמער צו און פון דעם טייך. נאָר איצט וויל ער גיין. ער טויג נישט צו קיין

האַלץ־אַרבעט, זאָגט ער. ס׳קוקט אויס, ווי ער וואָלט זיך געאײַלט אַוועק־צוגיין.

— קאָן עס נישט אויסוואַרטן ביז מאָרגן? — זאָגט אינגער.

ניין, ס׳קאָן נישט וואַרטן; ער האָט נישט דאָ מער, וואָס דאָ צו טון, און חוץ דעם, האָט ער איצט אַ קאָמפּאַניע צו גיין צוזאַמען איבער די בערג, עס גייט די לעצטע גרופּע אַרבעטער פֿון דער שאַכט.

— און ווער וועט מיר העלפֿן טראָגן די עמער? — זאָגט אינגער מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

נאָר גוסטאַוו פֿאַרלירט זיך נישט, ער האָט זײַן ענטפֿער גרייט און זאָגט: —היִאַלמאַר. — היִאַלמאַר איז געווען דער ייִנגערער פֿון די צוויי שטיין־אַרבעטער, נאָר ביידע זײַנען זיי נישט געווען אַזוי יונג ווי גוס־טאַוו, גאָרנישט קיין גלײַכן צו אים.

— היִאַלמאַר — הי! — זאָגט אינגער מיט גאַל. אָבער באַלד ענ־דערט זי איר טאָן און וויל אַ ביסל רייצן גוסטאַוון: יאָ, היִאַלמאַר איז אַ פֿיינער יונג, זאָגט זי, — און ער זינגט אַזוי שיין.

— איך האָלט נישט פֿון אים, — זאָגט גוסטאַוו גאַנץ גע־לאַסן.

— נאָר דו קאָנסט נאָך בלײַבן אויף איין נאַכט?

ניין, גוסטאַוו האָט נישט געקאָנט בלײַבן אויף נאָך איין נאַכט — ער וועט בעסער איבערגיין די בערג מיט די אַנדערע אַרבע־טער.

יאָ, גוסטאַוו איז שוין געווען מיד פֿון דער שפּיל. ס׳איז געווען גוט אָפּצושלאָגן זי ביי די חברים און זי האָבן פֿאַר זיך די עטלעכע וואָכן, וואָס ער איז דאָרטן געווען — נאָר איצט גייט ער שוין ערגעץ אַנדערש־וווּ, מעגלעך צו אַ געליבטער אין דער היים — ער האָט זיך זיינע אויסזיכטן. זאָל ער זיך גלאָט אַזוי, אָן אַרבעט, אַרומדרייען דאָ צו־ליב איר? ער האָט געהאַט געגוג טעמים צו וועלן מאַכן אַ סוף צום שפּיל, און אינגער האָט דאָס אויך געמוזט וויסן; נאָר זי איז געוואָרן אַזוי גע־וואַגט, אַזוי זאָרגלאָז, אַז קיין זאַך האָט זי נישט געשראָקן. די פֿאַרבינ־דונג האָט זיך נישט געצויגן אַזוי לאַנג, נאָר פֿאַרט, דאָס גאַנצע שטיקל צייט, וואָס די אַרבעט האָט געדויערט.

אינגער איז פֿאַרטרויערט און נידערגעשלאָגן; ס׳איז איר שווער.

זי איז פאַרליבט, אָן שום אָנשטעלן. און זי שעמט זיך נישט. זי איז אַ שטאַרקע פרוי ביי איר גאַנצער שוואַכקייט; זי שטייט נישט אָפּ פון דער גאַנצער נאַטור אַרום איר, זי לעבט איצט איבער דעם גליק פון האַרבסט. איר ברוסט אָטעמט שווער, בשעת זי פּאַקט איין אַ פּעקל שפּייז פאַר גוסטאַוון. זי טראַכט נישט, צי האָט זי רעכט דערויף, צי קאָן זי נישט דורכפאַלן דורך דעם, זי גיט זיך איינגאַנצן איבער, דורשטיק צו ליבן, צו געניסן. מעג זי יצחק ווידער אויפהייבן ביז צום דאַך און זי אַנידערוואַרפן אויפן דיל — אַלץ איינס, זי קאָן גאָרנישט העלפן.

זי גייט אַרויס מיטן פּעקל צו גוסטאַוון.

איצט האָט זי אָוועקגעשטעלט די עמער לעבן זיך, בכיוון, טאָמער וועט ער וועלן גיין מיט איר צום טייך. כאָטש נאָך איין מאָל. אפשר האָט זי געוואָלט אים זאָגן עפּעס, געבן אים עפּעס — איר גאָלדן פינגערל; גאָט ווייסט, זי איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זי איז געווען פעיִק אויף אַלץ, נו, ס'מוז אָבער דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף; גוסטאַוו דאַנקט פאַרן פּעקעלע, געזעגנט זיך און גייט אַוועק.

און זי שטייט.

— היאַלמאַר! — רופט זי אויף אַ קול, — אַ, פיל העכער, וויפיל ס'איז נויטיק, ווי זי וואָלט באַשלאָסן צו זיין פריילעך טראָץ אַלעמען, אַ געשריי פון פיין.

גוסטאַוו גייט זיך זיין וועג.

דעם גאַנצן האַרבסט איז אָנגעגאַנגען די געוויינטלעכע שטענדיקע אַרבעט אויף די פעלדער. מען גראָבט די קאַרטאָפלעס, מען נעמט צונויף די תבואה. און מען פּאַשעט די בהמות אויפן פרייען פעלד. אַכט פערמעס זענען איצט פאַרהאַן, און אומעטום איז מען פאַרנומען מיט אַרבעט; נאָר אין דעם האַנדלס־פּונקט אין סטאָרבאָרג איז נישטאָ קיין בהמות און נישט קיין גרינע פעלדער, בלויז אַ גאָרטן. און קיין מסחר איז דאָרטן אויך נישטאָ איצט, און קיינער איז מיט גאָרנישט נישט פאַרנומען.

אין סעלאַנראַאַ האָבן זיי דאָס יאָר אַ געראָטעניש פון אַ ניי געוויקס, פון ריבן; זיי וואַקסן מיט אַן אומגעהייערער שפע, גרויס און גרין מיט פלאַטערנדיקע בלעטער, און די קי רייסן זיך צו זיי — זיי

צעבערעכן יעדע צוים און שטורמעווען צו די בלעטער, און קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ ווי נאָר, אַז לעאָפּאָלדינאַ מיט דער קליינער רעבעקאַ זאָלן היטן די ריבן־פעלדער; די קליינע רעבעקאַ גייט אום מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט און אַרבעט און טרייבט מיט גרויס היץ. יצחק אַרבעט נישט ווייט פון איר, כאַפּט ער זיך אָפּט אַריבער, אַ טאַפּ צו טון אירע הענט און פיס און פרעגן צי ס׳איז איר נישט קאַלט. לעאָפּאָלדינאַ איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל איצט. זי קאָן שטריקן זאָקן און הענטשקעס, בשעת זי היט די סטאַדעס. געבוירן געוואָרן איז זי אין טראָנדהיים, לעאָפּאָלדינאַ, איז געקומען קיין סעלאַנראַא, ווען זי איז אַלט געווען פינף יאָר. נאָר די גרויסע שטאָט מיטן סך מענטשן און די לאַנגע נסיעה אויף דער שיף ווערט זיך אַלץ מער אויס פון איר זכרון, זי איז אַ קינד פון דער ווילדעניש, און ווייסט נישט קיין שום אַנדערע גרויסע וועלט אַ חוץ דאָרף וואו זי איז געווען אין קלויסטער עטלעכע מאָל און וואו זי איז קאָנפירמירט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק.

די געוויינטלעכע טעגלעכע אַרבעט גייט זיך איר גאַנג; ס׳איז דאָ נאָך זייטיקע אַרבעט; אָט איז דער וועג אין עטלעכע ערטער קאַליע געוואָרן. די ערד איז נאָך נישט געפרוירן און אין איינעם אַ טאָג גייען יצחק מיט סיווערטן אַרונטער און מאַכן גראָבנס אויף אָפּציען דאָס וואַסער. צוויי שטיקער זומפּ דאַרף מען נאָך אויסטריקענען.

אַקסל שטרעם האָט צוגעזאָגט העלפן אין דער אַרבעט; ער האָט אויך אַ פערד און ער נוצט אויך דעם וועג — נאָר גראָד האָט ער אַ דרינגענדיקן ענין צו דערליידיקן אין שטאָט. גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ ענין, נאָר ס׳איז זייער דרינגענדיק, זאָגט ער. ער האָט אָבער געבעטן זיין ברודער פון בריידאַבליק צו העלפן זיי אויף זיין אָרט.

פרעדריק איז געווען דעם ברודערס נאָמען. אַ יונגער מאַן, נאָר וואָס חתונה געהאַט, אַ גוטמוטיקער יונג, וואָס האָט ליב געהאַט אַ שפּאַס; סיווערט און ער זענען אַ ביסל ענלעך איינער צום צווייטן. יענעם איינדערפרי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין סטאָרבאָרג, אויף זיין וועג אַרויף, אַראָנסאָן פון סטאָרבאָרג איז זיין נאָנטסטער שכן, — און ער איז פול מיט נייעס, וואָס דער סוחר האָט אים אָנדערציילט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי: פרעדריק האָט געוואָלט אַ פּעקל טאַבאַק. — איכ׳ל דיר געבן, אויב איך האָב נאָר איינס נאָך. — האָט אַראָנסען געזאָגט.

— וואָס, איר האָט גאָר קיין טאַבאַק נישט מער?

— ניין, און איך וועל אויך מער נישט באַשטעלן. ס'איז קיינער נישטאָ איצט, ווער ס'זאָל קויפן. וואָס מיינסטו, פאַרדין איך פון אַ פּעקל טאַבאַק?

יאָ, אַראָנסען איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג יענעם אין דער פרי, גאַנץ זיכער; ער איז פּשוט אָפּגענאַרט געוואָרן פון דער שוועדישער שאַכטן-געזעלשאַפט. דאָ האָט ער אויפגעעפנט אַ קראָם אין דער ווילדעניש, און זיי נעמען און שטעלן אָפּ די אַרבעט!

פרעדריק שמייכלט כיטרע און לאַכט אָפּ פון אַראָנסענען איצט. — ער האָט זיך נאָך אַפילו נישט צוגערירט צו זיין לאַנד, — זאָגט ער, — און האָט אַפילו נישט קיין קאָרמע פאַר זיינע בהמות, נאָר ער מוז קויפן. מיך געפרעגט, צי איך קאָן אים פאַרקויפן אַ ביסל היי. ניין, איך האָב נישט קיין היי צו פאַרקויפן. „האַ, וואָס הייסט, דו ווילסט נישט פאַרדינען קיין געלט?" האָט אַראָנסען געזאָגט. ער מיינט, אַז געלט איז אַלץ אויף דער וועלט, ווייזט אויס. ער נעמט אַרויס אַ הונדערט-קראָנען-אַסיגנאַציע און זאָגט „געלט!" „יאָ, געלט קומט צונוץ" זאָג איך. „מזומן געלט", זאָגט ער. יאָ, ער איז אַ קליין ביסעלע גערירט, און זיין פרוי, זי גייט אַרום מיט אַ זייגער און אַ קייט, און אַזוי יעדן טאָג, אין דער וואָכן — גאָט ווייסט, וואָס פאַר מענטשן...

פרעגט סיווערט: — האָט אַראָנסען עפּעס דערמאַנט וועגן אַ מאַן מיטן נאָמען גייסלער?

— יאָ, ער האָט עפּעס געזאָגט וועגן איינעם אַ גייסלער, וואָס וויל נישט פאַרקויפן זיין לאַנד, וואָס ער האָט. און אַראָנסען איז געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג: — „אַ מענטש, וואָס איז געווען לענסמאַנד און אָפּגעזאָגט געוואָרן און פאַרמאָגט אפשר נישט קיין פינף קראָנען אין קעשענע, שיסן דאַרף מען אַזעלכן"! „יאָ, נאָר וואַרט צו אַ ביסל, זאָג איך, אפשר וועט ער דאָך פאַרקויפן". „ניין, זאָגט אַראָנסען, גלייב נישט. איך בין אַ געשעפטסמאַן, זאָגט ער, און איך ווייס — אַז ווען איין צד שטעלט אַרויס אַ מקח פון צוויי הונדערט און פופציק טויזנט, און דער צווייטער צד האָט פינף און צוואַנציק טויזנט, איז עס אַ צו גרויסער חילוק; ס'וועט פון דער זאַך קיינמאָל גאָרנישט אַרויסקומען. גוט, זאָלן זיי טון, ווי זיי פאַרשטייען, זאָגט ער, הלוואי וואָלט איך נאָר מיין פוס דאָ קיינמאָל נישט

בצווען געשטעלט. דאָ האָב איך אים געפרעגט, צי וויל ער נישט אַמאָל פאַרקויפן זיין אָרט. „יאָ, זאָגט ער, ווען דעם טראַכט איך; דאָס שטיק זומפּלאַנד, זאָגט ער, אַ לאַך אין אַ מדבר — איך לייז נישט קיין צוע־בראָכענע קראָנע דעם גאַנצן טאָג".

און זיי לאַכן פון אַראַנסעגען און האָבן אויף אים קיין ברעקל רחמנות נישט.

— דענקסטו, אַז ער וועט פאַרקויפן? — פרעגט יצחק.

— יאָ, ער האָט אַזוי גערעדט. און ער האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם דינער, וואָס ער האָט געהאַט. יאָ, אַ מאָדנער מענטש, דער אַראַנסען. ער זאָגט אַפּ דעם דינער, וואָס וואָלט געקאָנט אַרבעטן אויפן לאַנד און פאַר־גרייטן ווינטער־קאָרמע און פירן היי מיט דעם פערד מיט זיינעם, און דעם אָנגעשטעלטן אין קראָם — דעם האַלט ער ווייטער. ס'איז אמת, וואָס ער זאָגט, אַז ער לייזט נישט קיין איינציקע קראָנע דעם גאַנצן טאָג, מחמת ער האָט גאָרנישט קיין סחורה, און צו וואָס דאַרף ער אַן אָנגעשטעלטן? נאָר צוליב קאָנען זיך אויסשטעלן, ער מוז האָבן אַ מענטש, וואָס זאָל זיצן ביים שרייב־טיש און פאַרשרייבן אין די ביכער. האַ־האַ־האָ! יאָ, ס'זעט אויס, אַז ער איז אַ קליין ביסעלע גערירט, דער אַראַנ־סען.

די דריי מענער האָבן געאַרבעט ביזן האַלבן טאָג, דאַן אויפגע־מאַכט זייערע קיישלעך מיט שפּייז און געגעסן מיטאָג און ווידער גע־רעדט אַ ביסל. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע אינטערעסן וועגן וואָס צו רעדן, אַלערליי פרייַדן און ליידן פון זייער ישוב; נישט קיין קליי־ניקייטן פאַר זיי. און זיי רעדן וועגן אַלץ רויק און באַוואַכט. זיי זענען מענטשן מיט קלאָרע געדאַנקען, זייערע נערוון זענען נישט אָפּגענוצט, און זיי פּלױען נישט דאַרטן, וואו מען דאַרף נישט. עס איז האַרבסט איצט, אַ שטילקייט הערשט אין די וועלדער אַרום; די בערג שטייען דאָ און די זון שטייט דאָרט, און אין אָוונט וועלן לבנה און שטערן זיך באַ־וויַיזן; אַלץ איז פעסט און רעגלמעסיק, פול מיט ליבשאַפט און געטריי־שאַפט. דאָ האָבן נאָך מענטשן צייט צו רוען, צו ליגן אינם היידע־קרויט, און אַן אָרעם אונטערן קאָפּ פאַרבייט אַ קישן.

פרעדריק רעדט וועגן ברייַדאַבליק, אַז ער האָט נאָך דערווייל ווייַ־ציק אויפגעטון דאָרטן.

— ניין, — זאָגט יצחק — ס'איז נישט אַזוי ווייניק, איך האָב גע־זען, ווען איך בין דאָרט פאַרבייגעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַ שבח פונם עלטסטן צווישן זיי, פונם ריז אַליין, און פרעדריקן מעג עס וואויל הנאה טון. ער פרעגט אויפריכטיק: דענקט איר אַזוי? יאָ, ס'וועט פאַרבעסערט ווערן גאָר אײַנגיכן. כ'האָב געהאַט אַ סך זאַכן אײַנצושטעלן היינטיקס יאָר; געדאַרפט פאַריכטן דאָס הויז, ווייל ס'האָט אַרײַנגערונען און ס'האָט געהאַלטן בײַ צעפאַלן ווערן; דעם היי־בוידעם געדאַרפט אַרונטערנעמען און איבערבויען, און אין טאָרף־שטיבל איז קיין רעכטער חדר נישט געווען פאַר די בהמות, איך האָב מער קי און קעלבער, וויפיל ברעד האָט ווען נישט איז געהאַט, — זאָגט פרעדריק מיט שטאָלץ.

— און דו ביסט מצליח דאָ? — פרעגט יצחק.

— יאָ, איך וויל נישט זאָגן, אַז נישט, און מײַן ווײַב איז אויך צופרידן; פאַרוואָס זאָלן מיר נישט צופרידן זײַן? מיר האָבן גוטע ערד און אַ גוטן לאַנדשאַפט אַרום אונדז; מיר קאָנען זען דעם וועג אַרויף און אַראָפּ פון בײדע זײַטן. און אַ קליין געדיכט וועלדל לעבן הויז, בירקן־ביימער און ווערבעס — איכ'ל פאַרפלאַנצן נאָך אַ ביסל פון יענער זײַט הויז, ווען איכ'ל האָבן צײַט. און ס'איז גוט צו זען, ווי די זומפּ־ערד האָט שוין אויסגעטריקנט, זינט איך האָב די גראָבנס דורכגעפירט; מיר'ן זען, ווי עס וועט וואַקסן דאָס היינטיקע יאָר. צופרידן? געוויס. מיר האָבן אַ הויז און באַלעבאַטישקייט און ערד און אַלץ — פאַר אונדז בײדן איז זיכער גענוג.

— האָ, — זאָגט סיווערט כיטרע — איר בײדע — מער וועט קיינ־מאָל נישט זײַן?

— פאַרוואָס? — זאָגט פרעדריק מוטיק — ס'קאָן זײַן מער אויך. און וועגן צופרידן זײַן — מײַן ווײַב האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט אויס־געזען, ווי איצט.

זיי אַרבעטן ביזן אָוונט, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם ווען־נישט־ווען, אויסצוגלײַכן די פלייצעס און איבערוואַרפן זיך מיט אַ פּאָר ווער־טער.

— אַזוי, האָסטו קיין טאַבאַק נישט באַקומען? — זאָגט סי־ווערט.

— ניין, נאָר דאָס איז גאָרנישט, ווייל איך רייכער סיי ווי סיי נישט, — זאָגט פרעדריק.

— רויכערסט גאָרנישט?

— ניין, ס'איז געווען בלויז אַ תירוץ אויף אַריינצוגיין צו אָרגאַניסטן און הערן, וואָס האָט ער עפּעס צו זאָגן. — און די צוויי לאַכן ביידע.

אויפן וועג אַהיים רעדן פאָטער און זון ווייניק צווישן זיך, ווי זייער שטייגער איז; נאָר יצחק האָט אוודאי געמוזט עפּעס טראַכטן פאַר זיך אַליין, זאָגט ער:

— סיווערט?

— וואָס? — פרעגט סיווערט.

— ניין, גאָרנישט.

זיי גייען אָפּ אַ שטיק וועג, און יצחק הייבט אָן נאָכאַמאָל.

— וואָס-זשע פאַר אַ מסחר קאָן ער טון, אַראָנסען, ווען ער האָט גאָרנישט קיין סחורה?

— ניין, — זאָגט סיווערט, — ס'זענען דאָך אָבער נישטאָ קיין מענטשן, פאַר וועמען ער זאָל אויסשרייבן סחורה.

— האַ, מיינסט אַזוי? יאָ, ס'איז אַזוי, יאָ, גוט...

סיווערט האָט זיך אַ ביסל געוואונדערט איבער דעם שמועס. אַ ווייַלע שפּעטער רעדט יצחק ווייטער:

— ס'זענען טאַקע איצט מער נישטאָ, ווי נאָר אַכט פערמעס אינגאַנצן, אינגיכן אָבער קאָן זיין מער, מער... נאָר איך ווייס נישט...

סיווערט איז פאַרוואונדערט, — וואָס קאָן זיין פאָטער מיינען מיט דעם? ביידע גייען זיי ווייטער אַ שטיק וועג און שווייגן; זיי זענען שוין באַלד אינדערהיים איצט.

— ה-מ, — זאָגט יצחק, — וויפיל מיינסטו וואָלט אַראָנסען געבעטן פאַר דעם אָרט זיינעם איצט?

— האַ, דאָס איז עס! — זאָגט סיווערט. — ווילסט עס קויפן אפשר? — פרעגט ער אין לצנות, נאָר פּלוצים פאַרשטייט ער, וואָס דער פאָטער מיינט; דאָס האָט ער אַלישען אין זינען, דער אַלטער. אָ, ער האָט אים דאָך נישט פאַרגעסן אינגאַנצן. געטריי געהאַט אים אין

זינען, פונקט ווי די מוטער, נאָר אויף זיין אייגענעם שטייגער, נעענטער צו דער ערד און נעענטער צו סעלאַנראַא.

— ער וועט עס פאַרקויפן פאַר אַ צוגעגנגלעכן פרייז, רעכן איך — זאָגט סיוועדס. און ווען סיוועדס זאָגט אַזוי, ווייסט שוין זיין פאָטער, אַז דער יונג האָט געכאַפּט זיין געדאַנק. און ווי מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט האָבן זיך אויסגערעדט צו אָפן, הייבט ער אָן רעדן וועגן דעם פאַריכטן וועג; גוט, וואָס זיי האָבן ענדלעך אָפּגעטון.

אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע טעג האָט סיוועדס כסדר געסודעט זיך מיט זיין מוטער. געשושקעט זיך — יאָ, זיי האָבן אפילו אָנגעשריבן אַ בריוו. און ווען ס'איז געקומען שבת, האָט סיוועדס פלוצים זיך פאַרגלוסט אַראָפּצוגיין אין דאָרף אַריין.

— נאָך וואָס דאַרפסטו גיין אין דאָרף אַריין איצט? — האָט יצחק אומצופרידן געזאָגט, — אויסטראָגן די שטיוול אומזיסט... אָ, יצחק איז געווען שטאַרק פאַרביטערט; ער האָט גוט געוואוסט, אַז סיוועדס גייט אין פאָסט אַריין.

— איך וויל גיין אין קלויסטער, — זאָגט סיוועדס.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט געפינען פאַר אַ תירוץ, און יצחק האָט אַ מורמל געטון: — נאָך וואָס דאַרפסטו גיין?...

נאָר אויב סיוועדס גייט אין קלויסטער אַריין, קאָן ער דאָך איינשפּאַנען דאָס פערד און מיטנעמען די קליינע רעבעקאַ מיט זיך. די קליינע רעבעקאַ, אָ, זי מעג דאָך כאָטש איינמאָל אין איר לעבן האָבן אַ פאַרגעניגען, נאָכדעם ווי זי איז געווען אַזוי קלוג און זיך אַזוי געפלייסט ביים היטן די ריבן; און בכלל איז זי אַ גליק און אַ ברכה פאַר זיי אַלע. און זיי האָבן איינגעשפּאַנט דאָס פערד, און יאַנסינאַ איז מיטגעפאָרן אַכטונג צו געבן אויף רעבעקאַן אויפן וועג, סיוועדס האָט קענען דעם גאַרנישט געהאַט.

בשעת זיי זענען נישטאָ, טרעפט זיך אַזוי, אַז אַראָנסענס מענטש, זיין הויפּט-אַנגעשטעלטער פון סטאָרבאָרג, קומט אַרויף מיטן וועג. וואָס איז דאָס? גאָרנישט. בלויז, וואָס אַנדרעסן, דער אַנגעשטעלטער פון סטאָרבאָרג, איז אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל אויף אַ שפּאַציר מיט דעם וועג — זיין באַלעבאָס האָט אים געשיקט. מער גאָרנישט. און אין סעלאַנראַא איז עס אויך מער נישט קיין גרויס בעשעעניש — גאָרנישט ווי אין די

אמאָליקע צייטן, ווען אַ פרעמדער פלעגט זעלטן באַוויזן זיך אויף זייער ערד, און אינגער פלעגט צעטומלט ווערן. ניין, אינגער איז געוואָרן גע־זעצטער איצט, און זי איז רויק און שטיל.

אַ זעלטענער חפץ אָט דער געבעט־בוך אינגערס! אַ וועגווייזער אין לעבן, אַ טרייע האַנט. ווען אינגער האָט אַ ביסל פאַרלוירן די ממשלה איבער זיך, און געשטרויכלט געוואָרן קלויבנדיק יאַגדעס, האָט זי געפי־נען איר וועג צוריק ביים געדאַנק וועגן איר קליינעם חדר און וועגן דעם הייליקן בוך; זי איז שוין ווידער באַשיידן און גאָטספאָרכטיק. זי דערמאָנט זיך, ווי מיט יאָרן צוריק פלעגט זי גאָט לעסטערן, בשעת זי האָט זיך צעשטאָכן אַ פינגער ביים געניי — אַזוי האָט זי זיך אויס־געלערנט דאַמאָלס פון די אַנדערע נייטאָרינס אַרום דעם גרויסן טיש אינם אינסטיטוט. נאָר אַצינד צעשטעכט זי אַ פינגער, און ער בלוטיקט, און זי זייגט אויס דאָס בלוט אין דער שטיל. ס'איז נישט קיין קליינער נצחון, צו קאָנען אַזוי זיך ענדערן! און אינגער האָט געטון נאָך מער פון דעם. ווען אַלע אַרבעטער זענען שוין געווען אַוועק, און דער שטיין־בנין איז שוין געווען פאַרענדיקט, און סעלאַנראַא איז געווען אינגאַנצן פאַרלאָזט און שטיל, האָט זי ווידער איבערגעלעבט אַ קריזיס; זי האָט אַ סך געוויינט און געליטן, זי האָט קיינעם נישט באַשולדיקט דערין, נאָר זיך אַליין, און זי איז געוואָרן אונטערטעניק ביז גאָר. ווען זי וואָלט כאָטש נאָר געקאָנט זיך אויסרעדן פאַר יצחקן און פאַרלייכטערן איר גע־מיט; נאָר דאָס איז נישט געווען דער שטייגער אין סעלאַנראַא; קיינער פון זיי פלעגט נישט אַרויסרעדן זיינע געפילן, אָדער זיך מתוודה זיין אין עפּעס! זי איז בלויז געווען איצט מער זאָרגעוודיק; ווען זי האָט געבעטן יצחקן אַריינקומען עסן, איז זי געגאַנגען נאָך אים, אַ שטאָט רופן אים פון דער טיר; און אין די אָוונטן האָט זי איבערגעקוקט זיינע קליי־דער און פאַריכט, אָנגענייט קנעפּלעך. יאָ, און נאָך מער האָט זי געטון: איינמאָל ביינאַכט האָט זי זיך אונטערגעהויבן אויף איר עלנבויגן און געזאָגט:

— יצחק!

— וואָס איז? — פרעגט יצחק.

— ביסט וואַך?

— יאָ.

— ניין, גאַרנישט, — זאָגט אינגער. — נאָר איך בין נישט געווען צו דיר אינגאַנצן אַזוי, ווי איך האָב באַדאַרפט צו זיין.

— וואָס? — זאָגט יצחק און שפּאַרט זיך אויך אָן אויף זיין עלנבויגן.

און זיי ליגן און רעדן ווייטער. ביי אינגערן איז דאָס האַרץ אי-בערפול.

— איך בין נישט געווען אינגאַנצן צו דיר אַזוי, ווי איך האָב באַדאַרפט צו זיין, — זאָגט זי, — און ס׳טוט מיר לייד דערפון.

די פּשוטע ווערטער רירן אים; דער אייזערנער יצחק איז גערירט, ער וויל זי טרייסטן; ער ווייסט גישט גאַרנישט, וועגן וואָס זי רעדט, ער פילט נאָר, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גלייכן צו איר. — ס׳איז נישטאָ איבער וואָס צו וויינען, מיין טייערע, — זאָגט יצחק, קיינער פון אונז קאָן נישט זיין אַזוי, ווי מיר וואָלטן באַדאַרפט זיין.

— אָך, ניין, — ענטפערט זי דאַנקבאַר. אָ, יצחק האָט אַזאַ גע-זונטן אופן אויפצונעמען זאַכן, אויסצוגלייכן זיי, ווען זיי ווערן פאַרדרייט. „קיינער פון אונז קאָן נישט זיין אַזוי ווי מיר וואָלטן באַדאַרפט זיין״. יאָ, ער איז גערעכט. אַמור, דער מלאך פון האַרץ — דער איז דאָך אויך אַ מלאך, — ער גייט אויף אַ סך קרומע וועגן, לאָזט זיך אויף אַלערליי געשיכטעס, דאָס קאָן מען זען אויף שריט און טריט: איין טאָג וואַלגערט ער זיך אויף אַ געלעגער פון רויזן, באַלעקט זיך די ליפּן און לאָזט זיך וואויל גיין; און אַ צווייטן טאָג פאַרקריכט אים אַ דאָרן אין פוס, און ער רייסט אים אַ פאַרצווייפלטער. צי שטאַרבט ער פון דעם? קיינמאָל נישט. ער איז ווידער געזונט. עס וואָלט געווען שיין, — ווען ער זאָל שטאַרבן!

פונקט אַזוי איז אינגערס צער אויך פאַריבער; זי איז אים בייגע-קומען; נאָר זי היט אָפּ אירע געבעט-שעהן, און געפינט אַ טרייסט אין זיי. זי אַרבעט שווער און איז געדולדיק און גוט כּסדר, און האַלט טייער יצחקן מער פאַר אַלע אַנדערע מענער, און באַגערט נישט קיינעם נאָר אים. אמת, אויסערלעך איז ער נישט אַזאַ פריילעכער און קאָן נישט זינגען, אָבער ער איז שוין איינמאָל אַ מענטש, אָ, שוין איינמאָל! נאָך אַ באַווייז, ווי וואויל ס׳איז דעם, וואָס איז פרום און באַנוגנט זיך מיט גאָטס חסד.

אַלזאַ, דער קלײנער אָנגעשטעלטער פֿון סטאָרבאָרג, אַנדרעסן, איז דעם זונטיק אַרױפֿגעקומען קײן סעלאַנראַא, און אינגער איז נישט דאָס מינדסטע געװען געריהרט פֿון דעם; זי האָט אַפילו נישט געװאָלט אַרײַנגײן אַלײן דערלאַנגען אים אַ קריגל מילך, נאָר עס אַרײַנגעשיקט מיט לעאָפּאָלדינאַן, מחמת יאַנסינאַ איז נישט געװען. און לעאָפּאָלדינאַ האָט אַרײַנגעטראָגן די מילך װי ס׳דאַרף צו זײַן, דערלאַנגט און גע־זאָגט: — דאָס איז פֿאַר אײַך, — און זיך פֿאַרשעמט, הגם זי איז גע־װען אָנגעטון אין אירע זונטיקדיקע קלײדער און נישט געהאַט װאָס צו שעמען זיך.

— אַ דאַנק, ס׳איז זײער פֿרײַנטלעך פֿון אײַך, — זאָגט אַנדרעסן, — איז אײַער פֿאָטער אין דער הײם?

— יאָ, ער מוז דאָ זײַן ערגעץ־װאו אַרום הױז.

אַנדרעסן האָט אױסגעטרונקען די מילך, אָפּגעװישט די ליפּן מיט אַ טיכל און אַ קוק געטון אױפֿן זײגער. — איז װײַט פֿון דאַנעט צו די שאַכטן? — האָט ער געפֿרעגט.

— נײן, אַ שעה גאַנג, אין דעם ערך.

— איך גײ אַרױף זײ אָנקוקן; איר פֿאַרשטײט, פֿאַר אים, פֿאַר אַראָנסענען — איך בין זײַן הױפּט־אָנגעשטעלטער.

— האַ!

— איר געדענקט מיך געװיס; איך בין אַראָנסענס הױפּט־אָנגע־שטעלטער. איר האָט בײַ אונז אײַנגעקױפֿט זאַפֿן אַמאָל.

— יאָ.

— און איך געדענק אײַך זײער גוט, — זאָגט אַנדרעסן — איר האָט צװײ מאָל אָײַנגעקױפֿט בײַ אונז.

— איך האָב נאָרנישט גערעכנט, אַז איר זאָלט מיך געדענקען, — זאָגט לעאָפּאָלדינאַ און שױן מער קײן כּוח נישט געהאַט באַכדעם, נאָר געשטאַנען און זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ שטול.

נאָר אַנדרעסן האָט געהאַט גענוג כּוח, ער האָט װײַטער גע־זאָגט: אָ, איך געדענק אײַך זײער גוט — און ער פֿרעגט נאָך:

— װאָלט איר נישט געװאָלט אַרױפֿגײן מיט מיר צו די שאַכטן?

און עפּעס איז געשען מיט לעאָפּאָלדינאַס אויגן; אַלצדינג איז געוואָרן רויט און מוונהדיק אַרום, דער באָדן האָט זיך גענומען גליטשן פון אונטער איר, און זי האָט, שוין ווי פון ערגעץ-ווייט, געהערט אַנדרעסנס קול:

— איר האָט קיין צייט נישט

— ניין, — זאָגט זי.

און גאָט ווייסט, ווי אַזוי זי האָט באַוויזן צוריק אַריינכאַפּן זיך אין קיך אַריין. איר מוטער האָט אויף איר געקוקט און געפרעגט, וואָס איז געשען.

— גאָרנישט! — האָט לעאָפּאָלדינאַ געזאָגט.

גאָרנישט, אוודאי! נאָר איצט איז לעאָפּאָלדינאַס רייַ אָנהייבן זיך אויפצורעגן. זי האָט אַלע אייגנשאַפטן דערצו, שלאַנק און שיין און ערשט קאָנפירמירט; אַן אויסגעצייכנטער קרבן. אַ פויגל פלאַטערט אין איר יונגער ברוסט, אירע לאַנגע הענט זענען ווי איר מוטערס, פול מיט צערטלעכקייט, פול מיט ווייבלעכקייט. האָט זי געקאָנט טאַנצן? — יאָ, אוודאי, אַ וואונדער, וואו זי האָט דאָס אַלץ באַוויזן זיך אויסצולערנען, נאָר זיי האָב זיך אַלץ אויסגעלערנט אין סעלאַנראַאַ, פּונקט אַזוי גוט, ווי ערגעץ אַנדערש-וואו. סיווערט האָט געקאָנט טאַנצן, און לעאָפּאָלדינאַ אויך; דאָרפישע קרעפטיקע טענץ, פול מיט ענערגיע און שוואונג — שאָטיש, מאַזורקע און וואלס. און פאַרוואָס זאָל לעאָפּאָלדינאַ זיך נישט פּוצן, נישט זיין פאַרליבט, און נישט חלומען מיט אָפענע אויגן? יאָ, אַזוי גוט ווי אַנדערע! דעם טאָג, ווען זי איז געשטאַנען אין קלויסטער, איז איר דערלויבט געווען אָנצוטון איר מוטערס פינגערל; קיין שום זינדיקע מחשבה דערביי, ס'איז נאָר געווען פיין און שיין; און אויף מאָרגן, גייענדיק צו איר הייליקן אָוונט-מאָל, האָט זי נישט אָנגעטון דאָס פינגערל ביז אַלץ איז געווען געענדיקט. יאָ, זי מעג זיך ווייזן אין קלויסטער מיט אַ גאָלדן רינגל אויף איר פינגער, זי איז די טאָכטער פון אַ רייכן מאַן — פונם מאַרקגראַף.

ווען אַנדרעסן איז צוריקגעקומען פון דער שאַכט, האָט ער שוין יצחקן געטראָפן אין סעלאַנראַאַ, און זיי האָבן אים פאַרבעטן צום מיטאָג און קאַווע. דאָס גאַנצע הויזגעזינט איז איצט געווען צוזאַמען, און אַלע האָבן אָנטייל גענומען אין געשפּרעך. אַנדרעסן האָט דערקלערט, אַז

זיין באַלעבאָס, אַראָנסען, האָט אים אַרויפגעשיקט צו זען, ווי ס'האַלט מיט דער שאַכט, צי זעט מען עפּעס אַ סימן, אַז די אַרבעט זאָל אײַנגיכן זיך ווידער אָנהייבן. גאָט ווייסט, אפשר האָט דער אַנדרעסן ליגן געזאָגט, אַז מען האָט אים געשיקט, ער איז אפשר געגאַנגען אויף זיין אייגענעם חשבון — און, יעדנפאַלס, האָט ער גאָרנישט געקאָנט זיין אַזוי גיך לעבן דער שאַכט, פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען אַוועק.

— ס'איז נישט אַזוי גרינג צו זען אַזוי פון אויסן, צי זיי שטעלן זיך גאָכאַמאָל אַרבעטן, — האָט יצחק געזאָגט.

יאָ, דערמיט איז אַנדרעסן מסכים: נאָר אַראָנסען האָט אים דאָך געשיקט, צוויי פאַר אויגן קאָנען פאָרט זען בעסער, ווי איין פאָר.

נאָר דאָ האָט אינגער, אַפּנים, שוין מער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן; זי האָט געפרעגט: — איז עס אמת, וואָס מען שמועסט, אַז אַראָנסען וויל פאַרקויפן זיין אָרט?

אַנדרעסן ענטפערט: — ער האָט בדעה. אַ מענטש ווי ער קאָן אַלץ טון. ער האָט גענוג געלט.

— האָ, איז ער אַזוי שטאַרק רייך?

— יאָ, — זאָגט אַנדרעסן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ; — קיין געלט פעלט אים נישט.

ווידער קאָן אינגער נישט שווייגן, און פרעגט גלייך:

— וויפיל וואָלט ער געבעטן פאַר זיין אָרט?

דאָ מישט זיך יצחק אַריין; ער איז אייגנטלעך נאָך מער נייגיריק צו וויסן עס, איידער אינגער, נאָר עס טאָר נישט אויסזען, ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן אָפּקויפן סטאָרבאָרג; ער מאַכט זיך פרעמד צום ענין און זאָגט:

— נאָך וו ס דאַרפסטו דען דאָס וויסן, אינגער?

— איך האָב בלויז געפרעגט, — זאָגט זי. און ביידע קוקן זיי אויף אַנדרעסענען און וואַרטן. ער ענטפערט פאָרזיכטיק, אַז וואָס איז שייך דעם פּרייז, קאָן ער גאָרנישט נישט זאָגן וועגן דעם, נאָר ער ווייסט פון אַראָנסענען, וואָס דאָס אָרט האָט אים געקאָסט.

— און וויפיל האָט עס אים געקאָסט? — פרעגט אינגער, נישט האָבנדיק קיין כוח צו זיצן שטיל און שווייגן.

— זעכצען הונדערט קראָנען, — זאָגט אַנדרעסן.

— אַזוי! און אינגער טוט אַ פּאַטש מיט אירע הענט — ווייל אויב ס'איז פאַרהאַן אַ זאַך, וואָס פרויען פאַרשטייען לחלוטין נישט, איז עס מקחים אויף לאַנד. זעכצען הונדערט קראָנען איז נישט קיין קליינע סומע דאָ אין דער ווילדעניש, און אינגער האָט נאָר פאַר איינס מורא, אַז יצחק זאָל זיך נישט דערשרעקן פאַרן פרייז. נאָר יצחק, ער זיצט ווי אַ שטיין און זאָגט בלויז: — נו יאָ, די גרויסע הייזער וואָס ער האָט אויפגעשטעלט.

— יאָ, — חזרט אַנדרעסן איבער, — פיינע, גרויסע הייזער קאָסטן.

פונקט ווען אַנדרעסן מאַכט זיך גרייט אַוועקצוגיין, גליטשט זיך לעאָפּאָלדינאַ אַרויס פון צימער, אַ מאָדנע זאַך, נאָר עפּעס קאָן זי נישט אָפּמאַכן ביי זיך צו טראַכטן וועגן געבן אים די האַנט ביים אַוועקגיין. האָט זי זיך אויסגעפונען אַ גוט אָרט, אין דער נייער קי־שטאַל, און קוקט אַרויס דורכן פענסטער, און מיט אַ בלויער זיידענער סטענגע אַרום האַלז, וואָס זי האָט פריִער נישט געטראָגן; ווי זי האָט עס געפונען צייט זי אָנצוטון איצט! אָט גייט ער, נידעריק און דיקלעך, מיט אַ ספּריטנעם גאַנג, מיט העלע וואָנסעס, אויף אַכט אָדער צען יאָר עלטער פון איר. ער איז נישט קיין מיאוסער, טראַכט זי.

שפּעט אין אָוונט איז די קליינע חברה צוריקגעקומען פונם קלויסטער. אַלץ איז געגאַנגען גוט. די קליינע רעבעקאַ איז געשלאָפן די לעצטע עטלעכע שעה אויפן וועג אַהיים, און מען טראָגט זי אַראָפּ פון דער פור שלאָפנדיקערהייט. סיוועדט האָט זיך אָנגעהערט אַ סך נייעס, נאָר ווען זיין מוטער פרעגט אים: — נו, וואָס האָסטו עפּעס צו דערציילן? — ענטפערט ער מער נישט ווי: — ניין, כמעט גאָרנישט קיין נייעס; אַקסל האָט באַקומען אַ שנייד־מאַשין מיט אַ בראָנע.

— וואָס? — פרעגט יצחק שטאַרק פאַראינטערעסירט. — האָסט זי געזען?

— יאָ, איך האָב זיי גאַנץ גוט געזען. ביים האַפן.

— האָ! דאָס איז עס, צוליב וואָס ער האָט געדאַרפט פאָרן אין

שטאָט אַריין, — זאָגט יצחק. און סיוועדט זיצט זיך זייער שטאָלץ, ער ווייסט בעסער, נאָר ער רעדט קיין וואָרט נישט. זאָל זיין פאָטער וואויל גלייבן, אַז אַקסלס דרינגענדיקע נסיעה אין שטאָט איז געווען צו קויפן מאַשינען; זיין מוטער מעג זיך אויך דאָס זעלביקע טראַכטן. האָ, נאָר ביידע האָבן זיי אין זייערע הערצער דאָס נישט געטראַכט; זיי האָבן אויך געהערט געגוג מורמלען וועגן דעם נייעם קינדער-מאָרד-פּראָצעס.

— צייט צו לייגן זיך שלאָפן, — רופט זיך אָן יצחק צולעצט.

סיוועדט לייגט זיך שלאָפן איבערפולט פון די נייעס. אַקסל איז גערופן געוואָרן אויף אַ פאַרהער; ס'איז אַ גרויסער פּראָצעס — דער לענסמאַנד איז מיטגעפאָרן מיט אים — אַזוי גרויס, אַז דעם לענסמאַנדס פרוי, וועלכע האָט נאָר וואָס געהאַט געבוירן אַ צווייט קינד, האָט איבער-געלאָזט דאָס קינד און מיטגעפאָרן מיט איר מאַן אין שטאָט אַריין. זי האָט צוגעזאָגט צו האַלטן אַליין אַ רעדע פאַר די געריכטס-געשוואו רענע.

דאָס גאַנצע דאָרף איז פול איצט מיט רכילות און לשון-הרע, און סיוועדט האָט גוט באַמערקט, ווי מען האָט זיך געשושקעט וועגן אַ גע-וויסן פריערדיקן פאַרברעכן פון זעלבן מין.

לעבן קלויסטער האָבן די קופּקעלעך מענטשן אויפגעהערט צו רעדן, בשעת ער איז אונטערגעקומען, און וואָלט ער נישט געווען דאָס, וואָס ער איז, וואָלטן אפשר אַנדערע געוועזן זיך אָפּגעקערט פון אים. ס'איז גוט צו זיין אַ סיוועדט, אַ קינד פון אַ גרויסן גוט, אַ זון פון אַ רייכן לאַנד-באַזיצער — און אַליין אויך האָבן אַ שם פון אַ קלוגן יונג, פון גוטן אַרבעטער. אַלע האַלטן פון אים, אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט אַכ-טונג. אויב נאָר יאַנסינאַ האָט זיך נישט דערוואוסט צופיל איידער זיי זענען אַהיימגעפאָרן!

סיוועדט האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן. ער האָט געזען, ווי יאַנסינאַ איז אַרויס פון קלויסטער מיט רעבעקאַן, זי האָט אים אויך גע-זען — און איז דאָך אַוועק פאַרביי. אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע. און דערנאָך געפאָרן צום שמיד זיי נעמען.

מען איז געזעסן ביים טיש, די גאַנצע פאַמיליע, ביים מיטאָג. סי-וועדטן האָט מען געבעטן מיטצועסן, נאָר ער האָט שוין געהאַט אָפּגע-געסן, און דאַנקט. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט קומען, האָבן זיי דאָך

געקאָנט אַ קליינע חיילע צוהאַרטן אויף אים — אַחוץ וואָלט מען געטון אין סעלאַנראַא, נאָר דאָ נישט, ווייס׳ט אויס.

— איר זענט מסתמא געהאַוינט צו בעסערע מיטאָגן, — זאָגט דעם שמידס ווייב, און, — וואָס הערט מען עפּעס נייעס אין קלויסטער? — זאָגט דער שמיד, הגם ער איז אַליין געווען אין קלויסטער.

ווען יאַנסינאַ און די קליינע רעבעקאַ זענען שוין געזעסן אויף דער פור, רופט זיך אָן דעם שמידס ווייב צו דער טאָכטער: — נו, פאָר געזונט, יאַנסינאַ. מיר׳ן דיך דאַרפן האָבן אינדערהיים אינגיכן. — דאָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן צווייידייטיק, האָט סיווערט בע-טראַכט, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ווען די ווענדונג וואָלט געווען אַ מער דירעקטע, מער קלאָר, וואָלט ער אפשר געווען... ער וואַרט מיט פאַרקנייטשטע ברעמען, גאָר מער איז גאָרנישט געזאָגט גע-וואָרן.

זיי פאָרן אַהיים, און די קליינע רעבעקאַ איז די אייציקע, וואָס רעדט, זי איז אַנטציקט פונם קלויסטער, פונם גלח אין דער ריזע, מיטן זילבערנעם צלם, פון די ליכט און פון דער אָרגל-מוזיק. נאָך אַ לענגערן שווייגן זאָגט יאַנסינאַ:

— ס׳איז אַ מיאוסע זאַך מיט באַרבראָן.

— וואָס האָט דיין מוטער געמיינט מיט דיין קומען אַהיים אינגיכן? — האָט סיווערט געפרעגט.

— וואָס זי האָט געמיינט?

— יאָ. דו טראַכסט וועגן פאַרלאָזן אונז?

— מ׳וועט מיך אפשר דאַרפן האָבן אינדערהיים, — זאָגט זי.

— פּטרררר! — שטעלט סיווערט אָפּ די פערד — ווילסט אפשר איך זאָל דיך צוריקפירן אַהיים איצט?

יאַנסינאַ קוקט אים אָן; ער איז בלייך ווי דער טויט.

— ניין, — זאָגט זי, און הייבט גלייך אָן צו וויינען.

רעבעקאַ קוקט איבעראַשט פון איינעם אויפן צווייטן. אַ, ס׳איז גוט געווען צו האָבן די קליינע רעבעקאַ מיט זיך; זי האָט זיך אָנגענומען יאַנסינאַן און זי געגלעט און זי געבעטן נאָכאַמאָל צו שמייכלען. און ווען די קליינע רעבעקאַ האָט דראָענדיק אַ קוק געטון אויף איר ברודער און

געזאָגט, אַז זי וועט אַראָפּשפּרינגען און נעמען אַ גרויסן שטעקן צו שלאָגן אים, האָט סיוועֶרט אויך געמוזט שמייכלען.

— וואָס אָבער האָסטו געמיינט איצט, וואָלט איך געוואָלט וויסן? — זאָגט יאַנסינאַ.

סיוועֶרט האָט גלייך צוריקגעענטפערט:

— איך האָב געמיינט, אַז אויב דו ווילסט נישט זיין ביי אונז, נו, וועלן מיר מוזן אויסקומען אָן דיר.

און אַ לאַנגע ווײַלע שפּעטער האָט יאַנסינאַ געזאָגט:

— נו, לעאָפּאָלדינאַ איז שוין אַ גרויסע איצט, זי קאָן טון מיין אַרבעט און אַלץ, דאַכט מיר.

יאָ, ס'איז געווען אַ טרויעריקע נסיעה.

VII

אַ מאַן גייט איבער די ב רג. ס׳רעגנט און אַ ווינט בלאָזט, די שווערע האַרבסט-רעגנס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. נאָר דעם מענטשן אַרט עס נישט, ער זעט אויס גליקלעך און צופרידן. ס׳איז אַקאָל שטרעם, ער קערט זיך אום איצט פון שטאָט און פונם געריכט — זיי האָבן אים פרייגעלאָזט. יאָ, אַ גליקלעכער מענטש איז ער — ערשטנס, וואַרטן אויף אים אַ שנייד-מאַשין מיט אַ בראָנע, און צווייטנס, ער איז פריי און נישט שולדיק. ער האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אינם מאָרד פונם קינד. יאָ, אַזוי קאָנען זאַכן זיך אויסדרייען!

נאָר וואָס פאַר אַ שווערע שעהן ער האָט דאָרטן איבערגעלעבט! שטיין אין געריכט און עדות זאָגן, ס׳איז געווען פאַר אים די שווערסטע אַרבעט פון זיין גאַנצן לעבן. ער וואָלט גאָרנישט געווען געוואוינט, ווען ער זאָל געווען פאַרגרעסערן באַרבראָס שולד, האָט ער בעסער זיך געהיט נישט צו רעדן צופיל, ער האָט אפילו נישט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט, יעדעס וואָרט האָט מען געדאַרפט אַרויסשלעפּן פון אים, און ער האָט מערסטנס געענטפערט נאָר „יאָ“ און „ניין“. איז עס נישט גענוג? האָט ער נאָך געזאָלט גרעסער מאַכן די זאַך, ווי די איז געווען? אָ, נאָר ס׳זענען געווען מאָמענטן, ווען דער פּראָצעס האָט אָנגענומען זייער ערנסטע פאָרמען; דאָרטן זענען געזעסן די מענער פונם

געזעץ, אַנגעטון אין שוואַרצן, און געפּערלעך, בלויז מיט עטלעכע ווער־טער האָבן זיי געקאָנט איבערדרייען דעם ענין אַזוי ווי זיי געפעלט, און אים פאַראורטיילן; נאָר זיי זענען גוטע מענטשן, נאָך אַלעמען, און נישט געוואָלט אומברענגען אים. און חוץ דעם, האָבן דאָרטן איינפלוסרייכע מענטשן געאַרבעט צו ראַטעווען באַרבראַן, און דאָס איז אויך געווען פון זיין טובה וועגן.

איז וואָס האָט ער געהאַט זיך מצער צו זיין?

באַרבראַ אַליין וועט דאָך נישט זאָגן זאַכן, וואָס זאָלן קאָנען שאַטן איר געוועזענעם באַלעבאָס און געליבטן; ער האָט געוואוסט שרעקלעכע זאַכן וועגן דעם מאָרד און וועגן נאָך אַ פריערדיקן קינדער־מאָרד; זי האָט נישט געקאָנט זיין אַזוי נאַריש, ניין, באַרבראַ איז געווען גענוג קלוג; זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר אַקסלען, און דערקלערט, אַז ער האָט גאָרנישט נישט געוואוסט פון איר צו־קינד־גיין ביז אַלץ איז שוין געווען פאַריבער. ער איז אפשר אַ ביסל אַנדערש פון אַנדערע מע־נער, און זיי האָבן נישט אַלעמאָל געלעבט אַזוי בשלום צווישן זיך, נאָר אַ שטילער מענטש איז ער און אַ גוטער אין יעדן פרט. יאָ. ס׳איז אמת, אַז ער האָט אויסגעגראָבן אַ נייעם קבר און אין אים מקבר געווען דאָס קינד. נאָר דאָס איז געשען מיט אַ צייט שפּעטער, און געטון האָט ער עס מחמת דעם, וואָס דאָס ערשטע אָרט איז נישט געווען גענוג טרוקן; אין דער אמתן, איז עס געווען טרוקן גענוג, נאָר אַקסלען האָט זיך אויס־געוויזן, אַז נישט.

וואָס־זשע האָט אַקסל געהאַט מורא צו האָבן, ווען באַרבראַ האָט אויף זיך אַליין גענומען די גאַנצע שולד? און פאַר איר גופא האָבן זיך געמיט גאַנץ איינפלוסרייכע מענטשן.

דעם לענסמאַנדס פרוי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן פּראָצעס. זי איז געגאַנגען צו וועמען מען האָט נאָר געדאַרפט, נישט גערוט, גע־פאָדערט מען זאָל זי אַרויסרופן אַלס עדות און געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע אין געריכט. ווען ס׳איז געקומען איר ריי, איז זי דאָרטן געשטאַ־נען פאַר זיי אַלע און זיך געהאַלטן גאָר גרויס; זי האָט אַרומגערעדט די פראַגע פון קינדער־מאָרד פון אַלע זייטן, געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע — ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געהאַט באַקומען אַ דערלויבעניש צו רעדן, וואָס איר געפעלט. יאָ, מענטשן מעגן זיך זאָגן, וואָס זיי ווילן

אויף פרוי הייערדאַל, נאָר האַלטן אַ רעדע, דאָס האָט זי געקאָנט, און זי איז געווען באַקאַנ מיט פּאָליטיק און מיט אַלע סאָציאַלע פראַגן. ס׳איז נאָר אַ חידוש, וואו זי האָט די אַלע ווערטער אירע אויסגעפונען. עטלעכע מאָל האָט עס אויסגעזען, ווי דער פּאָרויצער וויל איר מאַכן אַ באַמערקונג, אַז זי זאָל רעדן נענטער צו דער זאַך, ער האָט אָבער קיין האַרץ נישט געהאַט איר איבערצורייסן, און זי געלאָזט ווייטער רעדן. און גאָר צום סוף האָט זי נאָך עטלעכע נוצלעכע אויפקלערונגען געבראַכט און געמאַכט אַן איבעראַשנדיקן פּאָרשלאַ: דעם געריכט.

לאָזנדיק אין אַ זייט אַלע געזעץ־טעכנישע פּאָרמאַליטעטן, איז די זאַך אַזוי באַשטאַנען:

„מיר פרויען", האָט פרוי הייערדאַל געזאָגט, „מיר זעען די אומגליקלעכע און אונטערדריקטע העלפט פון דער מ נ שהייט. די מענער מאַכן די געזעצן, און מיר פרויען האָבן נישט קיין שום דעה דערין. קאָן אָבער אַ מאַן זיך פאָרשטעלן די לאַגע פון אַ פרוי בשעתן געבוירן אַ קינד? האָט ער ווען געפילט דעם שרעק, ווען נישט איז איבערגעלעבט די שרעקלעכע שמערצן, ווען נישט איז געוויינט אויפן ק ל אין אַ גסט פון יענער שעה?

„אינעם איצטיקן פאַל איז עס אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געבוירן דאָס קינד. אַ מיידל, וואָס האָט נישט חתונה געהאַט, און מחמת דעם, געזוכט דורך דער גאַנצער קריטישער צייט צו באַהאַלטן איר צושטאַנד. און פאַרוואָס מוז זי זוכן צו באַהאַלטן עס? צוליב דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט פאַרהאַסט אַן אומפאַרהייראַטע פרוי, וואָס שוואַנגערט. נישט נאָר גיט איר נישט די געזעלשאַפט קיין שוץ, נאָר זי פאַרפאָלגט זי נאָך, פאַרפאָלגט זי מיט פאַראַכטונג און שאַנד. שוידערלעך! יעדער מענטש, וואָס האָט נאָר אַ ברעקל האַרץ, מוז ווערן אויפגעבראַכט קעגן אַזאַ אָרדנונג. נישט נאָר דאַרף דאָס מיידל ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, אַ זאַך, וואָס איז אַליין פאַר זיך גענוג שווער, נאָר זי ווערט נאָך באַהאַנדלט, ווי אַ פאַרברעכער דערפאַר. איך וועל וואַגן צו זאָגן, אַז ס׳איז אַ גליק פאַר דעם אומגליקלעכן מיידל, וואָס ווע״ט דאָ אָנגעקלאָגט, וואָס איר קינד איז אַזוי געבוירן געוואָרן, בשעת זי איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער, און ס׳איז גלייך געשטאָרבן. אַ גליק פאַר איר און פאַרן קינד. כּל זמן די געזעלשאַפט האַלט זיך ביי איר איצטיקער שטעלונג, דאַרף אַן

אומפאַרהייראַטע מוטער פאַררעכנט ווערן פאַר אומשולדיק, אפילו ווען זי טויט איר קינד.״

דאָ האָט זיך געהערט אַ לייכטער מורמל פונם פאָרזיצער.

„אָדער, יעדנפאַלס, דאַרף איר שטראָף זיין אַ מינימאַלע״, האָט פרוי הייערדאַל ווייטער געזאָגט. „מיר זענען אַלע מסכים, פאַרשטייט זיך, אַז אַ קינדעריש לעבן דאַרף אויפגעהיט ווערן; צי הייסט דאָס אָבער, אַז דאָס געזעץ פון פשוטער מענטשלעכקייט זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן צו דער אומגליקלעכער מוטער? פאַרטראַכט אייך, שטעלט אייך בײַ פאָר, וואָס זי האָט איבערגעלעבט דורך דער גאַנצער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט, וואָס פאַר אַ ליידן זי האָט איבערגעליטן, שטרעבנדיק אויסצובאַהאַלטן איר צושטאַנד און נישט ווייסנדיק וואו זיך אַהינצוטון מיטן קינד, ווען ס׳וועט געבוירן ווערן. קיין מאַן קאָן זיך דאָס נישט פאָרשטעלן״, האָט זי געזאָגט. „דאָס קינד איז על כּל פּנים געטויט פון גוטסקייט. די מוטער וויל ראַטעווען זיך און דאָס קינד, וועלכעס זי ליבט, פון דעם אומגליקלעכן לעבן. זי קאָן נישט איבערטראָגן די שאַנד, און אַזוי אַרום קומט אויף דעם געדאַנק אין קאָפּ צו הרגענען דאָס קינד. די געבורט קומט פאָר בסוד, און די מוטער איז אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה אין אַזאַ וואַנזיניקן צושטאַנד, אַז אינם מאָמענט פון טויטן דאָס קינד איז זי פשוט נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אירע מעשים. אין דער אמתן, איז זי גאָר נישט באַגאַנגען די טאַט, ווייל זי איז נישט ביים זינען אין יענער צייט. בשעת עס טוט איר נאָך ווי יעדעס אבר, יעדער ביין, מוז זי טויטן דאָס קליינע נפשל און פאַרבאַהאַלטן דאָס גופל — פאַרטראַכט זיך נאָר, וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג עס פאָדערט זיך צו דעם! נאַטירלעך, מיר אַלע ווילן, אַז אַלע קינדער זאָלן לעבן; ס׳פאַרשאַפט אונז שמערצן צו טראַכטן, אַז אַ קינד קומט אום אויף אַזאַ אופן. דאָס איז אָבער די שולד פון דער געזעלשאַפט; די שולד פון אַ האָפנונגסלאָזער, רחמנותלאָזער, רכילותדיקער, בייזוויליקער און שלעכטער געזעלשאַפט, וואָס איז שטענדיק אויף דער וואַך צו צודריקן אַן אומפאַרהייראַטע מוטער דורך אַלע מעגלעכע מיטלען!״

„נאָר — אפילו נאָך אַזאַ באַהאַנדלונג פון דער געזעלשאַפט קאָן די פאַרפאָלגטע מוטער זיך אויפהויבן נאָכאַמאָל. ס׳טרעפט אָפט, אַז גראָד די דאָזיקע מיידלעך, נאָך דעם איינעם פאַלשן שריט, ווערן דורך דעם זעלבסט

געשטויסן אויף אַ נייעם גוטן וועג. זאָל דאָס געריכט זיך נאָכפרעגן ביי פאַרוואַלטערס פון שוץ־הייזער, וואו אומפאַרהייראַטע מוטערס מיט זייערע קינדער ווערן אויפגענומען, אויב דאָס איז נישט אַזוי. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז גראָד די דאָזיקע מיידלעך — וועמען די געזעלשאַפט האָט געצוואונגען צו טויטן זייערע אייגענע קינדער, — גיבן אַרויס פון זיך די בעסטע קראַנקן־שוועסטער. און זאָל זיך יעדער איינער פאַרטראַכטן דערויף".

„דאַן איז נאָך דאָ אויך אַ צווייטע זייט פון דער פראַגע. פאַרוואָס זאָל דער מאַן אַרומגיין פריי? די מוטער, וואָס ווערט באַשולדיקט אין קינדער־מאָרד, ווערט פאַרשפאַרט אין תפיסה און ווערט געפייניקט, אָבער דער פאָטער, דער פאַרפירער, אים רירט מען קיינמאָל נישט אָן. אָבער ווי באַלד ער איז דער פאָטער פונם קינד, איז ער אַ שותף צום פאַרברעכן; זיין חלק אינם פאַרברעכן איז נאָך אַפילו גרעסער ווי דער מוטערס; וואָלט עס נישט געווען צוליב אים, וואָלט קיין פאַרברעכן גאָר נישט געווען. פאַרוואָס זאָל ער פרייגעשפּראָכן ווערן? ווייל די געזעצן זענען געמאַכט דורך מענער. דאָס איז דער ענטפער. די גרויזאַמקייט פון אַזעלכע געזעצן שרייט אַרויף צו גאָט! זון ס'קאָן נישט זיין קיין שום הילף פאַר אונז פרויען, ביז מיר וועלן נישט קריגן קיין שטים־רעכט ביי די וואַלן און ביים אַרויסגעבן די געזעצן.

„נאָר", האָט פרוי הייערדאַל געזאָגט, „אויב דאָס איז דער שרעק־לעכער גורל, וואָס איז באַשערט דער שולדיקער — לאָמיר זאָגן, דער באַשיינפּערלעך שולדיקער — וואָס האָט געטויט איר קינד — טאָ וואָס איז וועגן דער אומשולדיקער, וואָס איז בלויז פאַרדעכטיקט אינם פאַר־ברעכן און איז עס אין דער אמתן נישט באַגאַנגען? וואָס פאַר אַ פאַרגיטיקונג גיט איר די געזעלשאַפט פאַר דעם? גאָרנישט! איך דערקלער, אַז איך קאָן דאָס מיידל, וואָס איז דאָ אָנגעקלאָגט; זי געקאָנט נאָך פון קליי־נערהייט אָן; זי האָט ביי מיר געדינט, און איר פאָטער איז מיין מאַנס געהילף. מיר פרויען וואַגן צו טראַכטן און פילן פונקט אומגעקערט, ווי די מענער מיט זייערע באַשולדיקונגען און פאַרפאָלגונגען; מיר וואַגן צו האָבן אונזער אייגענע מיינונג. דאָס מיידל איז אַרעסטירט געוואָרן, באַ־רויבט געוואָרן פון איר פרייהייט צוליבן פאַרדאַכט, אַז זי האָט, ערשטנס, פאַרבאָרגן די געבורט פון אַ קינד, און ווייטער, אַז זי האָט געטויט דאָס

קינד. איך האָב נישט דעם מינדסטן ספק, אַז זי איז אומשולדיק אין ביידע זאַכן — דאָס געריכט וועט אַליין מוזן קומען צו דעם זעלבן אויספיר. פאַרבאָרגן די געבורט? — אָבער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אינמיטן טאָג. אמת, די מוטער איז געוועזן אייגנע אַליין אין יענער צייט — נאָר ווער האָט דען געקאָנט מיט איר זיין? דאָס אָרט איז ווייט אין דער ווילדעניש, און דער איינציקער לעבעדיקער מענטש אַרום איז אַ מאַן — ווי אַזוי האָט זי געקאָנט שיקן רופן אַ מאַן אין אַזאַ מאָמענט? יעדע פרוי וועט אייך זאָגן, אַז ס'איז אוממעגלעך. און דאַן — ס'ווערט באַהויפטעט, אַז זי האָט געטויט דאָס קינד. אָבער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אין וואַסער — די מוטער פאַלט אַריין אין אַ אייז־קאַלטן שטראָם, און דאָס קינד ווערט געבוירן. וואָס האָט זי געטון ביים וואַסער? זי איז אַ דינסטמיידל, אַ שקלאַף, און האָט איר טעגלעכע אַרבעט אָפּצוטון; זי גייט צונויפקלויבן יאַלאָוועץ־צווייגלעך אויף שייערן די עמער. און איבערגייענדיק דעם שטראָם, גליטשט זי זיך אויס און פאַלט אַריין. זי בלייבט ליגן, דאָס קינד ווערט געבוירן און עס ווערט דערטרונקען."

פרוי הייערדאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געקאָנט זען אינם בליק פון די ריכטער און צוהערער, אַז זי האָט גערעדט וואונדער־גוט; אַ טיפע שטילקייט הערשט אינם זאַל, בלויז באַרבראָ איז געזעסן און געווישט זיך די אויגן וועגן־נישט־וועגן. און פרוי הייערדאַל האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „מיר פרויען האָבן אַ האַרץ און מיטלייד. איך האָב איבערגעלאָזט מיינע אייגענע קינדער אויף פרעמדע הענט צו קאָנען אַראָפּקומען אַהער און אויפטרעטן אַלס עדות פאַר דעם אומגליקלעכן מיידל, וואָס זיצט דאָ. די מענערישע געזעצן קאָנען נישט פאַרווערן פרויען צו דענקען; און איך דענק, אַז דאָס מיידל, וואָס זיצט דאָ, איז שוין גענוג באַשטראָפט געוואָרן, הגם זי איז אפשר נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. שפּרעכט זי פריי, לאָזט זי גיין, און איך וועל אויף איר אַכטונג געבן אַליין, זי וועט ווערן די בעסטע קראַנקן־שוועסטער, וואָס איך האָב ווען־נישט־איז געהאַט.

און פרוי הייערדאַל האָט זיך אַוועקגעזעצט.

רופט זיך אָן דער פאָרזיצער:

— קומט, הייסט דאָס, אויס, לויט אייער רעדע, אַז קינדער־מער־דערינס קאָנען זיין זייער גוטע קראַנקן־שוועסטער?

אָ, נאָר דער פּאַרזיצער האָט נישט געהאַט בדעה צו שטעלן זיך קעגן פרוי הייערדאַל, ניין — ער איז געווען אַ הומאַניטאַרער מענטש, גוטהאַרציק ווי אַ גלח. ווען דער פּראָקוראָר האָט נאָך געשטעלט עטלעכע פראַגן דער עדותטע, איז ער געזעסן רויק און זיך געמאַכט נאָטיצן אויף פּאַפּיר.

דער פּראָצעס האָט מער נישט געדויערט, ווי ביז האַלבן טאָג; בלויז עטלעכע עדות זענען אויסגעהערט געוואָרן, און דער ענין איז געווען קלאָר גענוג. אַקסל איז געזעסן און געהאַפּט אויף דאָס בעסטע; אָבער פּלוצים האָט עס אויסגעזען, ווי דער פּראָקוראָר און פרוי הייערדאַל האָבן מיט פאַראייניקטע כוחות געזוכט צו פאַרערגערן די לאַגע פאַר אים, ווייל ער האָט מקבר געווען דאָס קינד נישט לאַזנדיק וויסן וועגן דעם טויט. וועגן דעם איז ער אויפן־קרייץ־פאַרהער אויסגעפרעגט געוואָרן שטרענגער און וואָלט וואַרשיינלעך געווען אָפּגעשניטן שלעכט, ווען ער וואָלט פּלוצים נישט געווען דערזען גייסלערן. יאָ, גייסלער איז געזעסן אין געריכט. דאָס האָט אַקסלען צוגעגעבן מוט, ער האָט שוין מער נישט געפילט זיך איינזאַם, קעגן געזעץ, וואָס וויל אים פאַראורטיילן. און גייסלער האָט אַ נייג געטון מיטן קאָפּ צו אים.

יאָ, גייסלער איז געקומען אין שטאָט אַריין. ער האָט נישט געבעטן, מ'זאָל אים רופן אַלס אַן עדות, נאָר ער איז געווען. ער האָט נאָך פאַרבראַכט אין שטאָט עטלעכע טעג איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, זיך פאַרטיפט אינם ענין און פאַרצייכנט אַלץ, וואָס ער האָט געדענקט פון אַקסלס אייגענער דערציילונג. די מערסטנס דאַך מענטשן האָבן גייסלערן אויסגעזען נישט צופרידנשטעלנדיק; דער לענסמאַנד הייערדאַל איז אפנים געווען אַ צו קליינער קאָפּ, און ער האָט דורכויס באַמיט זיך צו באַווייזן אַקסלס מיטשולד אינם פאַרברעכן. אַ נאַרישער, אידיאָטישער קאָפּ — וואָס האָט ער געוואוסט וועגן דעם לעבן אין דער ווילדעניש; ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען גראָד דאָס קינד, מיט וואָס אַקסל האָט געוואָלט די פרוי צובינדן צו זיך, זי זאָל בלייבן מיט אים, העלפן אים אויף דער פערמע!

גייסלער האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיטן פּראָקוראָר, נאָר ער האָט

געהאַט אַן איינדרוק, אַז אפילו דאָס איז איבעריק; ער האָט געוואָלט העלפן אַקסלען זיך צוריקקערן צו זיין היים און צו זיין ערד, נאָר די הילף איז גאָרנישט געווען נייטיק, ווי ס'האָט אויסגעזען. דער פּראָצעס איז געגאַנגען גוט אפילו בנוגע באַרבראַן, און אויב זי זאָל פריי־געשפּראָכן ווערן, דאַן קאָן דאָך שוין קיין פראַגע נישט זיין וועגן וואָסער נישט איז מיטשולד. ס'וועט אָפּהענגיק זיין פונם עדות זאָגן פון די עדות.

ווען די עטלעכע עדות זענען אויסגעהערט געוואָרן — אַלינאַ איז נישט גערופן געוואָרן, נאָר בלויז דער לענסמאַנד, אקזל, די עקספּערטן און אַ פּאָר מיידלעך פון דאָרף — ווען זיי זענען אויסגעהערט געוואָרן, האָט מען געמאַכט אַ הפסקה ביז איבער מיטאָג, און גייסלער איז צוגע־גאַנגען נאָכאַמאָל צום פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן, אַז אַלץ גייט כשורה. דער פרוי הייערדאַלס ווערטער האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם. אַלץ האָט זיך איצט געווענדט אין די געשוואָירענע ריכטער.

— זענט איר פאַראינטערעסירט אינם מיידל? — האָט דער פּראָ־קוראָר געפרעגט.

— יאָ, ביז אַ געוויסן גראַד, — האָט גייסלער געענטפערט. — אָדער בעסער געזאָגט, אינם מאַן.

— האָט זי ביי אייך אויך געדינט?

— ניין, זי האָט ביי מיר קיינמאָל נישט געדינט.

— אַך, יאָ, דער מאַן. איך האָב גערעדט וועגן מיידל. די סימפּאַ־טיעס פונם געריכט זענען אויף איר זייט.

— דער מאַן — ה־ם, ס'זעט נישט אויס, ער זאָל אַרויס אַזוי גלאַטיק, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט. — אַ מענטש נעמט און איז מקבר דאָס גופל איינער אַליין אין וואַלד. ס'שיינט צו האַלטן שלעכט מיט אים, זייער שלעכט.

— ער האָט עס געוואָלט מקבר זיין, ווי עס באַדאַרף צו זיין, שטעל איך מיר פאָר. — האָט גייסלער געזאָגט. — צוערשט איז עס גאָר אינגאַנצן נישט געווען געבראַכט צו קבורה.

— געוויס האָט אַ פרוי נישט געהאַט דעם כוח פון אַ מאַן אויסצו־גראָבן אַ קבר. און אין איר צושטאַנד — זי האָט שוין געמוזט זיין אינ־גאַנצן אָן כוחות. יעדנפאַלס, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, — האָבן

מיר אָנגעהויבן לעצטנס צו באַציִען זיך מער הומאַניטאַר צו די קינ־דער־מאָרד־פאַלן. ווען איך וואָלט געדאַרפט אַנטשיידן, וואָלט איך קיינ־מאָל זיך נישט איינגעשטעלט צו פאַראורטיילן דאָס מיידל; און לויט די אומשטענדן אין דעם פאַל, וועל איך נישט פאָדערן, מען זאָל זי פאַר־אורטיילן.

— ס׳פרייט מיך זייער צו הערן דאָס, — האָט גייסלער געזאָגט, פאַרניינגנדיק זיך.

דער פּראָקוראָר האָט פאָרגעזעצט:

— אַלס אַ מאָל, אַלס אַ פּריוואַטער מענטש, וועל איך אפילו גיין נאָך ווייטער און זאָגן: איך וואָלט קיינמאָל נישט פאַראורטיילט קיין איין אומפאַרהייראַטע מוטער פאַר טויטן איר קינד.

— זייער אינטערעסאַנט, — האָט גייסלער געזאָגט, — צו טרעפן אַ פּראָקוראָר אַזוי דורכאויס איינשטימיק מיט דעם, וואָס פרוי הייערדאַל האָט פריִער געזאָגט פאַרן געריכט.

— אָ, פרוי הייערדאַל!... לויט מיין פאַרשטאַנד, איז דאָ אַ סך אמת אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט. נאָך אַלעמען, וואָס העלפן די אַלע שטראָפן? אומפאַרהייראַטע מוטערס האָבן שוין גענוג געליטן און גענוג דערנידעריקט געוואָרן דורך דער ברוטאַלער און הארטהאַרציקער שטעלונג פון דער וועלט — די שטראָף אַליין איז גענוג.

גייסלער האָט זיך אויפגעשטעלט און לסוף געזאָגט:

— אָן ספק, נאָר וואָס איז וועגן די קינדער?

— אמת, — האָט דער פּראָקוראָר געענטפערט, — ס׳איז אַ טרויעריקער ענין וועגן די קינדער. און ווידער, איז עס אפשר גראָד גוט אַזוי. אומגעזעצלעכע קינדער האָבן דורכצוקומען אַ שווער לעבן און קו־מען אַרויס מערסטנטיילס פאַרדאָרבן.

גייסלערן האָט פאַרדראָסן די רויִקע זעלבסט־צופרידנקייט פון דעם מאַן פון געזעץ; ער האָט געזאָגט:

— עראַזמוס איז אַזוי געבוירן געוואָרן.

— עראַזמוס?...

— עראַזמוס פון ראָטערדאַם.

— ה־מ.

— און לעאָנאַרדאָ דאָס זעלבע.

— לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי? טאַקע? נו, געוויס, ס׳זענען דאָ אויס-נאַמען, אַנדערש וואָלט נישט געווען קיין כּלל. אין אַלגעמיין אָבער...

— מיר נעמען אָן שוין-געזעצן פאַר חיות און פייגל, — האָט גייס-לער געזאָגט; — ס׳קוקט אויס אַ ביסל משונהדיק נישט צו קימערן זיך וועגן אונזער אייגן יונגוואַרג?

דער פּראָקוראָר האָט פּאַמעלעך און מיט ווירדע אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך געוויסע פּאַפּירן אויפן טיש, ווי געבנדיק אָנצוהערן, אַז ער האָט נישט מער קיין צייט פאַרצוזעצן די דיסקוסיע. — יאָ... — האָט ער צוריקגעהאַלטן געזאָגט, — יאָ, יאָ, געוויס...

גייסלער האָט אים אויסגעדריקט זיין דאַנק פאַר דעם העכסט באַ-לערנדיקן געשפּרעך און זיך מיט אים געזעגנט.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט. עס האָט אים עפּעס הנאה געטון צו פילן, אַז ער קאָן דאָ אַ סך אויפטון; ער האָט גע-וואוסט וועגן אַ געוויסן שטיקל שמאַטע, אַ המד צעשניטן אויף צווייען, צו טראָגן אין דעם... צווייגעלעך פאַר אַ בעזים; וועגן אַ קינדעריש קערפּערל, וואָס איז אַרומגעשוואומען אינעם בערגענער האַפן — יאָ, ער האָט געקאָנט אַוועקשטעלן דאָס געריכט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט. איין וואָרט, און ס׳וואָלט געווירקט, ווי טויזנט שווערטן. נאָר גייסלער האָט געוויס נישט געהאַט בדעה אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט איצט, סיידן ס׳וועט זיין נייטיק. דער משפּט איז בעגאַנגען אויס-געצייכנט אָן דעם אויך; אפילו דער פּראָקוראָר האָט זיך דערקלערט אויף דער זייט פון דער באַשולדיקטער.

דאָס געריכטס-צימער ווערט ווידער פול, און דער פּראָצעס ווערט פאָרגעזעצט.

עס איז אַ טשעקאַווע רייצנדיקע געשעעניש פאַר אַ קליינע שטאָט; שטרענגער ערנסט פונעם פּראָקוראָר און די געפּילפּולע ריידעוודיקייט פונעם פאַרטיידיקער. די געשוואוירענע זענען געזעסן אין זיך צוגעהערט. וואָס טראַכטן זיי אַ שטייגער וועגן באַרבראָן און וועגן איר דערמאָרדעטן קינד?

ס׳איז נישט געווען לייכט דאָס צו טרעפן. דער פּראָקוראָר איז געווען אַ פאַרנעמער מענטש אייפן אויסזען, און אָן ספק, אויך אַ גוט-

האַרציקער, נאָר עפּעס האָט אים אַ פּנים מיט אַמאָל אויפֿגערייצט, און אפשר האָט ער זיך פּלוצים דערמאַנט, אַז ער איז מלוכה־פּראָקוראָר און איז דעריבער מחויב צו האַנדלען אויף אַ באַשטימטן אופֿן — ווער ווייסט? נאָר ס'איז געווען דײַטלעך צו זען, אַז ער איז איצט ווייניקער גענייגט צו זײַן מילד, ווי ער איז עס געווען פֿאַר מיטאָג. אויב דאָס פֿאַרברעכן איז טאַקע באַגאַנגען געוואָרן, האָט ער געזאָגט, איז עס אַן ערנסטער ענין; עס איז אַ פֿינסטערע געשיכטע, אויב עס זאָל טאַקע פֿעסטגעשטעלט ווערן דאָס, וואָס די עדות האָבן ביז איצט דערציילט. זאָלן די ריכטער אַנטשיידן; ער וויל בלויז אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף דרײַ פּונקטן: ערשטנס, צי האָט מען דאָ צו טון מיט אַ געהיימער געבורט; צי איז דאָס קלאָר פֿאַרן געריכט. דערבײַ האָט ער געמאַכט עטלעכע פּערזענלעכע באַמערקונגען וועגן דעם פּונקט. דער צווייטער פּונקט איז דאָס שטיקל העמד — נאָך וואָס האָט די אָנגעקלאָגטע דאָס מיטגענומען מיט זיך? צי נישט כּדי אויסצונוצן עס פֿאַר אַ געוויסן פֿריִער פֿאַרטראַכטן צוועק? ער האָט די אָנדייטונג נאָך מער אַרומגערעדט. און דער דריטער פּונקט — איז די געאײַלטע און פֿאַרדעכטיקע קבורה אָן וואַסער נישט איז מעלדונג וועגן דעם, נישט דעם גלח, נישט דעם לענסמאַנד. דאָ איז שוין דער עיקר דער מאַן פֿאַראַנטוואָרטלעך, און ס'איז פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט, אַז דאָס געריכט זאָל גוט באַטראַכטן דעם דאָזיקן פּונקט, מחמת ס'איז קלאָר, אַז אויב ער האָט אויסגעפֿירט די קבורה אַליין, האָט ער געמוזט וויסן פֿונם פֿאַרברעכן.

— ה־מ, — הערט זיך פֿון עמעצן אין זאַל.

אַקסל שטרעם האָט זיך ווידער געפֿילט אין געפֿאַר. ער האָט אַרויפֿגעקוקט און נישט אָנגעטראָפֿן קיין איין בליק; אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צום פּראָקוראָר, וואָס האָט גערעדט. נאָר ווײַט אונטן איז ווידער געזעסן גייסלער, מיט אַ גאַוודיקן אויסזען, ווי איבערנעמענדיק זיך מיט זײַן אייגענער איבערמאַכט; זײַן אונטערשטע ליפּ איז פֿאַרביסן און ער קוקט אַרויף, צו דער סטעליע. די דאָזיקע אומגעהײַערע גלײַכגילטיקייט פֿון גייסלערן און יענער „ה־מ", וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן הויך און נישט באַהאַלטן, האָט אַקסלען אויפֿגעמונטערט; ער האָט זיך ווידער דערפֿילט נישט גאַנץ אַליין קעגן דער וועלט.

און מיט אַמאָל האָבן זיך די פֿאַרהאַנדלונגען ווידער אַ קער געטאָן

צום בעסערן. דער פּראָקוראָר האָט, ווייזט אויס, ענדלעך אָנגעהויבן צו דענקען, אַז ער האָט שוין גערעדט גענוג, אַז ער האָט שוין דערגרייכט אַלץ, וואָס ס'איז געווען מעגלעך אין דער הינזיכט פון אַרויסרופן פאַראַכט און שלעכטע שטימונג בנוגע דעם מאַן; און איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. נאָך מער: ער האָט גאָר ווי אומגעביטן דעם פראָנט און נישט געפאָדערט קיין פאַראורטיילונג פאַר באַרבראַן. פאַרקערט, ער האָט פאַרענדיקט, אַז נאָך דעם עדות-זאָגן פון די עדות באַשטייט ער נישט דערויף, מען זאָל די אָנגעקלאָגטע דוקא פאַראורטיילן.

דאָס איז גוט, האָט אַקסל געטראַכט — די זאַך איז שוין כמעט ווי פאַרענדיקט.

דאַן איז געקומען די ריי פונם אַדוואָקאַט, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט שטודירט יוריספּרודענץ און האָט באַקומען די שליחות צו זיין פּאַרטיידיקער אין דעם אינטערעסאַנטן פּראָצעס. זיין טאָן אַליין האָט שוין אָנגעוויזן דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן ער האָט געקוקט אויף דער זאַך; קיינמאָל נאָך איז אַ מענטש נישט געווען אַזוי זיכער, אַז ער פאַרטיידיקט אַן אומשולדיקן, ווי ער איצט. דעם אמת געזאָגט, איז פרוי הייערדאַל אים פאַרלאָפן דעם וועג פאַרויס און באַניצט שלעכטע אַרגומענטן, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו אויסנוצן קעגן פּרימאַרגן; ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי האָט שוין געהאַט עקספּלואַטירט די געזעלשאַפט-טעמע — אַ, אָבער ער האָט נאָך געקאָנט אַרויסזאָגן אַ פּאָר ערשט-קלאַסיקע געדאַנקען וועגן דער געזעלשאַפט! ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דער איבערטריבענער מילדקייט פונם פאָרזיצער, וואָס האָט זי נישט אָפּגעשטעלט; ס'איז געווען אַ פאַרטיידיקונגס-ריידע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרויס — און וואָס איז געבליבן פאַר אים?

ער האָט אָנגעהויבן מיט דער לעבנס-געשיכטע פון באַרבראַן, פון אירע קינדער-יאָרן, ווען אירע עלטערן זענען נישט געווען פאַרמעגלעך, הגם זיי זענען געווען אַרבעטזאַמע און בכבודיקע מענטשן; זי איז אַוועק דינען נאָך גאָר אַ קינד, צו אַלעם ערשטן, ביים לענסמאַנד. דאָס געריכט האָט געהערט אינדערפרי, ווי איר באַלעבאָסטע, פרוי הייערדאַל, האָט וועגן איר גערעדט — קיינער קאָן זיך נישט וואונטשן קיין פיינערע רעקאָמענדאַציע. באַרבראַ איז דערנאָך אַוועק קיין בערגען. דאָ האָט דער אַדוואָקאַט געלייגט גרויס געוויכט אויף אַ העכסט גייסטיקן

שריפטלעכן עדות־זאָגן פון צוויי יונגע געשעפטסלייט ביי וועלכע באַרבראָ האָט געדינט, בשעת זי איז געווען אין בערגען — וואָס זייער נאמנות איז אויסער יעדן ספק. באַרבראַ איז צוריקגעקומען צו זיין אַן הויז־אויפזעערין ביי דעם דאָזיקן אומפאַרהייראַטן מאַן אין אַ דערוויטערטער געגנט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן איר אומגליק.

זי איז געוואָרן שוואַנגער פון דעם מאַן. דער געערטער הער פּראָקוראָר האָט אמת, אין זייער אַן איידעלער און טאַקטפולער פאָרם — גערעדט וועגן אַ געהיימער געבורט. האָט דען באַרבראַ געמאַכט אַ סוד פון איר צושטאַנד? האָט זי געלייקנט, אַז זי שוואַנגערט? די צוויי עדות, מיידלעך פון איר אייגענעם דאָרף, דערציילן, אַז ווען זיי האָבן זי געפרעגט, האָט זי עס דורכויס נישט געלייקנט, זי האָט בלויז קורץ זיי געענטפערט. וואָס דען זאָל אַ יונג מיידל טון אין אַזאַ פאַל, אויב נישט וואָס ווייניקער רעדן? ווייטער האָט קיינער בכלל זי גאָרנישט געפרעגט. זאָל זי געווען גיין צו איר באַלעבאָסטע און זיך פאַרטרויען? זי האָט נישט געהאַט קיין באַלעבאָסטע; זי איז געווען אַליין די באַלעבאָסטע אויפן אָרט. זי האָט געהאַט אַ באַלעבאָס, זיכער, אָבער פון אַ מיידל קאָן מען נישט דערוואַרטן, אַז זי זאָל זיך פאַרטרויען צו אַ מאַן מיט אַזאַ זאַך; זי טראָגט איר פּיין אין זיך. זי רעדט נישט, מורמלט נישט, נאָר איז שטיל ווי אַ טראַפּיסט*). באַרבראָ האָט זיך נישט באַהאַלטן, זי איז נאָר געווען איינזאַם.

דאָס קינד איז געבוירן — אַ געזונט קינד; ס'האָט געלעבט און געאָטעמט נאָכן געבוירן, נאָר ס'איז דערשטיקט געוואָרן. אָבער דאָס געריכט ווייסט אונטער וועלכע אומשטענדן דאָס געבורט איז פאָרגעקומען: זי איז פאָרגעקומען אין טייך; די מוטער פאַלט אַריין און דאָס קינד ווערט געבוירן, נאָר זי קאָן נישט ראַטעווען דאָס קינד. זי ליגט און קאָן זיך נישט אויפהייבן אַ שטיק צייט. קיין שום סימנים פון גוואַלדטאַט זענען נישט געווען אויפן קערפּער; ס'איז גאָרנישט געווען, וואָס זאָל אָנ-

---

*) טראַפּיסט — אַ מיטגליד פון אַ מאָנאַכן־אָרדן, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין פראַנקרייך און האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער. די טראַפּיסטן פלעגן שטרענג אָפּהיטן דעם נדר פון שווייגן.

ווייזן, אַז דאָס קינד איז בכּיוון דערמאָרדעט געוואָרן; ס'איז דערטרונקען געוואָרן דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל בשעת דעם געבורט, דאָס איז אַלץ. די נאַטירלעכסטע דערקלערונג אין דער וועלט.

זיין געערטער קאָלעגע האָט עפּעס דערמאַנט וועגן צייג אָדער טוך, באַטראַכטנדיק עס אַלס אַ מיסטעריע, פאַרוואָס זי זאָל האָבן מיטגענומען אַ האַלב העמד מיט זיך. די מיסטעריע איז קלאָר גענוג; זי האָט מיטגענומען דאָס העמד אויף צו טראָגן יאַלאָוועץ-צווייגלעך אין אים. זי האָט געקאָנט מיטנעמען, לאָמיר זאָגן, אַ ציכל פון אַ קישן, האָט זי מיטגענומען דאָס דאָזיקע שטיקל העמד. עפּעס האָט זי געמוזט האָבן, יעדנפאַלס; זי האָט נישט געקאָנט טראָגן די צווייגלעך צוריק אין אירע הענט. ניין, ס'איז זיכער נישטאָ קיין גרונט צו מאַכן אַ מיסטעריע פון דעם.

איין פּונקט אָבער איז נישט גענוג קלאָר: איז די אָנגעקלאָגטע באַהאַנדלט געוואָרן מיט יענער זאָרגפעלטיקייט און אָפּגעהיטקייט, וואָס איר צושטאַנד אין יענער צייט האָט געפאָדערט? איז איר באַלעבאָס זיך באַגאַנגען גוט מיט איר? ס'וואָלט געווען גוט אויך פאַר אים, ווען ס'וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי. דאָס מיידל אַליין האָט בשעתן קרייז-פאַרהער גערעדט וועגן מאַן אין צופרידנשטעלנדיקע אויסדריקן; און דאָס אַליין ווייזט שוין באַשיינפּערלעך אויף דער איידלקייט פון איר כאַראַקטער. דער מאַן פון זיין זייט, אַקסל שטרעם, האָט אויך אין זיינע דערקלערונגען זיך צוריקגעהאַלטן פון וואָסער נישט איז שלעכט וואָרט אויף איר, פון באַשולדיקן זי אויף וואָסער נישט איז אופן. און ער האָט געהאַנדלט ריכטיק אום נישט צו זאָגן קלוג, ווייל זיין אייגענע לאַגע הענגט אָפּ זייער אַ סך פון דעם, ווי אַזוי זי וועט אַרויס. דורך אַרויפלייגן די שולד אויף איר וואָלט ער, אויב זי וואָלט דערקלערט געוואָרן פאַר שולדיק, געבראַכט אים צו זיין אייגענער מפּלה.

ס'איז אוממעגלעך צו לייענען די אַלערליי דאָקומענטן און דערקלערונגען און נישט פילן די טיפסטע סימפּאַטיע צו דעם יונגן מיידל אין איר איינזאַמער לאַגע. און דאָך איז נישט נייטיק צו אַפּעלירן מכוח רחמנות פאַר איר, בלויז מכוח גערעכטיקייט און מענטשלעכער פאַרשטענדעניש. זי און איר באַלעבאָס זענען אייגנטלעך געווען פאַרקנסט, נאָר אַ געוויסע אומגלייכקייט פון טעמפּעראַמענט און אינטערעסן האָט זיי געשטערט חתונה צו האָבן. דאָס מיידל האָט נישט געקאָנט אָנפאַרטרויען

איר צוקונפט צו אַזאַ מאַן. ס׳איז נישט קיין אָנגענעמער ענין, נאָר ס׳וועט נישט אויסמאַכן אומצוקערן זיך אויף אַ רגע צו דער פראַגע פונם שטיקל העמד, וועגן וועלכן ס׳האָט זיך פריִער גערעדט: ס׳דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז דאָס מיידל האָט גענומען נישט איינס פון איר אייגן אונטערוועש, נאָר איינס פון איר באַלעבאָס העמדער. און מיר האָבן זיך אַליין גלייך געשטעלט די פראַגע: האָט דער מאַן אַליין איר געגעבן דאָס צייג? דאָ, האָבן מיר געמיינט, קאָן זיך אַרויסווייזן אפשר, אַז דער מאַן, אַקסל, איז געווען פאַרמישט אין דער געשיכטע.

— ה-מ, — הערט זיך פון עמעצן אין זאַל, און הויך און שטאַרק אויף אַזוי פיל, אַז דער רעדנער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו זען, ווער האָט דאָס געמאַכט דעם צווישנרוף. דער פאָרזיצער האָט אָנגעכמורעט דאָס פנים.

נאָר, האָט פאָרגעזעצט דער אַדוואָקאַט, קומענדיק ווידער צו זיך, אויך אין דער הינזיכט קאָנען מיר זיין רויִק, אַ דאַנק דער באַשולדיקטער אַליין. ס׳וואָלט געווען פאַר איר טובה וועגן צו צעטיילן די שולד דאָ, נאָר זי האָט נישט געפרווּט דאָס טון. זי האָט דורכאויס און אָן רעזערוו באַפרייט אַקסל שטרעמען פון וואָסער נישט איז מיטשולדיקייט אינם פאַקט מיט דעם העמד. און ס׳איז נישטאָ די מינדסטע סיבה צו צווייפלען אין די רייד פון דער אָנגעקלאָגטער בנוגע דעם פונקט; אירע דערקלערונגען זענען בכלל אין איינקלאַנג מיט די פאַקטן, און דאָס זעלבע איז באַשיינפערלעך אויך אין דעם פאַל. וואָלט זי דאָס העמד געווען גענומען פון די הענט פון איר מאַן, וואָלט דאָס געקאָנט זיין אַ באַווייז, אַז דער מאָרד פונם קינד איז פון פאָרויס געווען געפּלאַנט, און די אָנגעקלאָגטע, אמתדיק ווי זי איז, וויל נישט ציִען אויפן מאַן אפילו קיין שיין פון פאַרדאַכט אין עפּעס, וואָס ער איז נישט באַטאַנגען. איר אויפפירונג דורך דער גאַנצער צייט איז לויבנסווערט, פריי און אָפן; זי האָט נישט געמאַכט קיין שום פאַרזוך אַרויפצוּוואַרפן די שולד אויף אַנדערע. פאַרן געריכט זענען געווען ביישפּילן פון דער אָנגעקלאָגטערס איידעלע געפילן, ווי, למשל, דער פאַקט, אַז זי האָט איינגעוויקלט דאָס גופל פונם קינד אַזוי גוט, ווי זי האָט נאָר געקאָנט און עס באַערדיקט אָנשטענדיק, ווי דער לענסמאַנד האָט עס געפונען.

דאָ האָט אים דער פאָרזיצער באַמערקט, אַז דאָס איז געווען קבר

נר. 2, וועלכעס דער לענסמאַנד האָט געפונען — דאָס קבר, אין וועלכן אַקסל האָט מקבר געווען דעם קערפּער נאָכן איבערטראָגן אים פונם ערשטן קבר.

— אמת, איך נעם אָן די אויסבעסערונג, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט מיט געהעריקן רעספּעקט פאַר דעם פּרעזיצער. — פולשטענדיק אמת. אָבער — אַקסל האָט אַליין געזאָגט, אַז ער האָט מער נישט ווי איבערגעטראָגן דעם קערפּער פון איין קבר און אים אַריינגעלייגט אין צווייטן. און ס'קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין, אַז אַ פרוי קאָן בעסער איינוויקלען אַ קינד איידער אַ כאַן — און ווער נאָך בעסער פון אַלעמען זיכער, אַ מוטערס צאַרטע הענט.

דער פּרעזיצער שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

יעדנפאַלס — צי האָט זי נישט געקאָנט — ווען זי וואָלט געווען פון אַן אַנדער סאָרט — מקבר זיין דאָס קינד באַקעטערהייט? מ'קאָן נאָך גיין אפילו ווייטער — זי האָט עס געווען געקאָנט אַריינוואַרפן אין אַ מיסט-קאַסטן, זי האָט עס געווען געקאָנט איבערלאָזן אונטער אַ בוים אויף דער פריי, ס'זאָל פאַרפרוירן ווערן אויף טויט, — פאַרשטייט זיך, ווען עס וואָלט שוין נישט געווען פון פריער טויט. זי האָט עס געקאָנט אַריינלייגן אין אויוון, בשעת זי איז געבליבן אַליין, און עס פאַרברענען. זי האָט עס געקאָנט אַרויפנעמען צום טייך אין סעלאַנראַא און עס אַהין אַריינוואַרפן. נאָר די דאָזיקע מוטער האָט קיין איינס פון די אַלע זאַכן נישט געטון; זי האָט איינגעוויקלט דאָס טויטע קינד ריין און שיין אין אַ טוך און דאָס מקבר געווען. און אויב דאָס גופל איז געפונען געוואָרן איינגעוויקלט ריין און שיין, בשעת דאָס קבר איז געעפנט געוואָרן, מוז עס זיין אַ פרוי און נישט קיין מאַן, וואָס האָט עס אַזוי איינגעוויקלט.

און איצט, האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער גערעדט, זאָל דאָס געריכט אַנטשיידן, אין וואָס קאָן מען נאָך באַשולדיקן די אָנגעקלאָגטע; ער מיינט, אַז אין גאָרנישט. סיידן דאָס געריכט זאָל זי וועלן משפטן דערפאַר, וואָס זי האָט נישט צו וויסן געגעבן וועגן דעם טויט-פאַל. נאָר דאָ ווידער — דאָס קינד איז געווען טויט, און קיין זאַך האָט נישט געקאָנט עס ענדערן; דאָס אָרט איז ווייט אין דער ווילדעניש, אַ סך מיילן סיי פונם גלח סיי פונם לענסמאַנד; איז עס גאַנץ נאַטירלעך, צו

לאָזן עס רוען אין דעם זויבערן קבר אין וואַלד. און אויב ס'איז אַ פאַרברעכן, דאַן איז די אָנגעקלאָגטע נישט מער שולדיק, וויפיל דער פאָטער פונם קינד — נאָר יעדנפאַלס איז דאָס אַזאַ קליינער פאַרברעכן, אַז מען מעג אים גרינג מוחל זיין. די מאָדערנע יוסטיץ לייגט בכלל אַלץ מער געוויכט אויף אויסבעסערן דעם פאַרברעכער, איידער אויף באַשטראָפן אים. ס'איז די פאַרעלטערטע שיטה, וועלכע האָט געזוכט אַרויפצולייגן שטראָפן פאַר יעדע זאַך — ס'איז דאָס גקמה-געזעץ פונם אַלטן טעסטאַמענט; אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן. ניין, אין דער היינטיקער יוסטיץ הערשט שוין נישט דער דאָזיקער גייסט. דאָס געזעץ פון היינט איז מער מענטשלעך; ער זוכט קודם-כל צו באַגרייפן די אינערלעכע כוונות פון דעם, וואָס ווערט פאַר עפּעס געמשפּט.

— ניין! איר וועט דאָס דאָזיקע מיידל נישט פאַרמשפּטן! האָט — דער אַדוואָקאַט אויסגערופן. נישט סתם פאַרגרעסערן די צאָל פאַרברעכער דאַרפן מיר, נאָר גיכער אומקערן דער געזעלשאַפט אַ גוטן און נוצלעכן מיטגליד. עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן, אַז די אָנגעקלאָגטע האָט איצט די אויסזיכט אויף אַ נייע שטעלע, וואו זי וועט זיין אונטער דער מעגלעכסט בעסטער אויפזיכט. פרוי לענסמאַנד הייערדאַל האָט, צוליב איר גוטער באַקאַנטשאַפט מיטן מיידל און צוליב איר ווערטפולער דערפאַרונג אַלס מוטער, געעפנט ברייט די טירן פון איר הויז פאַרן מיידל; זאָל-זשע דאָס געריכט אין זינען האָבן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איידער עס גייט אַרויסטראָגן זיין אורטייל. צולעצט דריקט ער נאָך אויס זיין דאַנק דעם געערטן פּראָקוראָר, וועלכער האָט גרויסמוטיק זיך אָפּגעהאַלטן פון צו פאָדערן אַ פאַראורטיילונג — אַן אָנגענעמער באַווייז פון טיפער מענטשלעכער פאַרשטענדעניש.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך אַוועקגעזעצט.

די איבעריקע פאַרהאַנדלונגען האָבן שוין נישט געדויערט לאַנג. דאָס רעזומירן איז געווען בלויז אַן איבערחזרונג פון די זעלבע פּנקטן, ווי זיי זענען באַטראַכט געוואָרן פוןביידע צדדים. אַ קורצער איבערזוכט, ערנסט, טרוקן און לאַנגווייליק. אַלץ איז געגאַנגען זייער גוט. סיי דער אַדוואָקאַט, סיי דער פּראָקוראָר, האָבן געזאָגט כמעט דאָס זעלבע,

און דער פּאַרזיצער האָט שוין געהאַט אַ גרייַטע אויפגאַבע פאַר זיך.

מ'האָט אָנגעצונדן צווי הענג-לאָמפּן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון דער סטעליע — אַ קאַרג ליכט איז עס געווען. דער פּאַרזיצער האָט קוים געזען צו לייענען זיינע נאָטיצן. ער האָט דערמאָנט מיט אַ געוויסער שטרענגקייט דעם פאַקט, אַז וועגן קינדס טויט איז נישט געמאָלדן געוואָרן דער מאַכט — נאָר דאָס דאַרף אין געגעבענעם פאַל באַטראַכט ווערן אָלס די פליכט פונם פאָטער איידער פון דער מוטער, אַ דאַנק איר שוואַכקייט אין יענער צייט. דאָס געריכט האָט דאַן צו באַשטימען, צי איז באַוויזן, אַז די געבורט און דער קינדערמאָרד זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן, און ער חזרט ווידער אַמאָל איבער אַלע אַרגומענטן פון אָנפאַנג ביזן סוף. דערנאָך איז געקומען דער שטענדיקער אָנזאָג — צו געדענקען וועגן דער אחריות, וואָס דאָס געריכט האָט שוין געהערט פריִער, און צולעצט די געוויינטלעכע דערמאָנונג, אַז אין פאַל פון ספקות קאָן מען אַנטשיידן לטובות דעם אָנגעקלאָגטן.

איצט איז אַלץ געווען קלאָר.

די ריכטער האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער און אַריין אין צווייטן. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם בויגן מיט די פראַגן. זיי האָבן זיך געזוימט סך הכּל פינף מינוטן און זיך צוריקגעקערט מיט אַ „ניין" אויף אַלע פראַגן.

— ניין, דאָס מיידל באַרבראַ האָט נישט געטויט איר קינד.

דאַן האָט דער פּאַרזיצער נאָך געזאָגט עטלעכע ווערטער און דערקלערט, אַז באַרבראַ איז פריי.

דער געריכט-זאַל איז געוואָרן ליידיק, די קאָמעדיע איז געווען פאַריבער...

עמעצער כאַפּט אָן אַקסל שטרעמען ביים אָרעם — ס'איז גייסלער. — ה-מ, — זאָגט ער, — ביסטו שוין פּטור איצט!

— יאָ, — האָט אַקסל געזאָגט

— זיי האָבן נאָר צייט ביי דיר צוגענומען אָן אַ שום זין.

— יאָ, — האָט אַקסל נאָכאַמאָל געזאָגט. נאָר ער איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען און אין אַ רגע אַרום צוגעגעבן: — פונדעסטוועגן בין

איך צופרידן, וואָס איך בין דערמיט אָפּגעקומען, ס'האָט געקאָנט זיין ערגער.

— ערגער? — האָט גייסלער אויסגערופן — כ'וואָלט געוואָלט זען! — ער האָט שטאַרק באַטאָנט די ווערטער, און אַקסל האָט פאַרשטאַנען, אַז גייסלער האָט עפּעס געמוזט האָבן צו טון מיטן פּראָצעס, אַז ער האָט זיך אַריינגעמישט. גייט ווייסט, אויב ס'איז נאָך אַלעמען נישט געווען גייסלער אַליין, וועלכער האָט געפירט די גאַנצע פאַרהאַנדלונגען און זיך דערשלאָגן דעם רעזולטאַט, וועלכן ער האָט געוואָלט. ס'איז געווען נישט קלאָר.

איינס האָט אַקסל אויף זיכער פאַרשטאַנען, — אַז גייסלער איז געווען אויף זיין צד די גאַנצע צייט.

— כ'האָב אַ סך פאַרוואָס צו דאַנקען אייך. — האָט ער געזאָגט, געבנדיק אים די האַנט.

— פאַרוואָס? — האָט גייסלער געפרעגט.

— וואָס הייסט, פאַר — פאַר דעם אַלעם.

גייסלער האָט עס געמאַכט בקיצור: — איך האָב לחלוטין גאָרנישט נישט געטון; ס'איז געווען איבעריק. — נאָר פון דעסטוועגן איז גייסלער נישט געווען אומצופרידן; ס'האָט אויסגעזען, ווי ער האָט געוואַרט אויף אַ דאַנק און האָט אים באַקומען. כ'האָב נישט קיין צייט צו שטיין און רעדן איצט, — האָט ער געזאָגט, קערסט זיך אום אַהיים מאָרגן, האַ? גוט. זיי מצליח. — און גייסלער איז אַריבער אויף דער צווייטער גאַס...

אויף דער שיף, פאָרנדיק אַהיים, האָט אַקסל געטראָפן דעם לענסמאַנד מיט זיין פרוי, באַרבראָ, און די צוויי מיידלעך, וואָס זענען געווען אַלס עדות.

— נו, — האָט פרוי הייערדאַל געזאָגט, — זענט איר נישט צופרידן, וואָס ס'האָט זיך אויסגעדרייט אַזוי גוט?

— יאָ, — האָט אַקסל געזאָגט, — ער איז צופרידן, וואָס ס'האָט שוין גענומען אַ סוף.

דער לענסמאַנד אַליין האָט אויך אַריינגעשטעלט אַ וואָרט און געזאָגט:

— דאָס איז דער צווייטער פאַל, זינט איך בין דאָ — דער ערשטער

מיט אינגעדן פון סעלאַבראַאַ און איצט דער פאַל. ניין, מען טאָר נישט פאַרשווייגן אַזעלכע מעשים — די גערעכטיקייט מוז זיך אַריינמישן.

נאָר פרוי הייערדאַל האָט אַפּנים געפילט, אַז אַקסל איז נישט געווען שטאַרק צופרידן מיט איר נעכטיקער רעדע, האָט זי איצט געפרוווט צו פאַרגלעטן די זאַך.

— איר האָט פאַרשטאַנען, גלייב איך, פאַרוואָס איך האָב געמוזט אַזוי אַרויסטרעטן קעגן אייך נעכטן?

— ה-מ — י-אָ — האָט אַקסל געזאָגט.

— איר האָט עס געוויס פאַרשטאַנען, איך ווייס. איר האָט דאָך נישט געקאָנט מיינען, אַז איך וויל מאַכן די לאַגע שווערער פאַר אייך. איך האָב אַלעמאָל געטראַכט גוטס וועגן אייך, און איך זאָג עס אייך גאַנץ אָפן.

— יאָ, — האָט אַקסל אָפּגעענטפערט, נישט מער. נאָר ער איז געווען צופרידן און גערירט פון אירע ווערטער.

— נו, יאָ, — האָט פרוי הייערדאַל געזאָגט. — איך האָב געמוזט אַ טייל שולד איבערוואַרפן אויף אייך, אַז נישט וואָלט באַרבראַ פאַרמשפּט געוואָרן און איר אויך מיט איר. ס'איז אַלץ געווען צוליב אייער ביידנס טובה וועגן.

— איך דאַנק אייך זייער, — האָט אַקסל געזאָגט.

— און טאַקע איך, נישט קיין אַנדערע, איז אַרומגעלאָפן אין שטאָט פון איינעם צום צווייטן און געטון אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט, פאַר אייך ביידע. און איר האָט געזען, ווי מיר האָבן אַלע זיך בעהאַלטן אין געריכט, מיר האָבן געמוזט זאָגן, אַז איר זענט אויך טיילווייז שולדיק, כדי צום סוף אייך ביידן צו באַפרייען.

— יאָ, — האָט אַקסל געזאָגט.

— זיכער האָט איר זיך נישט פאַרגעשטעלט אויף קיין איין רגע, אַז איך וויל שלעכטס טון אייך? ווען איך האָב גאָר אַלעמאָל געטראַכט וועגן אייך!

יאָ, דאָס איז געווען גוט צו הערן נאָך דעם גאַנצן אומכבוד. אַקסל איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט געפילט, ער מוז טון עפּעס, געבן פרוי הייערדאַל עפּעס אַ מתנה. אפשר אַ שטיקל פי אין האַרבסט ער האָט געהאַט אַ יונגן אָקס...

פרוי הייערדאַל האָט געהאַלטן וואָרט; זי האָט גענומען באַרבראַן צו זיך. נאָך אויף דער שיף האָט זי אַכטונג געגעבן אויף איר, געזען ס׳זאָל איר נישט זיין קאַלט, זי זאָל נישט זיין הונגעריק; און אויך אַכטונג געגעבן, אַז זי זאָל זיך נישט חברן מיטן שטייער־באַאַמטן פון בערגען. דאָס ערשטע מאָל האָט זי גאָרנישט געזאָגט, בלויז אַוועקגערופן באַרבראַן צו זיך. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז באַרבראַ ווידער געווען לעבן אים, געהאַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זײַט און געריידט בערגענער דיאַלעקט און געשמייכלט. דאַן האָט זי זי צוגערופן צו זיך און געזאָגט: — ווירקלעך, באַרבראַ, וואָלסטו זיך נישט געדאַרפט אויפפירן אַזוי צווישן מענער איצט. גדענק, וואָס דו ביסט נאָר וואָס איבערגעקומען און פון וואַנען דו ביסט אַרויס.

— איך האָב בלויז געשמועסט מיט אים אַ רגע, — האָט באַרבראַ בעזאָגט. — כ׳האָב געהערט, אַז ער קומט פון בערגען.

אַקסל האָט נישט געריידט צו איר. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז זי איז בלייך און אָפּגעצערט און האָט שיינע ציין איצט. זי האָט נישט געטראָגן קיין איינס פון זיינע פינגערלעך...

און אַצינד שפּאַנט אַקסל נאָכאַמאָל צוריק אַהיים. ס׳רעגנט און אַ ווינט בלאָזט, נאָר ער איז צופרידן; אַ שנייד־מאַשין מיט אַ בראָנע וואַרטן אויף אים אין האַפן; ער האָט זיי געזען. אָ, דער גייסלער! קיין איין וואָרט האָט ער נישט דערמאַנט אין שטאָט וועגן דעם, וואָס ער האָט געשיקט. יאָ, אַ מערקווירדיקער מענטש געווען גייסלער...

VIII

אַקסל האָט נישט געהאַט קיין איבעריקע צייט אויף צו רוען אינדערהיים, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן; די שווערע האַרבסט־רעגנס האָבן געבראַכט נייע זאָרג און נייע אַרבעט, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך גענומען: דער טעלעגראַף־אַפּאַראַט אויף זיין וואַנט האָט געלאַזט וויסן, אַז די ליניע איז באַשעדיקט.

אָ, ער האָט צופיל געחלשט נאָכן געלט, ווען ער האָט אָנגענומען דעם אַמט! ס'איז געווען ביטער באַלד פון אָנהייב אָן. ברעד אָלסען האָט אים גאַנץ קלאָר געדראָט, ווען ער איז געקומען צונעמען דעם אַפּאַראַט און די אַנדערע מכשירים; יאָ, ער האָט אים געזאָגט מיט די ווערטער: — ווילסט שוין אַפּנים גאָרנישט געדענקען, אַז איך האָב דיך מציל געווען פונם טויט ווינטער!

— אָלינאַ האָט מיך געראַטעוועט, — האָט אַקסל געענטפערט.

— האָ, אוודאי! האָב איך דיך נישט געטראָגן אַהיים אויף מייגע שוואַכע פלייצעס? יעדנפאַלס ביסטו געווען כיטרע גענוג אָפּצוקויפן מיין היים אין זומער און לאָזן מיך היימלאָז אין ווינטער. — יאָ, ברעד איז געווען טיף באַליידיקט; ער האָט פאָרגעזעצט:

— מעגסט נעמען דעם טעלעגראַף און דאָס גאַנצע ברוכוואַרג פון דער וואַנט. מיר ציִען זיך אַרויס אין דאָרף אַריין און הייבן דאָרט אָן

גאָר אַ נייע זאַך — דו ווייסט ניישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר וואַרט, וועסטו זען. ס'איז אַ מין איינפּאָר-הויז, וואו מענטשן קאָנען באַקומען צו טרינקען. דו וועסט שוין זען, ווי אַזוי מיר וועלן גאַנץ גוט אויסקו־מען. מ״ין פרוי קאָן פאַרקויפן עסנוואַרג און געטראַנקען, און איך וועל אַליין מאַכן עפּעס געשעפט און וועל נאָך פאַרדינען אַ סך מער, וויפיל דו פאַרדינסט דאָ. נאָר דו זאָלסט עס וויסן, אַקסל, אַז איך קאָן דיר געבן אָנטון שאָדן, איך קאָן צו גוט די טעלעגראַף-ליניע און ווייס ווי מען קאָן סלופּעס אומוואַרפן און דראָטן איבערש״ידן. און דאַן וועסטו מוזן לויפן פאַריכטן, און וואַרפן די נויטיקסטע אַרבעט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַקסל, און דו נעם זיך עס אין זי־נען...

אָט טאַקע איצט וואָלט אַקסל באַדאַרפט זיין אין דאָרף און אַרויפ־ברענגען די מאַשינען פונם האַפן — זיי זענען אַזוי שיין, אָפּגעגילט און באַמאָלט, ווי בילדער. ער וואָלט זיי גוט באַקוקט און זיך דערוואוסט ווי אַזוי צו באַנוצן זיי — נאָר איצט מוז ער זיי לאָזן וואַרטן. ס'איז נישט אָנגענעם צו לאָזן אַלע נויטיקע אַרבעטן און לויפן אַכטונג געבן אויף די טעלעגראַף-דראָטן. ס'איז אָבער פאָרט געלט...

אַרויפצו, העכער אויפן באַרג, טרעפט ער אָן אַראָנסענען. דער סוחר אַראָנסען שטייט און קוקט אין שטורם, אַליין ווי אַ זעונג, וואָס האָט ער דאָרטן געדאַרפט? ער קאָן נישט איינזיצן רו:ק אויף זיין אָרט; ער מוז אַליין גיין זען די שאַכט מיט זיינע אייגענע אויגן. ער טוט עס, באַטירלעך, בלויז אויס ערנסטער זאָרג פאַר זיין אייגענער און פאַר זיין פאַמיליעס צוקונפט. שטייט ער און באַטראַכט די נאַקעטע פאַרזויסטונג אויף די פאַרלאָזטע בערג; מאַשינען ליגן און זשאַווערן, פורן און מאַ־טעריאַלן אַלערליי, איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט — אַ טרויעריק בילד. וואו-נישט-וואו אויף די ווענט זענען געהאָנגען פּ אַקאַטן, אויפשריפטן, וואָס האָבן פאַרבאָטן צו טון שאָדן אָדער אוועקפירן דער געזעלשאַפטס אייגנ־טום-געצייג, פורן אָדער געביידעס.

אַקסל שטעלט זיך אָפּ אויסצורעדן עטלעכע ווערטער מיטן ברוגזן סוחר, און פרעגט אים, צי ער גייט אויף דער יאַגד.

— יאַגד? אָ, ווען איך וואָלט אים נאָר דערטאַפּט.

— אים? וועמען?

— אים, וואָס האָט רויִנירט מיך און אונז אַלע דאָ. אים, וואָס וויל נישט פאַרקויפן זיין באָדן און לאָזן אָנגיין מיט דער אַרבעט ווייטער.

— מיינט איר גייסלערן, אויב אַזוי?

— יאָ, אים מיין איך. מ׳וואָלט אים שיסן באַדאַרפט

אַקסל לאַכט און זאָגט:

— גייסלער, ער איז געווען אין שטאָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק; דאָרט האָט איר אים געקאָנט טרעפן. נאָר איך מיין, אַז איר מעגט אים בעסער לאָזן צורו.

— פאַרוואָס? — פרעגט אַראָן אין כעס.

— פאַרוואָס? איך האָב מורא, אַז ער וועט זיך אַרויסווייזן צו קלוג און איבערגעשפּיצט פאַר אייך.

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע אַזוי געטענהט, און אַראָנסען איז געוואָרן אַלץ מער אויפגערעגט. צום סוף האָט אַקסל מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— אָבער, יעדנפאַלס, וועט איר דאָך נישט אַזוי שלעכט זיין, און נעמען און אַנטלויפן און אונז דאָ לאָזן אַליין אין דער ווילדעניש?

— הי! וואָס מיינסטו, אַז איך קאָן דאָ פטרן מיין צייט אויף גאָרנישט אין אייערע זומפּן, און אפילו נישט פאַרדינען, וואָס אַ ליולקע קאָסט? — האָט אַראָן צאָרנדיק אויסגעשריגן. — געפין מיר אַ קונה און איך פאַרקויף גלייך.

— פאַרקויפן? — זאָגט אַקסל. — די ערד דאָ איז גאַנץ גוטע ערד, אויב זי ווערט נאָר באַאַרבעט געהעריק — און דאָס וואָס איר באַזיצט, איז גענוג אויף אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע.

— האָב איך נאָר-וואָס נישט געזאָגט, אַז איך וועל זיך צו איר נישט צורירן? — האָט אַראָנסען נאָכאַמאָל אויסגעשריגן — איך קען טון עפּעס בעסערס.

אַקסל האָט אַ זאָג געטון, אַז אויב אַזוי, וועט זיין לייכט צו געפינען אַ קונה; נאָר אַראָנסען האָט ביי זיך אויסגעלאַכט פון זיינע ווערטער:

— קיינער אין דער ווילדעניש דאָ האָט נישט אַזוי פּיל געלט אים אויסצוקויפן.

— נישט דאָ, איז אפשר ערגעץ-אנדערש-וואו?

— דאָ איז גאָרנישט נישטאָ, חוץ עלנט און אָרעמקייט, — האָט אַראָן פאַרביטערט געזאָגט.

— דאָס קאָן זיך אפשר זיין, — האָט אַקסל געזאָגט אַ ביסל באַליידיקט — נאָר יצחק פון סעלאַנראָא, ער קען אייך אויסקויפן צו יעדער צייט.

— איך גלויב נישט, — האָט אַראָנסען געזאָגט.

— ס'איז מיר אַלצאיינס, צי איר גלייבט, צי נישט, — האָט אַקסל געענטפערט און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

נאָר אַראָנסען האָט אים נאָכגעשריגן:

— היי, וואַרט צו אַ רגע! וואָס האָסטו געזאָגט — יצחק וואָלט אָפּגעקויפט סטאָרבאָרג?

— יאָ, — האָט אַקסל געענטפערט, — אויב ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן געלט. ער איז גענוג רייך אָפּצוקויפן פינף סטאָרבאָרגס.

אַראָנסען איז פריער געגאַנגען אַרום און אַרום, זיך האַלטנדיק ווייט פון סעלאַנראָא, זיך היטנדיק, מ'זאָל אים נישט דערזען; נאָר איצט אויף צוריקוועגס, איז ער אַהין אַריינגעגאַנגען און פאַרפירט אַ שמועס מיט יצחקן. נאָר יצחק האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ: ער האָט גאָר קיינמאָל וועגן דעם נישט געקלערט און קלערט אויך איצט נישט.

פונדעסטוועגן, אַז אלישע איז אַהיים געקומען צו ווייַנאַכטן, איז געוואָרן גרינגער צו רעדן מיט יצחקן. אמת, ער האַלט עס פאַר אַ משוגעת צו אָפּקויפן סטאָרבאָרג, ער האָט גאָר וועגן דעם נישט געקלערט; נאָר דאָך, אויב אלישע מיינט, אַז ער וואָלט געקאָנט עפּעס אויפטון דאָרטן, נו, קאָן מען זיך מישב זיין וועגן דעם.

אלישע אַליין האָט זיך געוואַקלט; ער איז נישט גערן דאָס קויפן, אָבער נישט קעגן אויך. אויב ער זאָל זיך באַזעצן דאָ אינדערהיים, דאַן לאָזט זיך זיין קאַריערע אויס מיט גאָרנישט. ס'איז נישט דאָס, וואָס אַן שטאָט. אין האַרבסט, ווען אַ סך חברה פון דאָרף זענען געקומען אין שטאָט צום רעקרוטן-קאָנטראָל, האָט ער זיך אויסגעהיט נישט צו ווייזן

זיך צווישן זיי; ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט דאָרפס-יונגען; זיי האָבן געהערט צו אַן אַנדערע וועלט. און איצט זאָל ער זיך אַליין אומקערן צו דער זעלבער וועלט?

אינגער איז דורכאויס באַשטאַנען אויף אָפּקויפן דאָס אָרט; סי־ווערט האָט אויך געהאַלטן, אַז ס'וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך. זיי האָבן ביידע צוגערעדט אַלישען און אין איינעם אַ טאָג זענען זיי אַלע דריי אַרונטערגעפאָרן קיין סטאַרבאָרג אָנצוקוקן דאָס ביי־וואונדער מיט די אייגענע אויגן.

אָבער ווי נאָר ס'האָט זיך געוויזן אַן אויסזוכט אויף פאַרקויפן, איז אַראָנסען געוואָרן אַן אַנדערער מענטש; ער איז גאָר נישט געצוואונגען פּטור צו ווערן פון אָרט, באין אופן נישט. אויב ער זאָל אַפילו אַוועק־פאָרן, קאָן דאָס אָרט בלייבן ווי עס איז; ס'איז אַן ערשט־קלאַסיק אָרט, ער וועט עס קאָנען פאַרקויפן, ווען ער וועט וועלן.

— איר וועט מיר נישט געבן מיין פּרייז, — האָט אַראָנסען גע־זאָגט.

זיי האָבן אָנגעקוקט דאָס הויז און געוועלב, די סקלאַדעס און די קאַמערן, און געזען די אָרימע רעשטלעך סחורה, וואָס זענען באַשטאַ־נען פון עטלעכע האַרמאָניקעס, זייגער-קייטעלעך, שאַכטלעך קאָלירט פּאַ־פּיר, לעמפּלעך מיט אָנגעהאָנגענע באַצירונגען, אַלץ סחורה, וואָס מ'האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרקויפן צווישן די פאַרשטענדיקע לייט, וואָס האָבן געלעבט דאָ אויף זייער ערד. ס'זענען דאָרטן נאָך געווען אַ פּאָר קעסטלעך מיט טשוועקעס און אַ ביסל ציץ, און דאָס איז געווען אַלץ.

אַלישע האָט זיך געהאַלטן ערנסט און באַקוקט די זאַכן מיט אַ מינע פון אַ פאַכמאַן. — דאָס אַלץ וועט מיר גאָרנישט צונוץ קומען, — האָט ער געזאָגט.

— נו, איז האָט איר די ברירה נישט צו קויפן עס, — האָט אַראָנסען געענטפערט.

— יעדנפאַלס, קאָן איך אייך אָנבאָטן פופצען הונדערט קראָנען פאַר דעם פּלאַץ, ווי ער גייט און שטייט, מיט דער סחורה, מיטן לעבעדיקן אינווענטאַר, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער — האָט אַלישע געזאָגט. אָ, ער

איז געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק; זיין אַרבעט איז בלויז אַן אָנשטעל געווען, כדי עפּעס צו זאָגן.

און זיי זענען געפאָרן צוריק אַהיים. פון דער זאַך איז גאָרנישט געוואָרן; אלישע האָט געמאַכט אַ לעכערלעכן אָנבאָט, וועלכן אַראָנסען האָט אָנגענומען אַלס אַ באַליידיקונג. — איך וויל גאָרנישט הערן, וואָס דו רעדסט, יונגערמאַן, — האָט אַראָנסען געזאָגט; יאָ, אים געזאָגט „דו", אים באַטראַכט ווי אַן איבערגעוואַקסן יינגל, וואָס האָט זיך אײַן שטאָט אָנגענומען מיט גאווה און וויל לערנען אים, אַראָנסענען, די ווערט פון סחורה.

— איך האָב, דאַכט זיך, מיט אייך אויף ברודערשאַפט נישט געטרונקען, — האָט אלישע געזאָגט אויך באַליידיקט. אָ, זיי וועלן שוין זיין שונאים אויפן גאַנצן לעבן!

נאָר וואָס איז עס אַראָנסען אַזוי איינגעשפּאַרט די גאַנצע צייט און מאַכט זיך, ווי ער דאַרף גאָרנישט פאַרקויפן? ס'איז געווען אַ טעם דערביי; אַראָנסען האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ שטיקל האָפענונג.

אין דאָרף איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג צו באַטראַכטן די לאַגע, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס גייסלער וויל נישט פאַרקויפן זיין חלק שאַכטן־באָדן. ס'זענען געווען נישט נאָר די אַרומיקע ישובניקעס, וואָס האָבן דירעקט געליטן פון דעם, — ס'איז אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער געגנט.

נאָר פאַרוואָס האָבן מענטשן נישט געקאָנט לעבן ווייטער אַזוי וואויל אָדער אַזוי געמיין ווי פריער, איידער ס'איז גאָר אינגאַנצן געווען אַ שאַכט? זיי האָבן נישט געקאָנט! זיי זענען צוגעוואוינט געוואָרן צו בעסערער שפּייז, צו פיינער ברויט, צו געקויפטע ריינע מלבושים און צו העכערע שכירות, יאָ, מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט צו ציילן געלט בעסער, דאָס איז עס געווען. און איצט, אַז דאָס געלט האָט ווידער געפעלט, אַז ס'האָט זיך אָוועקגעגליטשט ווי אַ מחנה הערינג צוריק צום ים — איז פאַר אַלעמען געוואָרן אַ צרה, אַן אומגליק. און וואָס האָט מען געקאָנט טון?

ס'איז אין דעם קיין ספק נישט געווען: עקס־לענסמאַנד גייסלער האָט זיך נוקם געווען אינם דאָרף דערפאַר, וואָס מען האָט געהאָלפן אים אָפּצוזאָגן פון זיין אמט; און ס'איז אויך געווען קלאָר, אַז זיי האָבן

אים נישט דערשאַצט דענסטמאָל. און איצט האָבן זיי דעם פסק, דורך אַזאַ פשוט מיטל, ווי פאַרלאַנגען אַ הויכן פרייז פאַר זיין שטיקל באָדן, איז אים געלונגען אָפּצושטעלן די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער געגנט. יאָ, אַ פעסטער מענטש! אַקסל שטרעם פון מאַאַנענלאַנד האָט דאָ גע־קאָנט עפּעס זאָגן; ער האָט דער לעצטער געזען גייסלערן. ברעדס טאָכ־טער, באַרבראָ, האָט געהאַט אַ פּראָצעס אויף זיך אין שטאָט, און איז אַרויס פריי, און גייסלער האָט זיך געפונען אין געריכט די גאַנצע צייט! און אויב זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳איז שוין אויס גייסלער, אַז ער איז אַ צעבראָכענער מענטש, האָבן זיי נאָר געדאַרפט אַ קוק טון אויף די מאַשינען, וואָס דער זעלביקער גייסלער האָט צוגעשיקט אַ מתנה אַקסלען!

דער מענטש האָט געהאַלטן איצט דעם גורל פון דער גאַנצער געגנט אין זיין האַנט; זיי וועלן מוזן קומען צו אַן אויסגלייך מיט אים. וואָס פאַר אַ פרייז וועט גייסלער שליסלעך זיין געצייגט אָנצונעמען? זיי מוזן עס וויסן, יעדנפאַלס. די שוועדן האָבן אים אָנגעבאָטן פינף און צוואַנציק טויזנט — גייסלער האָט אָפּגעוואָרפן. איז ווי וואָלט געווען, למשל, ווען דאָס דאָרף, די געמיינדע זאָל פון איר זייט אויך עפּעס צו־געבן, כדי די אַרבעט זאָל זיך ווידער אָנהייבן? אויב ס׳איז נאָר נישט אַזאַ געוואַלטיקע סומע, וואָלט זיך עס געלוינט. דער סוחר פון דאָרף און אַראָנסען פון סטאָרבאָרג וואָלטן גערן געגעבן צושטייער שטיל־הייט אויף אַזאַ פאָנד. עס וואָלט זיך זיי מיט דער צייט גוט אָפּגע־צאָלט.

דער סוף איז געווען, אַז צוויי מענטשן זענען דעלעגירט געוואָרן צו טרעפן זיך מיט גייסלערן און זיך אויספירלעך דורכרעדן מיט אים. און מ׳האָט זיי אינגיכן דערוואַרט צוריק.

און מחמת דעם, האָט ביי אַראָנסענען נאָך געגליט אַ פונק פון האָפ־נונג, און ער האָט געטראַכט, אַז ער קאָן נאָך באַשטיין צו האַלטן זיך ווירדיק מיט דעם, וואָס וויל אָפּקויפן סטאָרבאָרג, נאָר דאָס האָט נישט געדויערט לאַנג.

אין אַ וואָך אַרום איז די דעלעגאַציע צוריקגעקומען מיט אַ קאַ־טעגאָרישן אָפּזאָג. אָ, זיי זענען באַגאַנגען די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט באַגיין, ווען זיי האָבן אויסגעקליבן ברעדן אַלס

איינעם פון דער דעלעגאַציע — און געקליבן האָבן זיי אים, וואָרום ער האָט מגרינגסטן געקאָנט אָפּשפּאָרן צייט דערויף. זיי האָבן גע-פּוגען גייסלערן, נאָר ער האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געלאַכט. — פאָרט צוריק אַהיים, — האָט ער זיי געזאָגט, און האָט זיי באַצאָלט די קאָסטן פון דער רייזע.

זאָל די גאַנצע געגנט אַזוי טאַקע אונטערגיין?

נאָכדעם ווי אַראָנסען האָט זיך געכעסט אַ שטיקל צייט און גע-וואָרן אַלץ מער און מער פאַרצווייפלט, איז ער אין איינעם אַ טאָג אַרויפ-געגאַנגען קיין סעלאַגראַאַ און געשלאָסן דאָס געשעפט, יאָ, אַראָנסען האָט עס געטון. אלישע האָט עס געקראָגן פאַר דעם פּרייז, וואָס ער האָט געבאָטן; די ערד און דאָס הויז מיט די קאַמערן, דעם לעבעדיקן אינ-ווענטאַר און די סחורה — פאַר פופצען הונדערט קראָנען. אמת, דורכ-קוקנדיק דעם אינווענטאַר שפּעטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַראָנסענס פרוי האָט פאַרניצט כמעט דעם גאַנצן ציץ פאַר זיך; נאָר אַזעלכע קליי-ניקייטן האָבן ווייניק וואָס געקירט אַ מענטשן ווי אלישע. ס'לוינט נישט צו ערגערן זיך איבער דעם, האָט ער געזאָגט.

דאָך איז אלישע נישט געווען אינגאַנצן צופרידן. זיין צוקונפט איז שוין געווען אָפּגעהתמעט, ער וועט זיך אַליין באַגראָבן אין דער ווילדעניש. ער מוז אויפגעבן זיינע גרויסע פּלענער; ער איז שוין מער נישט קיין יונגער הער פון אַ קאַנטאָר, ער וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין לענסמאַנד, אפילו נישט וואוינען מער אין קיין שטאָט. פאַרן פאָטער און פאַר די איבעריקע אין הויז האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז זייער שטאָלץ, וואָס ער האָט באַקומען סטאָרבאָרג פאַר דעם זעלבן מקח, וואָס ער האָט אָנגעבאָטן — דאָס זאָל זיי וויזן, אַז ער האָט גע-וואוסט, וואָס ער האָט געטון! נאָר דער קליינער טריומף האָט נישט געדויערט לאַנג. ער האָט אויך געהאַט אַ באַפרידיקונג פון דעם, וואָס ער האָט איבערגענומען אַנדרעסענען, דעם אָנגעשטעלטן. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער מציאה. אַראָנסען האָט אים מער נישט געדאַרפט, ביז ער וועט נישט עפענען קיין נייע קראָם. ס'איז אים געווען אָנגענעם, ווען אַנדרעסען איז אַרויפגעקומען פרעגן, צי קאָן ער בלייבן אויף ווייטער; דאָ האָט אלישע זיך דערפילט פאַר באַלעבאָס — צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

— איר קאָנט פֿאַרבלייבן, יאָ, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל זיך נויטיקן אין אַ געהילף, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויפֿן אָרט, ווען איך וועל זיין אָפּוועזנד צוליב געשעפֿט — אָנקניפּנדיק פֿאַרבינדונגען אין בערגען און אין טראָנדהיים.

און אַנדרעסן האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט קיין שלעכטן יונג. ער איז געווען אַ גוטער אַרבעטער, און גוט אַכטונג געגעבן, ווען אלישע איז נישט געווען.

בלויז די ערשטע צייט איז ער געווען גענייגט אַ ביסל צו באַרימען זיך און שפּילן די ראָל פֿון אַ גרויסן מאַן, און דאָס איז געווען די שולד פֿון זיין באַלעבאָס אַראָנסען. אָבער איצט איז שוין געווען אַנדערש. אין פֿרילינג, ווען די זומפּן זענען אָפּגעגאַנגען אַ ביסל פֿון פֿראָסט, איז סיוּוערט געקומען פֿון סעלאַנראַא קיין סטאָרבאָרג, כּדי אָנצוהייבן מאַכן גראַבנס. — און זע, אַנדרעסן איז אַליין אַרויסגעקומען העלפֿן גראָבן. גאָט ווייסט, וואָס עס האָט אים באַוועגט דאָס צו טון, ווייל ס'איז נישט געווען זיין אַרבעט; אַזאַ מענטש איז ער געווען. דער שניי איז נאָך נישט געווען צעגאַנגען טיף גענוג, און זיי האָבן נישט געקאָנט גראָבן אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט, נאָר יעדנפֿאַלס איז עפּעס געווען אויפֿגעטון. דאָס איז געווען יצחקס לאַנגאָניקער געדאַנק — אויסצוטריקענען די זומפּן אין סטאָרבאָרג און באַאַרבעטן די ערד ווי געהעריק. דאָס שטיקל קראָם האָט געדאַרפֿט זיין מער נישט ווי אַ צוגאָב, אַ נעבן זאַך, איינצושפּאָרן מענטשן צו שלעפּן זיך אין דאָרף אַריין נאָך אַ שפּולקעלע פֿעדים.

סיוּוערט מיט אַנדרעסענען זענען געשטאַנען און געגראָבן און זיך דורכגערעדט יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט רוען אַ ביסל. אַנדרעסן האָט דערטאַפּט ערגעץ־וואו אַ גאָלדענע מטבע, אַ צוואַנציק־קראָנען שטיק, און סיוּוערט וואָלט געוואָלט דאָס גאָלדשטיק האָבן פֿאַר זיך; נאָר אַנדרעסן וועט זיך נישט צעשיידן מיט דעם — ער האָט עס געהאַלטן איינגעוויקלט אין פּאַפּיראָס־פּאַפּיר אין זיין קופֿערט. סיוּוערט האָט פֿאָרגעשלאָגן, זיי זאָלן זיך באָרן פֿאַרן געלט — זען, ווער וועמען וועט אָוועקלייגן; נאָר אַנדרעסן וועט נישט ריזיקירן. סיוּוערט האָט געוואָלט שטעלן אין קאָן צוואַנציק קראָנען אין אַסיגנאַציעס און אָפּטון

אליין אינגאַנצן די גראָב־אַרבעט, אויב ער וועט געווינען; נאָר אַנדרעסן האָט זיך באַליידיקט פון דעם. — הא, — האָט ער געזאָגט, — און דו וועסט גיין אַהיים און זאָגן, אַז איך טויג נישט צו דער אַרבעט. — צו־לעצט זענען זיי דורכגעקומען צו שטעלן פינף און צוואַנציק קראָנען אין אַסיגנאַציעס קעגן דעם גאָלד־שטיק, און סיווערט איז אוועקגעלאָפן אַהיים יענע נאַכט, צו בעטן ביי זיין פאָטער דאָס געלט.

אַ יינגלשער איינפאַל, די לוסטיקע שפּיל פון יוגנט! אויף־זיין אַ אַ נאַכט, מאַכן אַ וועג פון אַ מייל אַהין און אַ מייל צוריק, און אויף מאָרגן ווידער אָפּאַרבעטן דעם גאַנצן טאָג — ס'האָט גאָרנישט אויסגעמאַכט פאַר סיווערטן, אַ שיינענדיק גאָלדשטיק איז אַלץ ווערט. אַנדרעסן איז געווען אויפגעלייגט צו וויצלען זיך אַ ביסל איבער דעם עסק, נאָר סיווערט האָט געהאַט אַן עצה דערצו; ער האָט נאָר געדאַרפט לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן לעאָפּאָלדינאַן: — יאַ, כ'האָב ש׳ער נישט פאַרגעסן, לעאָפּאָלדינאַ האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר... — און אַנדרעסן האָט באַלד אויפגע־הערט צו וויצלען זיך און געוואָרן רויט.

אָנגענעמע טעג זענען עס געווען פאַר זיי ביידן, בשעת זיי האָבן געטריקנט דעם באָדן, געגראָבן און געפירט לאַנגע וכוחים אויף אַ שפּאַס, און ווידער געאַרבעט און ווידער געשמועסט. ווען־נישט־ווען איז אויך אלישע אַרויסגעקומען העלפן, נאָר ער איז באַלד מיד געוואָרן. אלישע האָט נישט געהאַט נישט קיין כוח און נישט קיין ווילן צו דער אַרבעט, נאָר ביי דעם אַלעם אַ גאַנץ גוטער יונג...

— אָט קומט אָלינאַ, — פלעגט סיווערט דער לץ זאָגן, — איצט וועסטו דאַרפן אַריינגיין פאַרקויפן איר אַ האַלב פונט קאַווע. — און אלישע איז געווען גאַנץ גוט צופרידן אַוועקצוגיין. פאַרקויפן אָלינאַן וואָסער נישט איז קלייניקייט האָט באַטייט עטלעכע מינוטן אָפּרו פון דעם וואַרפן די שווערע קלומפּעס ערד.

און די אָרעמע אָלינאַ האָט געמוזט האָבן אַ ביסל קאַווע פון צייט צו צייט. געלט דערויף האָט זי שוין ווי ס'איז אַרויסבאַקומען פון אַקסלען, אָדער זי האָט אויסגעביטן אַ קעז אויף געלט. אָלינאַ איז שוין אויך נישט געווען די, וואָס פריִער; די אַרבעט אין מאַאַנענלאַנד איז געווען צו שווער פאַר איר; זי איז געווען אַלט, און עס האָט זיך אָנגעזען אויף איר. נישט

וואָס זי האָט חלילה ווען נישט איז אַליין דערקענט איר שוואַכקייט אָדער עלטער; האַ! זי וואָלט שוין געפֿונען געגוג וואָס צו טענהן, ווען אַקסל זאָל זי אָפּזאָגן. איינגעשפּאַרט און קריגעריש איז זי געווען, געטון איר אַרבעט און נאָך געהאַט צייט אַרומצוגיין צווישן די שכנים און כאַפּן אַ גוטן שמועס. דאָס איז געווען איר באַשיינפּערלעך רעכט, וואָרום אין מאַאַנעלאַנד האָט זי ווייניק וואָס געקאָנט רעדן; אַקסל איז נישט געווען פֿון די רעדעוודיקע.

וואָס איז שייך דעם באַרבראָ-פּראָצעס, איז אָלינאַ געווען אומצופֿרידן, אַנטוישט. ביידע פֿרייגעשפּראָכן! אַז ברעדס טאָכטער באַרבראָ, זאָל אומגיין פֿראַנק און פֿריי, בשעת אינגער פֿון סעלאַנראַאַ איז פֿאַראורטיילט געווען אויף אַכט יאָר — דאָס האָט אָלינאַן נישט געשמעקט; זי האָט גאָרנישט געהאַט קיין קריכטלעכן פֿאַרדרוס פֿון אַזאַ גוטסקייט — „נאָר גאָט דער האַר האָט נאָך זיין משפּט נישט אַרויסגעגעבן" — האָט אָלינאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי פֿאַרויסזאָגנדיק גאָטס שטראָף אויף שפּעטער. נאַטירלעך, האָט אָלינאַ נישט געהאַלטן בסוד איר אומצופֿרידנקייט מיטן אורטייל, ווער שמועסט נאָך, ווען זי האָט זיך דורכגעווערטלט מיט איר באַלעבאָס, מיט אַקסלען, איבער עפּעס אַ קלייניקייט. דאַמאָלס פֿלעגט זי מאַכן פֿאַרשידענע אָנצוהערענישן אויף איר ווייך-בוימלדיקן שטייגער, רעדן מיט ביטערן סאַרקאַזם:

— יאָ, ס'איז מאָדנע, ווי אַזוי דאָס געזעץ האָט זיך געביטן היינטיקע צייטן, קעגן דער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון סדום און עמורה; נאָר איך האַלט זיך ביי גאָטס געבאָטן, אַזוי ווי שטענדיק.

אָ, אַקסל איז שוין מיד און קראַנק געווען פֿון איר, און זיך געוואונטשן צו זען זי ערגעץ אַנדערש־וואו. בפֿרט איצט, ווען דער פֿרילינג דערנענטערט זיך, און ער וועט ווידער מוזן די גאַנצע פֿעלד־אַרבעט טון איינער אַליין; דער היי־שניט וועט אָנקומען, און וואָס זאָל ער טון? ס'איז געווען אַ ביטערע לאַגע! זיין ברודערס פֿרוי פֿון ברייטאַבליק האָט געשריבן אַהיים קיין העלגאָלאַנד, אפֿשר קאָן מען דאָרטן קריגן אַ שטובפֿרוי פֿאַר אים, נאָר ביז איצט האָט זיך פֿון דעם גאָרנישט נישט אויסגעלאָזט. און אויף יעדן פֿאַל וואָלט ער געדאַרפֿט באַצאָלן פֿאַר איר נסיעה.

— ניין, ס'איז געווען אַ געמיין און בייז שפּיצל פון באַרבראַן פּטור צו ווערן פונם קינד און דערנאָך אַליין אַוועקלויפן. אַ זומער און צוויי ווינטערן שוין, אַז ער איז געצוואונגען אויסצוקומען מיט אַלינאַן, און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך ווייטער. און באַרבראַ, די בריאה, האָט עס זי געאַרט? ער האָט זיך דורכגערעדט מיט איר אין דאַרף איינמאָל ווינטער, נאָר אפילו קיין איין טרער האָט נישט אַראָפּגערינען פון אירע אויגן און נישט פאַרקילט געוואָרן אויף אירע באַקן.

— וואָס האָסטו געטון מיט די פינגערלעך, וואָס איך האָב דיר גע־געבן? — פרעגט ער.

— פינגערלעך?

— יאָ, די פינגערלעך.

— איך האָב זיי נישט מער.

— האָ, איז האָסטו זיי נישט מער?

— צווישן אונז איז געווען אַלץ געענדיקט, — האָט זי געזאָגט. — און איך האָב זיי נישט געקאָנט מער טראָגן. ס'פּאַסט נישט אַרומצוגיין מיט פינגערלעך, ווען אַלץ איז אויס.

— מילא, איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן, וואו דו האָסט זיי אַהינ־געטון.

— האָסט געוואָלט, איך זאָל זיי דיר אומקערן אפשר? — האָט זי געזאָגט. — איך האָב דיך קיינמאָל אויף אַזוי פיל געמיי נישט גע־האַלטן.

אַקסל האָט געקלערט אַ רגע און געזאָגט.

— איך וואָלט דיר געווען באַצאָלט פאַר זיי, דו וואָלסט זיי נישט אומזיסט אָפּגעגעבן.

נאָר ניין, באַרבראַ האָט די פינגערלעך געפּטרט, און אפילו נישט געגעבן אַקסלען די געלעגנהייט צו איינשאַפן זיך אַ גאָלדן אָדער אַ זיל־בערן פינגערל פאַר אַ ביליקן פּרייז.

איבעריקנס, איז באַרבראַ נישט געווען מיאוס און גראָב, דאָס נישט, זי האָט געטראָגן אַ לאַנג פאַרטוך, פאַרבונדן איבער די אַקסלען, מיט פאַלדן ביי די ברעגן און מיט אַ שמאָל פּאַסעקל פון ווייסן ציץ אַרום איר האַלז — יאָ, זי איז געווען שיין. מ'האָט שוין אפילו געשמו־

עסט, אַז זי גייט אַרום מיט אַ יונג פּונם דאָרף, נאָר דאָס איז געווען מער נישט ווי לשון הרע. פרוי הייערדאַל האָט געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג איבער איר און זי נישט געלאָזט דאָס יאָר גיין צו די ווייַנאַכטן־טענץ.

יאָ, פרוי הייערדאַל איז געווען גענוג פּאַרזיכטיק. בשעת אַקסל איז געשטאַנען און גערעדט מיט באַרבראַן וועגן די צוויי פינגערלעך, האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן פרוי הייערדאַל און געזאָגט:

— באַרבראַ, איך האָב געמיינט, אַז דו גייסט אין קיך אַריין?

גייט באַרבראַ אַוועק, און איר באַלעבאָסטע דרייט זיך אויס צו אַקסלען און זאָגט:

— קאָנסט מיר אפשר פאַרקויפן עפּעס אַ בהמהלע אויף פלייש?

— מ-מ, — האָט אַקסל בלויז דורכגעמורמלט, זיך העפלעך גע־גריסט.

דאָס האָט דאָך פרוי הייערדאַל אים אַזוי געליובט לעצטן האַרבסט, געזאָגט, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער יונג, אַז זי האַלט פון אים גאָר אַן אַ שיעור; און אַזאַ באַציִונג איז געוויס עפּעס ווערט. אַקסל האָט גע־וואוסט דעם סדר העולם, ווי מען דאַרף זיך פירן, ווען מען דאַרף אָנ־קומען צו העכערע, צו באַאַמטע, און ער האָט נאָך דאַמאָלס גלייך אַ קלער געטון וועגן אַ בהמהלע, וואָס ער זאָל מקריב זיין. נאָר דערווייל איז זיך די צייט געגאַנגען, אַ חודש נאָך אַ חודש, דער האַרבסט איז אַריבער, און ער האָט אַלץ געזשאַלעוועט דאָס שטיקל פי. און נאָך אַלע־מען, וואָס וועט זיין, אַז ער וועט עס לאָזן פאַר זיך? — זאָל ער עס אַוועקגעבן, וועט ער בלויז האָבן ווייניקער מיט אַ בהמה. און ס'איז אַ וואויל בהמהלע...

— ה-מ, אַ גוטן טאָג. ניין, — האָט אַקסל געענטפערט, שאַקלענ־דיק מיטן קאָפּ: ער האָט היינט נישט קיין שלאַכט־פי.

נאָר פרוי הייערדאַל האָט, ווייזט אויס, געטראָפן זיינע געדאַנקען, ווייל זי האָט געזאָגט: — כ'האָב געהערט, אַז איר האָט אַ יונגן אָקס

— יאָ, איך האָב איינעם, — האָט אָקסל געענטפערט.
— האָט איר בדעה צו האַלטן אים?
— יאָ, איכ׳ל אים נאָך האַלטן דערווייל.
— איך פאַרשטיי, און קיין שאָף צו קוילן האָט איר נישט?
— אַצינד האָב איך נישט. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרמאָגט מער, וויפיל מ׳דאַרף האָבן אויף דער פערמע.

—יאָ, איך פאַרשטיי, — האָט פרוי הייערדאַל געזאָגט; — גוט, און איז זיך אַוועקגעגאַנגען איר וועג.

אָקסל איז געפאָרן אַהיים, נאָר ער האָט נישט געקאָנט נישט טראַכטן וועגן דעם שמועס; ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער האָט ער געמאַכט אַ פאַלשן שריט. דעם לענסמאַנדס פרוי איז דאָך געווען אַזאַ וויכטיקער עדות; פאַר, די קעגן אים, נאָר וויכטיק סיי-ווי. ער האָט דורכ-געלעבט אַזאַ שווער שטיקל צייט און איז צום סוף אַרויסגעקראָכן — אַרויסגעקראָכן פון זייער אַ מיאוסער געשיכטע; אפשר זאָל ער פאָרט מקריב זיין דאָס שטיקל פי.

און מאָדנע, אָט דער געדאַנק האָט זיך ביי אים עפעס פאַרבונדן מיט באַרבראָן. אַז ער וועט ברענגען אַ בהמהלע פאַר איר באַלעבאָסטע, וועט עס זיכער מאַכן אַ רושם אויף באַרבראָן.

נאָר ווידער זענען טעג פאַרגאַנגען, ער האָט ווידער אַלץ אָפּגע-לייגט, און קיין שום בייז האָט חלילה נישט פּאַסירט. דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז געפאָרן אין דאָרף אַריין, האָט ער ווידער נישט געהאַט קיין בהמה מיט זיך אויף דער פור; נאָר שוין אין לעצטן מאָמענט האָט ער גענומען אַ שעפעלע; ס׳איז געווען אַ היפּש שעפעלע, נישט אַבי וואָס, און ער האָט עס אַוועקגעגעבן מיט די דאָזיקע ווערטער:

— אָקסן-פלייש איז האַרט, איך האָב געוואָלט אייך ברענגען עפּעס גוטס.

נאָר פרוי הייערדאַל וויל אפילו נישט הערן וועגן אַ מתנה. — זאָגט, וויפיל איר ווילט פאַר דעם, — האָט זי געזאָגט. אָ, אַ פיינע פרוי איז זי, נעמט נישט קיין מתנות פון מענטשן! און דער סוף איז געווען, אַז אָקסל האָט באַקומען אַ גוטן פּרייז פאַר זיין שעפעלע.

באַרבראָן האָט ער דאָס מאָל גאָרנישט געזען.

דעם לענסמאַנדס פרוי האָט אים געזען אָנקומען, און זי האָט זי־ אויפגעשיקט פון שטוב.

מילא, זאָל איר גאָט אָפּדאַנקען, באַרבראָן, וואָס האָט איר געלאָזט אָן הילף גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר!

IX

בעם פרילינג האָט עפּעס אומדערוואַרטס און זייער וויכטיקס פּאַסירט — מען שטעלט זיך ווידער אַרבעטן אין דער שאַכט; גייסלער האָט פאַרקויפט זיין באָדן. אומבאַגרייפלעך! גייסלערן האָט מען נישט געקאָנט דערגרינטעווען; ער האָט געקאָנט האַנדלען אַ מציאה אָדער פאַרלירן און תמיד דעם זעלבן שאָקל טון מיטן קאָפּ, אויף „ניין", צי אויף „יאָ". ער האָט געקאָנט מאַכן, אַ גאַנץ דאָרף זאָל ווידער שמייכלען אָנהייבן.

דאָס געזיסן האָט אים געפּלאָגט, אפשר; ער האָט נישט געקאָנט מער צוזען, ווי די געגנט, וואו ער איז אַמאָל געווען לעגנסמאַנד, ווערט אויסגעהונגערט אויף היימיש-געמאַכטער קאַשע און איז געענגט אין געלט. אָדער האָט ער אפשר באַקומען זיין פערטל מיליאָן? ס'איז אויך מעגלעך, אַז גייסלער אַליין האָט צום סוף אָנגעהויבן זיך פילן געענגט אין געלט, און איז געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן פאַר וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט קריגן. פינף-און-צוואַנציק אָדער פופציק טויזנט האָבן זיך אויך נישט געוואַלגערט אין די גאַסן, נאָך אַלעמען. חוץ דעם האָבן, זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דאָס האָט זיין עלטסטער זון געשלאָסן דאָס געשעפט אויף זיין פאָטערס חשבון.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, די אַרבעט וועט מען צוריק אָנהייבן; דער זעלבער אינזשיניער איז ווידער געקומען מיט זיינע גרופּעס אַר־בעטער, און די אַרבעט איז אַוועק אויפסניי. די זעלביקע אַרבעט, יאָ, נאָר גאָר אויף אַן אַנדערן אופן.

אַלץ האָט אויסגעוויזן צו זיין אין דער זעלבער אָרדנונג, ווי פריִער. די שוועדישע שאַכטן-אייגנטימער האָבן אַראָפּגעבראַכט זייערע אַרבעטער, און דינאַמיט און געלט — וואָס נאָך האָט געקאָנט פעלן? אפילו אַראָנ־סען איז צוריקגעקומען, אַראָנסען דער סוחר, און האָט געוואָלט צוריק אָפּקויפן סטאָרבאָרג ביי אלישען.

— ניין, — האָט אלישע געזאָגט, — איך פאַרקויף נישט.

— איר וועט פאַרקויפן, רעכן איך, אַז מען וועט אייך אַ גוטן פרייז געבן.

— ניין.

ניין, אלישע האָט נישט געהאַט בדעה צו פאַרקויפן סטאָ־באָרג. דער אמת איז, אַז ער האָט אַ ביסל געענדערט איצט זיין מיינונג וועגן זיין מצב; נאָך אַלעמען, איז גאַרנישט אַזוי שלעכט צו זיין דער אייגנטימער פון אַ געשעפט אין די בערג; ער האָט געהאַט אַ פיינע ווערענדע מיט קאָלירטע פענסטער און אַן אַנגעשטעלטן אויף צו טון די גאַנצע אַרבעט, און אַליין האָט ער געקאָנט אַרומפאָרן. יאָ, פאָרן מיט דער ערשטער קלאַס, מיט פיינע לייט צוזאַמען. אַמאָל וועט ער נאָך אפשר פאָרן אַזוי ווייט, ווי קיין אַמעריקע — ער האָט וועגן דעם אָפט געטראַכט. אפילו די קליינע נסיעות צוליב געשעפט אין די שטעט אין דרום זענען אויך געווען עפּעס, וואָס מ'האָט געקאָנט מיט זיי לעבן. אַ לענגערע צייט נאָך דעם. ער איז נישט געוואָרן צעלאָזן חלילה, נישט געדונגען קיין שיפן פאַר זיך אַליין און נישט געפּראַוועט קיין ווילדע אָרגיעס אויפן וועג — אָרגיעס זענען נישט געווען אין זיין נאַטור. אַ מאַדנער בחור איז געווען אלישע, מיידלעך זענען אים שוין מער נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט די אַלע זאַכן געלאָזט אין אַ זייט, פאַרלוירן דעם אינטערעס צו זיי. אָבער ער איז געווען דעם מאַרקגראַפס זון, און געפאָרן מיטן ערשטן קלאַס, און איינגעקויפט טראַנספּאָרטן סחורות. און יעדעס מאָל איז ער צוריק־געקומען פון וועג אַ ביסל פיינע ווי פריִער, אַ גרעסערער מענטש; דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך אומגעקערט מיט קאַלאָשן אויף די שיך. —

וואָס איז דאָס — טראָגסט שוין צוויי פּאָר שיך? — האָט מען אים גע־פרעגט.

— יאָ, כ'האָב לעצטנס אָנגעהויבן צו ליידן פון קעלט אין די פיס, — ענטפערט אלישע.

און יעדער איינער האָט געהאַט מיטלייד אויף זיינע פאַרקילטע פיס.

הערלעכע טעג — אַ פּראַכטפול לעבן, מיט אָן אַ סוף פרייער צייט! ביין, ער האָט נישט געהאַט בדעה צו פאַרקויפן סטאָרבאָרג. וואָס, אומ־קערן זיך צוריק אין אַ קליינער שטאָט און שטיין אין אַ קלייגעם גע־וועלב, און נישט האָבן אַליין קיין אָנגעשטעלטן? נאָכמער, ער האָט באַ־שלאָסן צו פאַרגרעסערן דאָס געשעפט. די שווערן זענען ווידער דאָ, און זיי וועלן פאַרפלייצן דאָס אָרט מיט געלט; ער וואָלט געוועז אַ נאַר צו פאַרקויפן איצט. אַ־אַנסען האָט נעבעך געמוזט אַוועקגיין יעדעס מאָל מיט אַ פעסטן אָפּזאָג, מיט אַלץ מער און מער פאַרדרוס אויף זיך אַליין. פאַרוואָס האָט ער נישט געקאָנט פּאָרויסזען פריער און נישט פאַרקויפן דאָס אָרט.

אָ, נאָר אַראַנסען האָט אומזיסט געהאַט אַזוי פיל עגמת נפש, און אלישע האָט אומזיסט געמאַכט אַזעלכע גרויסע פּלענער. און דער עיקר, דאָס דאָרף האָט צו פרי זיך דערפרייט און געריבן זיך די הענט, ווי מלאכים, וואָס זענען זיכער, אַז גאָט וועט זיי בענטשן. — זיי האָבן זיך ביטער פאַרנאַרט אין זייערע האָפנונגען. און איצט איז געקומען די געוואַלטיקע אַנטוישונג; די אַרבעט אין דער שאַכט האָט זיך טאַקע צוריק אָנגע־הויבן, — נאָר אויף דעם אַנדערן עק פונם באַדן, אַכט מייל ווייטער, אויף דער דרום־גרענעץ פון גייסלערס לאַנד, ווייט אַוועק אין אַן אַנדער געגנט אינגאַנצן, אַ געגנט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך גאַרנישט אָנגע־קערט. און פון דאָרטן האָט די אַרבעט געדאַרפט שטופנווייז זיך באַוועגן צפון־צו צו דער ערשטער שאַכט, צו יצחקס שאַכט, כדי צו ווערן אַ ברכה פאַר די מענטשן אין דער ווילדעניש און אין דאָרף. אין בעסטן פאַל וועט עס געדויערן יאָרן, אַ רייע מיט יאָרן.

דאָס נייעס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ דינאַמיט־אויפרייס. די דאָרפסלייט זענען געוואָרן פאַראומערט. אייניקע האָבן באַשולדיקט גייסלערן; ס'איז גייסלער, דער טייוול, וואָס האָט זיי נאָכאַמאָל אָפּגעטון

אַ שפּיצל. אַנדערע האָבן אויף גיך זיך פֿאַרזאַמלט, אָפּגעהאַלטן אַ באַראַ־
טונג און אַרויסגעשיקט אַ נייע דעלעגאַציע פֿון זיכערע מענטשן, דאָס
מאָל צו דער שאַכטן־.עזעלשאַפֿט, צום אינזשיניער. נאָר פֿון דעם איז
גאָרנישט אַרויסגעקומען; דער אינזשיניער האָט זיי דערקלערט, אַז ער
מוז אָנהייבן די אַרבעט פֿון דרום זייט, מחמת פֿון דאָרטן איז אַמנאָנסטן
צום ים, און דאָס שפּאָרט זיי איין די לופֿט־באַן און רעדוצירט די
קאָסטן פֿונם טראַנספּאָרט כמעט צו גאָרנישט. ניין, די אַרבעט מוז זיך
אָנהייבן פֿון יענער זייט: ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

דאַן איז געקומען די שעה פֿאַר אַראַנסעגען. ער האָט צוריק אויפֿ־
געוואַכט און איז אַוועק צום נייעם אָרט, צום נייעם גאָלד־גרוב. ער האָט
אַפּילו געפּרוווט איבערעדן אַנדרעסענען, אַז ער זאָל גיין מיט אים; —
וואו איז דער שכל דיינער, צו ליגן באַגראָבן דאָ אין דער ווילדעניש? —
האָט ער געזאָגט, — בעסער קום מיט מיר. — נאָר אַנדרעסן וויל נישט;
אומפֿאַרשטענדלעך, נאָר אַזוי איז עס; עפּעס איז דאָרטן געווען, וואָס
האָט אים צוגעבונדן צום אָרט; עס געפֿעלט אים דאָ, ער האָט זיך צו־
געוואוינט צום אָרט. ס'מוז זיין אַנדרעסן, וועלכער האָט זיך געענדערט,
ווייל דאָס אָרט איז געווען דאָס זעלביקע, וואָס אַלעמאָל; די מענטשן
און זאַכן האָבן זיך נישט געענדערט. די שאַכטן־אַרבעט האָט זיך אַוועק־
גערוקט אויף אַנדערע טראַקטן, נאָר די תּושבֿים פֿון דער ווילדעניש
האָבן נישט פֿאַרלוירן זייערע קעפּ איבער דעם; זיי האָבן פֿאַרמאָגט זייער
ערד, זייערע גערעטעכישן, זייערע בהמות. נישט קיין גרויס עשירות אין
געלט, אמת, אָבער אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק צום לעבן. אַלע, אַפּילו
אַלישע איז נישט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך צוליב דעם, וואָס דער שטראָם
גאָלד האָט געפֿליסט ערגעץ אַנדערש־וואו; דאָס ערגסטע איז נאָר געווען,
וואָס אין זייער ערשטער באַגייסטערונג האָט ער אָנגעקויפֿט גרויסע זאַ־
פּאַסן סחורות, וואָס איצטער האָט מען זיי נישט געקאָנט פֿאַרקויפֿן. נו,
קאָנען זיי דערווייל ליגן אַזוי זיך; ס'האָט אויסגעזען שענער, יעדנפֿאַלס,
צו האָבן אַ סך סחורה אין קראָם.

ניין, דער ווילדעניש־תּושבֿ האָט זיך נישט פֿאַרלוירן. די לופֿט איז
נישט געווען ווייניקער געזונט איצט, איידער פֿריִער; ס'זענען געווען גע־
ּוג מענטשן, פֿאַר וועמען צו ווייזן זיך אין נייע קליידער; קיין פּרי־
ליאַנטן האָט ער נישט באַדאַרפֿט, און דעם טעם פֿון וויין האָט ער גע־

וואוסט נאָר פונם מאַלצייט אין קאַנאַ. אַ מענמש פון דער ווילדעניש האָט זיך נישט געפייניקט איבער זאַכן, וואָס ער קאָן זיך נישט פאַרשאַפן: קונסט, צייטונגען, לוקסוסן, פאָליטיק און ענלעכס זענען ווערט פונקט אַזוי פיל, וויפיל מענטשן זענען גרייט צו באַצאָלן פאַר זיי, נישט מער. די ברכה פון דער ערד איז געווען עפעס אַנדערש, אַ זאַך, וואָס מען האָט געמוזט פאַרשאַפן זיך אום יעדן פרייז. דאָס איז דער אור-קוואַל, דער אָנהייב פון אַלץ.

אַן אומעטיק און איינזאַם לעבן? ניין, באין אופן נישט! אַ מענטש האָט דאָרטן געהאַט אַלץ: — זיינע הימלישע כוחות, זיינע טרוימען, זיינע ליבעס און זיין רייכן אַבערגלויבן. — איינמאָל אין אָוונט גייט סיוועדט לעבן טייך און שטעלט זיך פלוצים אָפ; אויפן וואַסער שווימט אַ פּאָרל קאַטשקעס, אַן „ער" און אַ „זי". זיי האָבן אים דערזען; זיי פילן אַ מענטש נאָענט און שרעקן זיך. איינע פון זיי זאָגט עפעס, לאָזט אַרויס אַ שטילן קלאַנג, אַ מעלאָדיע אין דריי טענער, און די אַנדערע ענטפערט צוריק מיט די זעלבע טענער. דערנאָך טוען זיי זיך אַ הויב, טראָגן זיך אַוועק ווי צוויי קליינע רעדער איבער אַ שטח, די לענג פון אַ געוואָרפן שטיינדל, זעצן זיך ווייטער צו. דערנאָך, ווי פריִער, איינע רעדט און די צווייטע ענטפערט; די זעלבע שפּראַך, וואָס פריִער, נאָר אַזוי אינערלעך פריי, מיט אַ געפיל פון גליקלעכקייט. מ י ט צ ו ו י י אָ ק ט אַ ו ו ע ס ה ע כ ע ר!

סיוועדט שטייט און קוקט אויף די פייגל, קוקט אַריבער, ווייט אַוועק, ווי אין אַ חלום. אַ ציטער-קלאַנג איז אים אַדורך, אַ ליבשאַפט האָט אים אַרומגענומען, ער שטייט און לעבט איבער אַ צאַרטע דערמאָנונג פון עפעס ווילדס און הערלעכס, וואָס ער האָט אַמאָל פריִער געוואוסט, און פאַרגעסן. שטיל גייט ער אַהיים; רעדט קיין וואָרט נישט מיט קיינעם, דערציילט נישט גאָרנישט; נישט מיט ערדישע ווערטער קאָן מען איבערגעבן אַזאַ זאַך. סיוועדט פון סעלאַנראַאַ, דער געוויינטלעכער סיוועדט, יונג און איינפאַך, ווי ער איז געווען, האָט אַזוינס איבערגעלעבט.

ס'איז נישט געווען דער איינציקער פאַל — ער האָט איבערגעלעבט נאָך אַנדערע זאַכן. נישט לייכט איז אים געווען, ווען יאַנסינאַ

האָט פאַרלאָזט סעלאַנראַאַ. דאָס האָט סיוועדטן נישט ווייניק צעטומלט.

יאָ, ס'איז געקומען דערצו: יאַנסינאַ איז אַוועק, זי האָט אַליין געוואָלט אַוועקגיין. אָ, יאַנסינאַ איז נישט געווען פון פשוטן סאָרט, דאָס האָט קיי.ער אויף איר נישט געקאָנט זאָגן! ווען סיוועדט האָט איר געהאָט פאַרגעלייגט צו פירן זי גלייך צוריק אַהיים, האָט זי, אמת, געוויינט; דערנאָך אָבער האָט זי חרטה געקריגן אויף אירע טרערן, און געוויזן באַשיינפערלעך, אַז זי האָט חרטה, — זי האָט געלאָזט וויסן, אַז זי גייט אַוועק. יאָ, זי איז געווען אַ מיידל מיט ווירדע.

קיין בעסערס פון דעם האָט אינגער זיך נישט געקאָנט ווינטשן; זי האָט אָנגעהויבן צו זיין אומצופרידן מיט איר דינסט. מאָדנע, זי האָט גאָרנישט געהאַט וואָס איר פאָרצוואַרפן, נאָר זי האָט זי נישט געקאָנט זען גלייכגילטיק, זי האָט זי קוים געקאָנט פאַרטראָגן. גענומען האָט זיך דאָס פון אינגערס גייסטיקן צושטאַנד; זי איז געווען אין אַ שווערן געמיט און פרום יענעם גאַנצן ווינטער, און האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך.

— ווילסט אַוועקגיין? גאָ, זאָל דיר גאָט העלפן, — האָט אינגער געזאָגט.

ס'איז געווען אַ ברכה, אַ דערפילונג פון אירע בייַנאַכטיקע געבעטן צוויי דערוואַקסענע פרויען זענען זיי שוין געווען, און צוואָס האָבן זיי געדאַרפט נאָך האָבן אָט די יאַנסינאַ, אַ פריש און יונג כלה-מיידל? אינגער האָט מיט אַ געוויסער געריצטקייט געטראַכט וועגן יאַנסינאַס כלה-יאָרן, זיך דערמאַנענדיק, אפשר, ווי זי אַליין איז אַמאָל געווען אין די זעלבע יאָרן.

איר טיפע פרומקייט איז נישט איבערגעגאַנגען. זי איז נישט געווען אַזוי זינדיק, זי האָט בלויז אַמאָל פאַרזוכט, אַ זיפּ געטון, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אַפילו דאָס ביסל געניוס אויף אירע עלטערע יאָרן, באַין אופן נישט. אינגער האָט זיך אָפּגעקערט מיט שרעק פון אָט דעם געדאַנק. די שאַכט מיט אַלע אירע אַרבעטער איז שוין מער נישטאָ — און אַ לויב צו גאָט דערפאַר. די טוגנט איז געוואָרן פאַר איר נישט נאָר דערטרעגלעך, נאָר אומפאַרמיידלעך, נייטיק, אַן אמתער חסד, אַ מתנה פון גאָט.

נאָר די וועלט איז געווען אײנגאַנצן אַ פֿאַרקערטע. אָט איז לעאָ־
פּאָלדינאַ, די קלײנע לעאָפּאָלדינאַ, אַ יונג געוויקס, אַ פֿאַנאַנדערגעוואַקסע־
נע פֿלאַנץ, און זי גײט אַרום אָנגעלאָדן מיט זינדיקער געזונטקײט; בלויז
אײן אומאַרעמונג אַרום איר טאַליע, און זי וועט פֿאַלן אַ הילפֿלאָזע — אַ,
פֿוי, אויף איר פּנים האָבן זיך באַוויזן פֿלעקן — אַ סימן פֿון אויפֿגערײצט
בלוט; יאָ, איר מוטער געדענקט גאַנץ גוט, דאָס הײבט די לײדנשאַפֿט
אָן צו וועקן זיך אין בלוט; אײנגער האָט נישט באַשולדיקט איר קינד
פֿאַר די פֿלעקן אויף איר פּנים, נאָר ס׳מוז אויפֿהערן, זי וויל מאַכן אַ
סוף צו דעם. און וואָס האָט דער אַנדערסן געוואָלט, אַרויפֿקומענדיק
קײן סעלאַנראַאַ אין די זונטיקן צו רעדן מיט יצחקן וועגן פֿעלד־אַרבעט?
האָבן די צוויי מאַנסבילן זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז בלינד?
יאָ, יונגוואַרג איז תּמיד געווען אַזוי נאָך, מיט דרײסיק און מיט פֿער־
ציק יאָר צוריק, נאָר איצט נאָך ערגער ווי אַמאָל.

— יאָ, ס׳איז אפֿשר אַזוי, — האָט יצחק געזאָגט, ווען זײ האָבן
וועגן דעם ענין זיך דורכגערעדט. — נאָר אָט איז פֿרילינג שוין, יאַנ־
סינאַ איז אַוועקגעגאַנגען, און ווער וועט אָפּטון די זומער־אַרבעט?

— לעאָפּאָלדינאַ און איך וועלן אַרבעטן, — האָט אינגער גע־
זאָגט. — יאָ, איך׳ל גיכער שאַרן הײ טאָג און נאַכט אַלײן, — האָט זי
פֿאַרביטערט געזאָגט און זיך שיִער נישט צעוויינט.

יצחק האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטײן, וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו ער־
גערן זיך. נאָר ער האָט זיך געהאַט זײנע מחשבות, און איז זיך גע־
גאַנגען צום בערג וואַלד מיט אַ לאָם און אַ קירקע, און זיך געשטעלט
אַרבעטן אַרום אַ שטײן. נײן, געוויס האָט יצחק נישט געקאָנט פֿאַרשטײן,
פֿאַרוואָס יאַנסינאַ האָט זײ געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן; אַ גוט מײדל איז זי
געווען, און אַ גוטע אַרבעטערין. פֿאַרשטאַנען האָט יצחק נאָר דאָס גאָר
נאָענטע און אײנפֿאַכע, — זײן אַרבעט, זײן געזעצלעכע, נאַטירלעכע
אַרבעט. אַ ברייט־פּלײציקער, אַ געזונטער, האָט ער קײנמאָל נישט גע־
קוקט אויף קײן שטערן אין הימל. ער האָט גוט געגעסן, גוט פֿאַרדײעט,
און קײנמאָל נישט פֿאַרלוירן דאָס גלײכגעוויכט.

אָט איז דער שטײן. געננג שטײנער זענען דאָ געווען אַרום, נאָר
אָט איז אײנער אויף אָנצוהײבן. יצחק טראַכט וועגן יענער צײט, ווען
ער וועט אויסבויען אַ קלײן הײזל דאָ, אַ קלײנע הײם פֿאַר זיך און אינ־

גערן; ער וויל זיך נעמען צו דער אַרבעט, אָפּרייניקן אַ ביסל פּלאַץ, כּל זמן סיוועַרט איז אונטן, אין סטאָרבאָרג. אַז נישט וואָלט דער יונג גע־נומען פרעגן וואָס, ווען, און דאָס האָט יצחקן נישט געשמעקט. עס וועט דאָך קומען אַ טאָג, ווען סיוועַרט וועט דאַרפן האָבן אַלע בנינים פון הויף פּאַר זיך — די אַלטע לייט מוזן האָבן אַ באַזונדער הויז. יאָ, ס׳האָט קיינמאָל קיין סוף נישט גענומען צום בויען אין סעלאַנראַאַ. דער גרוי־סער היי־בוידים איבער דער קי־שטאַל איז נאָך אויך נישט פאַרענדיקט, אָבער באַלקנס און ברעטער זענען שוין געלעגן אָנגעגרייט.

נו, איז אָט איז דער שטיין. גאָרנישט אַזוי גרויס פון אויבן אויף, נאָר נישט צו רירן אים פון אָרט. ער מוז זיין טיף. יצחק האָט אַרומ־געגראָבן אַרום און געפּרוּווט מיטן לאָם, נאָר דער שטיין וויל זיך נישט רירן. ער האָט געגראָבן ווייטער און געפּרוּווט נאָכאַמאָל, נאָר ניין. איז ער אַוועק צוריק אַהיים נאָך אַ גראָב־אייזן, אַוועקגעשאַרט די ערד, דערנאָך ווידער געגראָבן, געפּרוּווט נאָכאַמאָל — ניין. אַ געוואַלטיק־שווערער שטיין, האָט יצחק געדולדיק געטראַכט. ער האָט איצט געגראָבן אַ לענגערע ווילע, נאָר דער שטיין האָט אויסגעוויזן צו גרייכן אַלע־מאָל טיפער און טיפער אַראָפּ, ס׳איז נישט געווען וואו אָנצונעמען אויף אים אונטערצוהייבן. אַ אָנשיקעניש וואָלט עס געווען, ער זאָל אים דאַרפן אויפרייסן. דאָס בויערן וואָלט אָנגעמאַכט אַ ליאַרם, און מען וואָלט זיך אָנגעלאָפן צום אָרט. ער האָט אַלץ געגראָבן. ווידער אַוועק צו קריגן אַ הייב־שטאַנג, און געפּרוּווט מיט דעם — ניין. ער האָט געגראָבן ווייטער. יצחק האָט אָנגעהויבן זיך ערגערן. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און בעקוקט אויפן שטיין, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען צו באַקוקן די שטיינער דאָ, און געטראָפן דעם איינעם שטיין באַזונדערס איינגעעקשנט. ער האָט אים קריטיש באַקוקט; יאָ, ס׳איז געווען אַ קיילעכיק־גלאַטער שטיין, נישט אָנצונעמען אים פון קיין זייט — יצחק איז געווען כמעט געניגט צו זאָגן, אַז דער שטיין איז פאַרדאָרבן. אויפרייסן? דאָס נישט; נאָך פולווער אויף אים אויסברענגען! זאָל ער אים לאָזן, און זיך פילן באַזיגט פון אָט דעם שטיין?

ער האָט געגראָבן. אַ שווערע אַרבעט איז עס געווען, ער האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. צום סוף האָט ער אַרונטערגעלאָזט דעם שפּיץ פון זיין הייבשטאַנג נאָכאַמאָל און געפּראָוווט; דער שטיין האָט זיך נישט

געריר‌ט. ער האָט, דאַכט זיך, געטון אַלץ ווי מען באַדאַרף, נאָר עס האָט נישט געווירקט. וואָס־זשע האָט געפעלט? ער האָט שוין געגראָבן שטייגער אין זיין לעבן. ווערט ער אַלט? נאַריש, כי־כי־כי! לעכערלעך. אמת, ער האָט לעצטנס איינמאָל באַמערקט, אַז ער איז שוין נישט אַזוי שטאַרק, ווי ער פלעגט זיין — ס׳הייסט, אייגנטלעך, באַמערקט האָט ער גאָרנישט, נישט גענומען עס אין אַכט; מער נישט, ווי אַן אויסדאַכטעניש. און ער טרעט צו צום שטיין נאָכאַמאָל, מיט אַ פעסטן באַשלוס צו נעמען אים.

אָ, ס׳איז נישט קיין קלייניקייט, ווען יצחק לייגט זיך אָן אויף אַ הייבשטאַנג מיט זיין גאַנץ געוויכט. ער ליגט איבערגעבויגן און דריקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, מיט ציקלאָפּישער קראַפט. אָבער — דער שטיין רירט זיך נישט.

נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג; ער מוז גראָבן ווייטער. פּרוּוון אויפרייסן? דאָס נישט! ניין, גראָב ווייטער. דער שטיין מוז אַרויסקומען! ס׳וואָלט געווען אומגערעכט צו זאָגן, אַז ס׳האָט אין דעם געשטעקט וואָס נישט איז בייזס מצד יצחקן; ס׳איז בלויז געווען די איינגעבוירענע ליבע פון אַ פּויער צו הערשן איבערן באָדן, נאָר לחלוטין אָן צאַרטקייט. ס׳איז געווען אַ בילד אָנצוקוקן: צוערשט דרייט ער זיך אַרום אַרום שטיין פון אַלע זייטן, דערנאָך טוט ער זיך אַ לאָז, גראָבט אַרום די זייטן, טאַפּט אים אַרום און שאַרט אָפּ די ערד מיט די בלויזע הענט. אָבער דאָס זענען נישט קיין צערטלעכקייטן ביי יצחקן. ס׳איז אים הייס, יאָ, הייס פון אָנגעשטרענגטן ווילן.

פּרוּוון מיטן הייבשטאַנג נאָכאַמאָל? ער האָט אים אַרונטערגעלאָזט וואו ס׳האָט אויסגעוויזן צום בעסטן אָנצונעמען — ניין. אַן אומגעווינטלעכער ביישפּיל פון עקשנות און ווידערשטאַנד מצד דעם שטיין. נאָר דאָך האָט ער אויסגעזען צו ווערן אַ נאָכגיביקער. יצחק האָט געפּרוּווט מיט האָפענונג נאָכאַמאָל; ער האָט אַ געפיל איצט, אַז דער שטיין איז שוין נישט מ.ר. אומבאַוועגבאַר. נאָר דאָ האָט דער שטאַנג זיך אויסגעגליטשט, אומוואַרפנדיק יצחקן אויף דער ערד. „צום טייוול!“ שרייט ער אויס. יאָ, עס האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט. זיין היטל האָט זיך אים אַראָפּגערוקט איבער איין אויער, ווען ער איז געפאַלן, און ער האָט

אויסגעזען ווי אַ רויבער, ווי אַ שפּאַניער. ער האָט אויסגע־שפּיגן.

דאָ קומט אָן אינגער.

— יצחק! קום אַריין און עס עפּעס אָפּ, — זאָגט זי ליב און מילד, ווי ס'קאָן נאָר געבן.

— יאָ, — ענטפערט ער. נאָר ער וויל זי נישט האָבן דאָ לעבן זיך, און וויל נישט קיין פראַגן.

— אָ, נאָר אינגער באַמערקט נישט גאָרנישט, זי קומט נעב־טער.

— וואָס האָסטו פאַרטראַכט איצט? — פרעגט זי, ווייכער צו מאַכן אים מיט אַן אָנצוהערעניש דערויף, ווי ער קלערט אויס יעדעס מאָל עפּעס אַ נייע גרויסע זאַך.

נאָר יצחק איז פאַרמרהשחורהט, שטאַרק באַטריבט און ערנסט; ער ענטפערט:

— גאָרנישט, איך ווייס נישט.

און אינגער נאָכאַמאָל, זי פאַרשטייט נישט גאָרנישט, זי רעדט ווײ־טער און פרעגט פראַגן און וויל נישט אוועקגיין.

— זעסט דאָך, — רעדט ער צולעצט אַרויס, — איך נעם אַרויס דעם שטיין פון דאַנעט.

— הא, ווילסט אים אַרויסנעמען?

— יאָ.

— און וואָלט איך נישט געקענט צוהעלפן דיר אַ ביסל — פרעגט זי.

יצחק שאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער ס'איז ליב, וואָס זי וויל אים העלפן, און ער קאָן נישט מער שלעכט זיין צו איר.

— ווען דו וואַרטסט נאָר צו אַ קליינע ווײלע, — זאָגט ער, און לויפט אַהיים נאָך די האַמערס.

— מען דאַרף, דער שטיין זאָל נישט זיין אַזוי גלאַט, אָפּקלאַפּן אַ פּאָר שטיקלעך אויפן ריכטיקן אָרט, ווען דער שטאַנג זיך נישט גליטשן. אינגער האַלט דעם זעץ־האַמער און יצחק קלאַפּט, קלאַפּט. יאָ, אַ שטיק שטיין פליט אַוועק.

— ס'איז געווען אַ גוטע הילף, — זאָגט יצחק, — אַ דאַנק. זאָרג

זיך נישט וועגן עסן פאַר מיר איצט. איך מוז פריִער אַרויסנעמען דעם שטיין.

נאָר איינגער גייט נישט אַוועק. איִן צו זאָגן דעם אמת, איז יצחק וואויל צופרידן, אַז זי זאָל בלייבן דאָ און זען אים אַרבעטן; דאָס האָט אים אַלעמאָל הנאה געטון, פון זייערע פריִע יאָרן אָן. און זע, איצט געליגט אים אַ גוטער אָנגריף מיטן הייב-שטאַנג, ער לייגט זיך אָן מיט זיין גאַנצן געוויכט — דער שטיין רירט זיך!

— ער רירט זיך, — רופט אויס איינגער.

— ס׳דאַכט זיך דיר נאָר אויס אַזוי, — זאָגט יצחק.

— אָבער ער רירט זיך פאָרט.

נו, דערגרייכט אַזוי ווייט — דאָס האָט שוין עפּעס באַטייט. דער שטיין רירט זיך. יצחק לייגט זיך ווידער אָן און הייבט מיטן שטאַנג, דער שטיין רירט זיך, נאָר ווייטער גאָרנישט. ער זעצט פאָר עקשנותדיק די אַרבעט, נאָר עס גייט נישט. מיטאַמאָל פאַרשטייט ער, אַז ס׳איז נישט בלויז אַ פראַגע פון טויטן געוויכט, ניין, ער באַזיצט נישט מער זיין אַלטע גבורה, ער האָט פאַרלוירן די פאַרהאַרטעוועטע געשיקטקייט. געוויכט? ס׳איז אַ לייכטע זאַך אָנצוהענגען זיך מיטן פולן קערפּער און איבערברעכן אַן אייזערנעם שטאַנג. ניין, ער איז געוואָרן שוואַכער, אָט דאָס איז עס. און דער געדולדיקער יצחק איז פאַרביטערט פון דעם געדאַנק — וואָלט ער כאָטש על כל פנים געוועזן זיך איינגעשפּאָרט די שאַנד, אַז איינגער זאָל דאָ נישט זיין און דאָס צוזען!

פלוצים וואַרפט ער אַוועק דעם הייב-שטאַנג און כאַפּט דעם שמידהאַמער. אַ ווילדער כעס באַהערשט אים. ער איז אַנטשלאָסן צו נעמען דעם שטיין מיט געוואַלט איצט. און זע, זיין היטל איז נאָך אַלץ אַראָפּגערוקט איבער איין אויער, רויבער-מעסיק. און אַצינד שפּאַנט ער מיט גבורה אַרום דעם שטיין, דראָענדיק, זוכנדיק, ווי עס ווייזט אויס, צו שטעלן זיך אויף אַ געהעריקער פּאָזיציע; האַ, ער וועט דעם שטיין צעשמעטערן, מאַכן אַ חורבן פון אים. פאַרוואָס נישט? ווען אַ מענטש איז אָנגעפילט מיט שנאה צו אַ שטיין, איז עס מער נישט ווי אַ בלויזע פאָרמאַליטעט צו פאַרטיליקן אים. און אַז דער שטיין וועט אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, אַז ער וועט נישט וועלן פאַרטיליקט ווערן? נו, זאָל ער פּרוּוון — און זען, ווער פון זיי צוויי וועט אויסהאַלטן!

נאָר דאָ הייבט אינגער אָן ווידער צו רעדן, אַ ביסל שרעקעדיק; זי זעט, אָן ספק, ווי יצחק איז צעקאָכט.

— וואָס, אַ שטייגער, ווען מיר לייגן זיך ביידע אָן אויפן שטעקן? — און דאָס, וואָס זי רופט אָן שטעקן, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער הייב-שטאַנג.

— ניין, — שרייט אויס יצחק ווילד אין כעס. נאָר נאָך אַ רגע טראַכטן זאָגט ער: — נו, גוט, אַז דו ביסט שוין יאָ דאָ — כאָטש דו האָסט געקאָנט גאַנץ גוט גיין אַהיים. לאָמיר פּרוּוון.

און זיי קערן איבער דעם שטיין אויף אַ זייט. יאָ, זיי האָבן באַוויזן דאָס צו טון.

„פּ-פּו!“ זאָגט יצחק.

נאָר איצט דערזען זיי גאָר אַן אומדערוואַרטע זאַך. די אונטערשטע זייטביים שטיין איז פלאַך, פיין אָפּגעהאַקט, גלאַט און גלייך ווי אַ דיל, דער שטיין איז בלויז אַ העלפט פון אַ שטיין, די אַנדערע העלפט איז ערגעץ-וואו גאַנץ נאָנט, אָן ספק. יצחק ווייסט גאַנץ גוט, אַז צוויי העלפטן פון איין שטיין קאָנען ליגן אין באַזונדערע ערטער; דער פראָסט האָט, אָן ספק, אין לויף פון דער צייט זיי פונאַנדערגערוקט. נאָר ער איז אינגאַנצן פאַרוואונדערט און צופרידן מיט דער מציאה; ס'איז אַ נוצלעכער שטיין, איינער פון די בעסטע פאַר אַ טיר-שוועל, אַן אוצר-געלט וואָלט נישט דערפרייט אָט דעם פעלד-מענטש!

— אַ טייערע טיר-שוועל, — זאָגט ער מיט שטאָלץ.

און אינגער, אין איר תמימות זאָגט; — און ווי אַזוי האָסטו עס געוואוסט אַזוי גוט פאָרויס?

— ה-מ, — ענטפערט יצחק, — און דו האָסט געמיינט, אַז איכ'ל דאָ גראָבן אומזיסט?

זיי גייען אַהיים צוזאַמען; יצחק האָט הנאה פון דעם אומפאַרדינטן שקר; דער טעם איז כמעט דער זעלבער, ווי פון אַ כשר פאַרדינטן. ער גיט איר צו פאַרשטיין, אַז ער האָט נאָכגעזוכט אַ פּאַסיקן שטיין פאַר אַ טיר-שוועל שוין אַ לענגערע צייט, ביז ער האָט ענדלעך געפונען, און ווי באַלד אַזוי, האָט שוין, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער חשד וועגן זיין ווייטערדיקער אַרבעט דאָרטן. ער האָט געקאָנט גראָבן דאָרטן, וויפיל ער האָט געוואָלט, אונטערן אויסרייד,

אַז ער זוכט די צווייטע העלפט פון שטיין. און ווען סיווערט איז אַהיימגעקומען, האָט ער אים אויך געהאָלפן.

נאָר אויב עס איז שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז ער קאָן מער נישט אַרויסגיין אַליין און אונטערהייבן אַ שטיין, — נו, האָבן זיך זאַכן פיינלעך געביטן; עס ווערט געפערלעך, און מען דאַרף טאַקע וואָס גיכער פאַרטיק מאַכן דעם נייעם פלאַץ. די עלטער רוקט זיך אָן, עס קומט די צייט פאַר דעם קוימען-ווינקל, דער טריומף, וועלכן ער האָט געהאַט מיטן געפינען די טיר-שוועל, איז פאַרוועלקט געוואָרן אין עטלעכע טעג אַרום; ס'איז געווען אַ פאַלשער נחת און נישט קיין דויערהאַפטיקער. יצחק האָט אָנגעהויבן צו גיין איינגעבויגן.

איז ער נישט געווען אַמאָל אַזוי שטאַרק און קרעפטיק, אַז ער פלעגט אויפוואַכן מיט אָנגעשפיצטער אויפמערקזאַמקייט, ווי נאָר ער האָט דערהערט די ווערטער „שטיין", אָדער „גראָבן"? און ס'איז נישט געווען זייער לאַנג צוריק, בלויז עטלעכע יאָר, נישט מער. יאָ, אין יענע צייטן האָבן מענטשן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר אויסטריקענען אַ שטיקל באָדן, אויסגעמיטן זיין בליק. אַצינד אָבער האָט ער אָנגעהויבן, ביסלעכווייז, צו באַטראַכטן אַזעלכע ענינים מער געלאַסן; האָ, ליבער גאָט! אַלצדינג האָט זיך געענדערט. דאָס לאַנד אַליין איז געווען אַנדערש איצט; ברייטע טעלעגראַף-וועגן דורך די וועלדער, וואָס זענען פריער נישט געווען; און פעלזן אויפגעריסענע און דורכגעלעכערטע, בערג אויסגעהוילטע, ווי זיי זענען עס פריער נישט געווען, און די מענטשן האָבן זיך אויך געביטן, זיי האָבן זיך מער נישט באַגריסט ביים געזעגענען זיך און ביים אַוועקגיין, ווי אין די אַלטע צייטן, — בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אָדער אפילו דאָס אויך נישט.

נאָר דאַן — אין די אַלטע צייטן איז נישט געווען קיין סעלאַנראַאַ, נאָר בלויז אַ טאָרף-שטיבל, בשעת איצט... נישט געווען נאָך דעמאָלס קיין מאַרקגראַף.

יאָ; אַ מאַרקגראַף. אָבער וואָס איז ער איצט? אַלט און שוואַך, אַן אויסגעטרוקנטער זקן. וואָס קומט אַרויס, אַז ער האָט געהאַט גוטע געדערים, און האָט געקאָנט גוט עסן, ווען דאָס האָט אים נישט געגעבן מער קיין כח? סיווערט, דער האָט געהאַט כח איצט, און דאָס איז געווען אַ חיות — אָבער, מאָלט אייך, ווען יצחק וואָלט עס אויך געהאַט!

אַ פֿאַרדריסלעכע זאַך; ערשט האָט ער געהאָרעוועט ווי אַ מאַן, געטראָגן משאות, ווי אַ ריז; און מיטאַמאָל זענען די פּלייצעס מיד און לעכצן נאָך רו, ווי אַן אָפּגענוצטע קלאַטשע.

יצחק איז שלעכט געשטימט, מיט אַ שווער האַרץ.

אָט ליגט אַן אַלטער הוט, אַן אַלטער פישער-הוט, פוילנדיק אויף דער ערד. פאַרטראָגן געוואָרן אַהער פון אַ שטורם-ווינט, אָדער אפשר האָבן אים די קינדער פאַרשלעפּט אַהער, צום ראַנד פון וואַלד, מיט יאָרן צוריק, ווען זיי זענען נאָך געווען קליינע. ליגט ער אַזוי יאָר נאָך יאָר, פוילט און פוילט; אָבער אַמאָל איז ער געווען אַ נייער הוט, אינגאַנצן גאַל און ניי. יצחק געדענקט דעם טאָג, ווען ער איז מיט אים אַהיים געקומען פון קראָם, און אינגער האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ פייגער הוט. און מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט ער אים מיטגענומען אין דאָרף אַריין צו אַ פאַרבער, וועלכער האָט דעם הוט אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ און אַ נייעם גלאַנץ אים געגעבן, און די ראַנדן געמאַכט גרין. און ווען ער איז אַהיים געקומען, איז אינגערן דער הוט געווען געפעלן. בעסער נאָך, ווי דאָס ערשטע מאָל. אינגערן איז שטענדיק אַלץ געפעלן. יאָ, ס׳איז געווען אַ גוט לעבן אין יענע צייטן — זיינע בעסטע צייטן. און ווען מערץ און אפּריל זענען אָנגעקומען, פלעגן אינגער און ער גוט באַגערן איינער דעם צווייטן, גלייך ווי די פייגל און חיות אין די וועלדער, און ווען מאַי איז אונטערגעקומען, פלעגט ער פאַרזייען זיין קאָרן און פאַרפלאַנצן קאַרטאָפל, געלעבט און געאַרבעט טאָג און נאַכט. אַרבעטן און שלאָפן, ליבן און טרוימען — ער איז געווען ווי זיין ערשטער גרויסער אָקס, און דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולער אָקס, גרויס און שיין ווי אַ מלך. נישטאָ שוין מער אַזאַ מאַי אין די איצטיקע יאָרן, נישטאָ.

יצחק איז געווען אין אַ געפּאַלענעם מוט עטלעכע טעג, פינסטערע טעג זענען דאָס געווען. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין ווילן און נישט קיין כח צו נעמען זיך צו דער ,רבעט אויפן היי-בוידים. דאָס קאָן מען לאָזן פאַר סיווערטן, ער וועט עס אַמאָל פאַרענדיקן. צו וואָס ער דאַרף זיך נעמען איצט — איז דאָס הויז פאַר אים אַליין — דאָס לעצטע הויז אויסצובויען, ער האָט נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן לאַנג פון סיווערטן, וואָס ער טוט; ער ער האָט געריי‌ניקט דעם באָדן, און ס׳איז קלאָר גע-

ווען, אַז ס׳איז אַ פּלאַץ צום בויען. און אין איינעם אַ טאָג האָט ער אויסגעזאָגט.

— ס׳איז פאַרהאַן אַ גוטער שטיין, אויב מיר וועלן עפּעס דאָרטן בויען, — האָט ער געזאָגט. — דאָרטן ליגט נאָך איינער.

סיווערט האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איבעראַשונג און האָט בלויז געזאָגט: — יאָ, אויסגעצייכנטע שטיינער.

— ווי מיינסטו, — האָט דער פאָטער געזאָגט. — מיר האָבן גע־גראָבן דאָ אַרום און צו געפינען די צווייטע העלפט פון יענעם שטיין; וואָלט געווען גלייך, אפשר, צו אָנהייבן בויען דאָ. איך ווייס נישט...

— יאָ, ס׳איז נישט קיין שלעכט אָרט צו בויען, — האָט סיווערט געזאָגט, זיך אַרומקוקנדיק.

— מיינסט אַזוי? ס׳וואָלט געווען נישט שלעכט, אפשר, צו האָבן אַן איבעריק שטיקל אָרט, צו קאָנען אַריינגעמען אַמאָל אַ פּאָר מענטשן, אַז עס מאַכט זיך.

— יאָ.

— אַ פּאָר צימערן וואָלט געווען גענוג. האָסט געזען, ווי אַזוי ס׳האָט זיך געמאַכט, ווען יענע שוועדישע גרויסע לייט זענען אַהער גע־קומען און ס׳איז נישט געווען קיין פּאַסיק אָרט, וואו זיי צו באַ־לייגן.

— יאָ, און ס׳וואָלט געווען אַן עוולה צו בויען אָן אַ שטיקל קיך, — זאָגט סיווערט.

— מיינסט אַזוי?

יצחק האָט מער נישט גערעדט. נאָר סיווערט, ער איז געווען אַ מאַדים אויף צו באַגרייפן זאַכן און באַנעמען מיטן קאָפּ אַלץ אויף אַ מאָל. געוויס באַדאַרף מען האָבן אַן אָרט, וואו ס׳זאָלן קאָנען איבערנעכ־טיקן שוועדישע גרויסע לייט, ווען זיי קומען צופעליק אַהער; קיין איינ־ציקע פראַגע האָט ער נישט געפרעגט, נאָר בלויז געזאָגט: — און נאָך מיין מיינונג, וואָלסטו נאָך אויפגעשטעלט אַ קעמערל ביי דער צפון־וואַנט. מענטשן קומען, איז גוט צו האָבן אַ קעמערל, וואו אויפצוהענגען נאַסע מלבושים און אַנדערע זאַכן.

און זיין פאָטער איז גלייך מסכּים: — יאָ, דאָס איז גייטיק.

זיי אַרבעטן ביי די שטיינער ווידער שטיל. דערנאָך פרעגט יצחק:

— אלישע, ער האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט, האַ?

און סיווערט ענטפערט אויסמיידנדיק: — ער וועט קומען אַהיים אינגיכן.

מיט אלישען האָט עס געהאַלטן אַזוי: ער האָט תמיד געוואָלט זיין אַוועק פון דער היים, פירן אַ לעבן אין נסיעות. האָט ער נישט געקאָנט אויסשרייבן די סחורות? נאָר ער מוז פאָרן און זיי באַשטעלן אויפן אָרט; ער קריגט זיי אַ סך ביליקער. יאָ, ס'קאָן זיין, אָבער די גרויסע הוצאות! ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם אָרט דענקען, אפנים. און צו וואָס האָט ער געדאַרפט נאָך ציץ, און נאָך קאָלירטע סטענגעס פאַר טויף-טשיפּיקלעך, און שוואַרצע און ווייסע שטרוי-היטן, און לאַנגע ליולקעס? קיינער האָט די אַלע זאַכן קיינמאָל נ שט געקויפט אין די בערג; און די דאָרפסלייט, זיי פלעגן אַרויפקומען קיין סטאָרבאָרג נאָר דאַן, ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט. אמת, אלישע איז געווען גענוג קלוג — נאָר צו זען אים שרייבן אויף פּאַפּיר, אָדער צונויפרעכענען חשבונות מיט אַ שטיקל קרייד! „יאָ, מיט אַזאַ קאָפּ", האָבן מענטשן געזאָגט, באַוואונדערנדיק אים; דאָס איז אַלץ אמת; נאָר ער פאַרשווענדט פאָרט צופיל געלט. זיי, די דאָרפסלייט, האָבן אים קיינמאָל נישט באַצאָלט זייערע חובות, און פונדעסטוועגן האָט אפילו אַזאַ מענטש ווי ברעד אָלסען געקאָנט אַרויפקומען קיין סטאָרבאָ־ג יענעם ווינטער און נעמען אויף באָ־ג ציץ און קאַווע, און צוקער-סיראָפּ און ליכט.

יצחק האָט שוין אויסגעלייגט אַ סך געלט פאַר אלישען אויף זיין קראָם און אויף זיינע לאַנגע נסיעות; קיין סך איז שוין נישט געבליבן איצטער פונעם עשירות פון דער שאַכט — און וואָס דאַן?

— ווי דענקסטו, גייט עס אים, אלישען? — האָט יצחק פּלוצים געפרעגט.

— ה-מ. ער זאָגט, אַז ס'וועט גיין גוט.

— האָסט מיט אים גערעדט וועגן דעם?

— ניין; נאָר אַנדרעסען, ער זאָגט אַזוי.

יצחק האָט נאָכגעקלערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — נאָר, מיר דאַכט, אַז ס'גייט שלעכט. ס'איז אַ רחמנות אויפן יונג.

און יצחק ווערט שווער-געמיטיקער איצט, הגם ער איז פריִער אויך נישט געווען האָפּערדיק.

נאָר דאַן קומט פּלוצים סיווערט אַרויס מיט אַ נייעס: — נאָך מענטשן קומען זיך באַזעצן דאָ.

— וואָס?

— צוויי נייע נחלות. געקויפט דאָ נאָענט, לעבן אונז.

יצחק בלייבט שטיין שטיל, מיטן ברעך-שטאַנג אין האַנט; דאָס איז געווען נייעס, און גוטע נייעס, די בעסטע וואָס ס׳האָט נאָר געקאָנט געבן. „וועלן מיר איצט זיין צען משפחות דאָ”, זאָגט ער. און יצחק דערוואוסט זיך גענוי, וואו די נייע לייט האָבן געקויפט. ער ווייסט די געגנט רונד-אַרום, אין זיין קאָפּ, און שאָקלט צו: „יאָ, זיי האָבן גוט אויסגעקליבן; ברענהאָלץ איז דאָ גענוג, און אַ ביסל שווער געהילץ אויך דאָ, און דאָרטן, באַרג-אַראָפּ און צו דרום-מערב. יאָ...”

לאַנד-אַרבעטער — זיי קאָן קיין זאַך נישט אָפּהאַלטן. אָט קומען נייע מענטשן און באַזעצן זיך דאָ. פון דער שאַכט האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט, איז נאָך בעסער פאַר דער ערד. אַ מדבר, אַ טויט אָרט? עס הייבט זיך נישט אָן. אַלץ אַרום האָט געווימלט מיט לעבן; אָט איז ווידער צוויי נייע מענער, פיר נייע הענט צו אַרבעטן, נייע פעלדער און לאָנקעס און הייזער — אָך, די פרייע גרינע פלעצער אין וואַלד, די שטיבלעך און די וואַסער-קוואַלן, די קינדער און די בהמות! קאָרן וויגט זיך אויפן זומפּלאַנד, וואו דערנער זענען פריער געוואַקסן, בלויע בלומען-גלעקלעך ווינקען פון די בערגלעך, און זון-גאָלד שיינט אַראָפּ פון די געוויקסן אַרום די הייזער. און מענטשן לעבן, באַוועגן זיך און רעדן און טראַכטן און זענען איינס מיטן הימל און מיט דער ערד.

אָט שטייט דער ערשטער פון זיי אַלע, דער ערשטער מאַן, וואָס האָט זיך באַזעצט דאָ אינם מדבר. אז ער איז געקומען, האָט ער גע-געבראָדזשעט ביז די קני אין זומפּ און אין היידעקרויט; האָט ער גע-פונען אַ זוניקן פלאַץ און זיך באַזעצט. זענען נאָך אַנדערע געקומען, און פונם שטעג איז געוואָרן אַ וועג; פורן פאָרן דאָרטן איצט. יצחק מעג זיין צופרידן, ער מעג זיין שטאָלץ; ער איז געווען דער גרינדער פון דער געגנט, ער איז דער מאַרקגראַף.

יאָ, יאָ, אָבער מיר קאָנען נישט פאַרלירן קיין צייט אויף דעם

שטיבל דאָ, אויב מיר וועלן פאַרענדיקן דעם היי־בוידים היינטיקס יאָר, — זאָגט ער.

און ער זאָגט עס פלוצים מיט נייער מונטערקייט, מיט נייעם מוט צום לעבן.

X

אַ פרוי גייט אויפן וועג, אַרויף־באַרג. אַ מילדער זומער־רעגן גייט, זי ווערט נאַס, נאָר איר אַרט עס נישט, איר געדאַנק איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. ס'איז נישט קיין אַנדערע, ווי באַרבראַ — ברעדס טאָכטער באַרבראַ. יאָ, זי איז אין שווערער זאָרג. זי ווייסט נישט, ווי דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן; פרוי הייערדאַל האָט איר אָפּגעזאָגט פון אָרט, און זי איז אַוועק פון דאָרף. אַזוי איז דאָס.

זי מיידט אויס די פערמערס אויפן וועג, נישט וועלנדיק זיך טרעפן מיט מענטשן; מען וועט זי נעמען אויספרעגן, וואוהין זי גייט מיטן פּעקל קליידער אויף די פּלייצעס. און געגאַנגען איז זי קיין מאַאַנעגלאַנד, זי וויל דינען דאָרטן ווידער.

צען חדשים איז זי אָפּגעווען ביים לענסמאַנד, נישט קיין קליינע צייט, אויסגערעכנט אין טעג און נעכט, און אַ אייביקייט — אויסגערעכנט אין בענקעניש און אונטערדריקונג. ס'איז געווען דערטרעגלעך, ווען פרוי הייערדאַל האָט אַכטונג געגעבן אויף איר גוטמוטיק, געבנדיק איר פאַרטוכער און אַנדערע זאַכן צום טראָגן; ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו גיין אין אַ שליחות אין קראָם אַריין, אָנגעטון אין אַזעלכע פיינע קליידער. באַרבראָ איז געווען אין דאָרף נאָך אַלס קינד; זי האָט געקאָנט אַלע דאָרפסלייט נאָך פון די צייטן, ווען זי איז געגאַנגען אין שול

אריין, געקושט די יונגלעך דאָרטן און געשפּילט זיך אין אַלערליי שפּילן. אַ פּאָר חדשים איז אַלץ געווען גוט. נאָר דערנאָך האָט פרוי הייערדאַל אָנגעהויבן שטרענגער אַכטונג צו געבן אויף איר, און ווען די ווייּנאַכטן זענען געקומען, איז זי געווען גאָר שטרענג. און וואָס פאַר אַ גוטס האָט דען פון דעם געקאָנט אַרויסקומען? ס׳האָט נאָר ערגער געמאַכט די באַ־צוונגען. באַרבראַ וואָלט עס נישט געווען אויסגעהאַלטן, ווען נישט די עטלעכע נאַכטיקע שעהן, וואָס זי האָט געהאַט פאַר זיך אַליין; פון צווייּ בייּנאַכט ביז זעקס אינדערפרי איז זי געווען מער־ווייניקער זיכער און געקאָנט זיך דערלויבן אַמאָל דעם אָדער יענעם געהיימען פאַרגעניגן. און די קעכין, האָט זי נישט אויסגעזאָגט אויף איר? ניין! זי פלעגט אַליין אויך אָוועקגיין נישט געפרעגטערהייט; זענען זיי געגאַנגען נאָך דער ריי נאָך.

און ס׳האָט געדויערט אַ היפּש שטיק צייט, איידער זיי זענען בייּ־דע דעמאַסקירט געוואָרן. באַרבראַ איז באַין אופן נישט געווען אַזוי פאַרדאָרבן, אַז ס׳זאָל זיין אָנזעעוודיק אויף איר פּנים. פאַרדאָרבן? זי האָט זיך געוואָרט וויפיל זי האָט נאָר געקאָנט. ווען יונגעלייט האָבן זי פאַרבעטן צו גיין מיט זיי צום ווייּנאַכטן־טאַנץ־אָוונט, האָט זי גע־זאָגט „ניין“ איינמאָל, געזאָגט „ניין“ אַ צווייט מאָל, נאָר דאָס דריטע מאָל האָט זי שוין געזאָגט: „איכ׳ל פּרוּוון קומען פון צוויי ביז זעקס“, אַזוי ענטפערט אַן אָנשטענדיק מיידל, אָן איבעריקער דרייסטקייט און אָן שום אָנשטעלן. זי איז געווען אַ דינסטמיידל, די גאַנצע צייט געדינט און נישט געוואוסט פון קיין אַנדערן אָפּרו, ווי נאָר שטיפן מיט מענער. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. פרוי הייערדאַל האָט געהאַלטן מוסר־דרשות פאַר איר, געלייענט איר ביכער — און זיך נאַריש געמאַכט! מוסר זאָגן באַרבראַן, וועלכע האָט געלעבט אין בערגען און געלייענט צייטונגען און באַזוכט טעאַטער! זי איז נישט געווען קיין אומשולדיק דאָרפיש שעפעלע!

נאָר פרוי הייערדאַל האָט ענדלעך געמוזט אָנהייבן עפּעס חושד זיין. וואָרום איינמאָל קומט זי אַרויף צוויי אַ זייגער בייּנאַכט צום דינסט־צימער און רופט: — באַרבראַ!

— יאָ, — ענטפערט די קעכין.

— אין דאָרף באַרבראָן, איז זי גישטאָ דאָרטן? עפן די טיר.

די קעכין עפנט די טיר און דערקלערט אַזוי ווי ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז באַרבראַ האָט געמוזט צולויפן אַהיים אויף עטלעכע מינוט צוליב עפּעס. אַהיים אויף עטלעכע מינוט אַזוי שפּעט ביינאַכט? פרוי הייעדאַל איז אַ היפּש ביסל פאַרחידושט. און אינדערפרי קומט פאַר אַ סצענע. מ'רופט ברעדן, און פרוי הייערדאַל פרעגט: — איז באַרבראַ געווען אינדערהיים ביי אייך — ביינאַכט דריי אַזייגער?

ברעד איז נישט צוגעגרייט, נאָר ער ענטפערט:

— דריי אַ זייגער? יאָ, יאָ, אמת. מיר זענען געזעסן שפּעט, מיר האָבן געדאַרפט אַרומרעדן אַן ענין.

דעם לענסמאַנדס רוי דערקלערט דאָז פייערלעך, אַז באַרבראַ זאָל מער נישט אַרויסגיין ביינאַכט...

— ניין, געוויס, — זאָגט ברעד.

— כּל זמן זי איז ביי מיר אין הויז.

— ניין, ניין, — הערסט, באַרבראַ, איך האָב דיר אויך געזאָגט אַזוי, — זאָגט איר פאָטער.

— קאָנסט גיין זען דיינע עלטערן ווען-נישט-ווען בייטאָג, — זאָגט די באַלעבאָסטע.

נאָר פרוי הייערדאַל איז געווען וואַך גענוג, און איר פאַרדאַכט איז נישט פאַרשוואונדן; זי האָט אויסגעוואַרט אַ וואָך און אַ פּרווו געטון פיר אַ זייגער אינדערפרי. „באַרבראַ!", האָט זי גערופן. אָ, נאָר דאָס מאָל איז געווען דער קעכיגס ריי, באַרבראַ איז געווען אין דער היים, און דאָס דינסט-צימער איז געווען אַ נעסט פון אומשולד די באַלעבאָסטע האָט געמוזט אויסטראַכטן עפּעס אויף גיך אַן אויסרייד.

— האָסט אַריינגענומען די וועש אויף ביינאַכט

— יאָ.

— איז גוט, ס'קלויבט זיך אַ שטורם. אַ גוטע נאַכט.

נאָר ס'איז נישט געווען אַזוי אָנגענעם פאַר פרוי הייערדאַל, אַז איר מאַן זאָל זי וועקן אינמיטן נאַכט און זי זאָל איינע אַליין שלעפּן זיך איבערן הויז צו די דינסט-מיידלעכס צימער, זען צי זיי זענען אין דער היים. זיי קאָנען טון וואָס זיי געפעלט, זי וועט זיך מער נישט קימערן.

און ווען נישט אַ שלימזלדיקער צופאַל, וואָלט באַרבראַ געווען אויסגעדינט דאָס פולע יאָר אויף יענעם אָרט. נאָר מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז די זאַך פלוצים אַרויסגעשוואומען.

ס'איז געווען אין קיך, גאַנץ פרי. באַרבראַ האָט געהאַט דורכגערעדט זיך מיט דער קעכין עטלעכע ווערטער, און נישט קיין סתם ווערטער; זיי האָבן זיך אויסגעטענהט אַלץ העכער, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן וועגן זייער באַלעבאָסטע. די קעכין איז געווען אַ געמיינע בר אה און אַ שווינדלערין, זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט די לעצטע נאַכט נישט אין איר ריי, ווייל ס'איז געווען זונטיק. און וואָס פאַר אַ תירוץ האָט זי גע־האַט אָנצוגעבן? אפשר געגאַנגען געזעגענען זיך מיט איר באַליבטער שוועסטער, וואָס פאָרט קיין אַמעריקע? ס'הייבט זיך נישט אָן; די קעכין האָט נישט געזאָגט קיין שום תירוץ, נאָר פשוט, אַז די זונטיק־נאַכט קומט איר שוין פון לאַגג.

— אָ, פאַרמאָגסט נישט קיין ברעקל אמת און אָנשטענדיקייט אין דיין גוף! — האָט באַרבראַ געזאָגט.

און דאָרטן איז געשטאַנען די באַלעבאָסטע אויף דער שוועל.

זי איז אַריין, אפשר מיט נישט קיין אַנדערן געדאַנק ווי נאָר, אַז די מיידלעך מאַכן אָן צופיל טומל: איצט אָבער איז זי געשטאַנען און געקוקט זייער אויפמערקזאַם אויף באַרבראַן און אויף איר פאַרטוך; יאָ, זי האָט זיך אָנגעבויגן און זייער שטאַרק זיך איינגעקוקט. ס'איז געווען אַ שמערצלעכע רגע. און פלוצים שרייט פרוי הייערדאַל אויס און ציט זיך צוריק צו דער טיר. וואָס, גאָט מיינער, קאָן עס זיין? טראַכט זיך באַרבראַ און קוקט אַראָפּ אויף זיך. אָ, אַ פלוי, מער גאָרנישט! באַרבראַ קאָן נישט באַהאַלטן איר שמייכל, זי פאַרלירט זיך נישט ביי קריטישע אומשטענדן, און זי שנעלט די פלוי גלייך אַראָפּ.

— אויפן דיל! — האָט פרוי הייערדאַל אויסגעשריגן. — ביסט משוגע? הייב זי גלייך אויף! — באַרבראַ הייבט אָן צו זוכן און האַנדלט נאָכאַמאָל מיט קאָפּ: זי מאַכט, ווי זי וואָלט דאָס באַשעפעניש געכאַפּט און וואַרפט עס אַריין אין פייער.

— וואו האָסטו זי געפּאַקט? — פרעגט די באַלעבאָסטע אין כעס.

— וואו איך האָב זי געקריגן.

— יאָ, דאָס וויל איך וויסן.

נאָר דאָ מאַכט באַרבראַ אַ טעות. „אין קראַם", האָט זי געוועןגע־דאַרפֿט זאָגן, — און ס'וואָלט געווען גענוג. ווי די מעשה איז — זי האָט נישט געוואוסט, וואו זי האָט דאָס באַשעפעניש געקריגן, נאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'האָט געמוזט זיין פון דער קעכין.

און די קעכין, אויף דער העכסטע שטופע פון אויפרעגונג, גלייך צוריק:

— פון מיר! ועסט זיין אַזוי גוט און האַלטן דיינע פליי ביי זיך, און נאַר!

— יעדנפאַלס, ביסטו געווען אַוועק די נאַכט.

אַ צווייטער פעלער — זי האָט וועגן דעם גאָרנישט בעדאַרפט דער־מאָנען. איצט האָט די קעכין שוין מער קיין גרונט נישט צו האַלטן סוד, און זי לאָזט אַרויס די גאַנצע מעשה, און דערציילט אַלץ וועגן די נעכט, וואָס באַרבראַ איז געווען אַוועק. פרוי הייערדאַל איז מוראדיק אויפגעבראַכט; זי קימערט זיך נישט פאַר דער קעכין, נאָר באַרבראַ גייט איר אָן, דאָס מיידל, וואָס זי האָט גאַראַנטירט פאַר איר. און אפילו דאָן האָט נאָך אַלץ געקאָנט זיך אויסלאָזן גוט, ווען באַרבראַ וואָלט געווען אָנגעבויגן איר קאָפּ און צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום אויף ווייטער — נאָר ניין. איר באַלעבאָסטע איז געצוואונגען צו דערמאָנען איר אַלץ, וואָס זי האָט געטון פאַר איר, און אויף די רייד ענטפערט איר באַרבראַ צוריק. יאָ, אַזוי נאַריש איז זי געווען, צו ענטפערן מיט העזה צוריק. צי אפשר איז זי געווען קליגער, ווי ס'קאָן זיך אויסווייזן; אפשר האָט זי בכיוון געוואָלט ב־ענגען דעם ענין צו אַ סוף און פאַרלאָזן דאָס אָרט אינגאַנצן?

די באַלעבאָסטע זאָגט:

— נאָך דעם וואָס איך האָב דיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פונם געריכט?

— וואָס ס'איז שייך צו דעם, — ענטפערט באַרבראַ, — וואָלט איך געווען פונקט אַזוי צופרידן, ווען איר וואָלט עס נישט געווען גע־טון.

— און דאָס איז די גאַנצע דאַנקבאַרקייט, וואָס איך קריג? — זאָגט איר באַלעבאָסטע.

— מאַכט נישט אַזאַ טאַראַראַם, — זאָגט באַרבאַראַ. — כ'וואָלט נישט געוועז געקראָגן סיי־ווי מער ווי אַ חודש אָדער צוויי, און פאַרטיק.

פרוי הייערדאַל איז אָן לשון אַ רגע; יאָ, אַ קליינע ווײַלע שטייט זי און זאָגט גאָרנישט, נאָר עפּעס און פאַרמאַכט איר מויל. דאָס ערשטע, וואָס זי רעדט אַרויס — איז באַרבאַראַ זאָל זיך גיין; מער וויל זי זי ביי זיך נישט האָבן.

— ווי איך געפעלט, — זאָגט באַרבאַראַ.

נאָך דער פּאַסירונג איז באַרבאַראַ עטלעכע טעג געווען ביי אירע עלטערן אין דער היים. זי האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרבלייבן דאָרטן. אמת, איר מוטער האָט פאַרקויפט קאַווע, און אין הויז פלעגן קומען אַ סך מענטשן, באַרבאַראַ אָבער האָט נישט געקאָנט לעבן פון דעם — און אפשר האָט זי געהאַט אַנדערע טעמים, אירע אייגענע, צו וועלן בעסער אָנקומען דינען. און אַזוי אַרום האָט זי היינט גענומען דעם זאַק מיט אירע זאַכן אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט מיטן וועג אַרויפצו איבער די זומפּן. די פראַגע איז אַ־צט, צי אַקסל שטרעם וועט זי צוריקנעמען? נאָר זי האָט, אויף יעדן פאַל, געלאָזט אויפהענגען אַן עפּנטלעכע באַ־קאַנטמאַכונג וועגן דער חתונה, מיט אַ זונטיק פריער.

ס'רעגנט, און אונטער די פוס איז בלאָטיק, נאָר באַרבאַראַ שפּאַנט. אָוונט רוקט זיך אָן, נאָר ס'איז נאָך נישט פינס.ער. אָרימע באַרבאַראַ — זי זשאַלעוועט זיך נישט, זי גייט, זי האָט אַן אויפגאַבע, אַ ציל, און זי קעמפט פאַר אים. זי האָט זיך, אין גרונט גענומען, קיינמאָל נישט גע־שוינט, קיינמאָל פויל נישט געווען, און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס זי האָט נאָך איר נעטע פיגור איצט און אַ פיינעם אויסזען. באַרבאַראַ האָט פעיקייטן צו באַנעמען לייכט אַ זאַך, אָבער ער מאַכט פון זיי אָפט אַ שלעכטן געברויך. וואָס דען האָט מען געקאָנט דערוואַרטן? זי האָט זיך תמיד געלערנט, ווי זיך אויסהיטן אין אַ נויט, ווי זיך אַרויסדרייען פון איין פאַרלעגנהייט, ביז צו אַ צווייטער. זי האָט אָבער געהאַט גוטע מעלות אויך. דער טויט פון אַ קינד איז טאַקע פאַר איר גאָרנישט, אָבער צו אַ לעבעדיק קינד וואָלט זי געווען זייער אַ גוטע. חוץ דעם האָט זי אַ מוזי־קאַלישן אויער, קאָן שפּילן צערטלעך און קאָרעקט אויף אַ גיטאַרע און זינגענדיק הייזעריקלעך בשעת מעשה, און ס'איז איצט אַנגענעם אוי־

אַ ביסל אומעטיקלעך צו הערן. זיך שוינען? ניין; אַזוי ווייניק, אַז זי האָט זיך איינגעאַנצן מפקיר געווען, און אַפילו נישט געפילט דעם פאַרלוסט. ווען־נישט־ווען וויינט זי און איז זיך מצער איבער איין זאַך אָדער אַ צווייטער אין איר לעבן — נאָר דאָס איז נישט מער ווי באַטירלעך, ס'גייט צוזאַמען מיט אירע לידער, וואָס זי זינגט, ס'איז די פּאָעזיע פון איר וועזן. זי האָט נישט איינמאָל פאַרפירט אי זיך אַליין אי אַנדערע. און וואָלט זי געוועץ געקאָנט מיטנעמען די גיטאַרע מיט זיך, וואָלט זי היינט אָוונט אַ ביסל געשפּילט ביי אַקסלען.

זי רעכנט זיך אַזוי אויס, אַז זי קומט אָן שפּעט אין אָוונט: אַלץ איז שטיל אין מאַאַנעגלאַנד, ווען זי גייט אַריין אין הויף. זע, אַקסל האָט שוין אָנגעהויבן דעם היי־שניט, דאָס גראָז איז אָפּגעשניטן אַרום הויז, און אַ ביסל היי איז שוין צונויפגעשאַרט. און דאַן רעכנט זי אויס, אַז אָליִנאַ, די אַלטע, מוז שלאָפן אין קליינעם חדר און אַקסל — איינדרויסן אין היי־שטאַל, אַזוי ווי זי פלעגט אַמאָל טון. זי גייט צו צו דער טיר, וועלכע זי קאָן אַזוי גוט, אָטעמלאָז ווי אַ גנב, און רופט צערטלעך: — אַקסל!

— וואָס איז? — פרעגט אַקסל מיטאַמאָל.

— ניין, ס'איז איך, — זאָגט באַרבראָ, און גייט אַריין — וואָלסט געקאָנט מיך לאָזן איבערנעכטיקן ביי דיר די נאַכט? — זאָגט זי.

אַקסל קוקט אויף איר און איז שווער אויפן געדאַנק; ער זיצט אין אונטערוועש און קוקט אויף איר. — דו ביסט עס, — זאָגט ער — און וואוהין גייסטו?

— ס'ווענדט זיך צו אַלעם ערשטן, אויב דו בייטיקסט זיך אין הילף צו דער זומער־אַרבעט, — זאָגט זי.

אַקסל טראַכט דאָס איבער און זאָגט: — בלייבסטו נישט דאָרטן, וואו דו האָסט געדינט, אויב אַזוי?

— ניין, איך בין אַוועק פונם לענסמאַנד.

— איכ'ל אוודאי נייטיקן זיך אין הילף צו דער זומער־אַרבעט, — זאָגט אַקסל — נאָר וואָס הייסט עס, ווילסט זיך אומקערן צוריק?

— ניין, זאָרג זיך נישט וועגן מיר, — זאָגט באַרבראָ, ווי זיך

ווערנדיק, — איכ׳ל מיר גיין ווייטער מאַרגן, קיין סעלאַנראַאַ און אַרי-בער די בערג. איך האָב דאָרטן אַ שטעלע.

— האָסט שוין אָפּגעמאַכט מיט עמעצן דאָרט?

— יאָ.

— איך אַליין וועל זיך בייטיקן אין הילף דעם זומער, — זאָגט אַקסל נאָכאַמאָל.

באַרבראַ איז נאַס דורך און דורך; זי האָט אַנדערע קליידער אין זאַק און מוז זיך איבערטון. — זאָל דיך נישט אַרן פאַר מיר, — זאָגט אַקסל, און רוקט זיך אַ ביסל אָפּ צו דער טיר, נישט מער.

באַרבראַ טוט אויס איר נאַסע קליידער, ביידע רעדן בשעת מעשה, און אַקסל דרייט אָפּט אויס זיין קאָפּ צו איר. — איצט וועלסטו בעסער אַרויסגעגאַנגען אויף אַ רגע, — זאָגט זי.

— אינדרויסן? — זאָגט ער. אוודאי איז עס נישט געווען קיין פּאַסיק וועטער אַרויסצוגיין. ער שטייט און קוקט, ווי זי ווערט אַלץ מער און מער אַנטבלויזט; ס׳איז אים שווער אָפּצורייסן די אויגן; און באַר-בראַ איז אַזוי זאָרגלאָז-נאַכלעסיק, זי האָט וואויל געקענט אָנטון די טרו-קענע קליידער איינס נאָכן אַנדערן, ווען זי האָט אויסגעטון די נאַסע, נאָר ניין. איר העמד איז דין און קלעפּט צום לייב: זי שפּילט אָפּ אַ קנעפּל אויף איין אַקסל, און דרייט זיך אויס אָן אַ זייט, ס׳איז גאָרנישט קיין נאָווינע פאַר איר. אַקסל שטייט טויט-שטיל, און ער זעט, אַז נאָך אַ ריר, און זי שאַרט אַראָפּ דאָס לעצטע שטיקל אָנטועכץ פון זיך. ס׳איז קונציק געמאַכט, גיט ער אַ טראַכט. און באַרבראַ שטייט אַזוי איינגאַנצן זאָרגלאָז...

אַ ווײַלע נאָכדעם זענען זיי געלעגן און גערעדט צוזאַמען. יאָ, ער בייטיקט זיך אין הילף פאַרן זומער, געוויס.

— כ׳האָב טאַקע אַזוי געהערט, — זאָגט באַרבראַ.

ער האָט געמוזט אָנהייבן שניידן און זאַמלען דאָס היי ווידער אַליין. באַרבראַ קאָן פאַרשטיין, ווי שווער ס׳איז פאַר אים איצט. — יאָ, באַרבראַ האָט פאַרשטאַנען. — פון דער צווייטער זייט איז דאָך באַרבראַ אַנטלאָפן און אים געלאָזט אַליין, אָן אַ לעבעדיק באַשעפעניש צו העלפן אים, ער קאָן דאָס נישט פאַרגעסן; און נאָך מיטגענומען די צוויי פינגערלעך מיט זיך. און אַ צוגאָב צו דעם אַלעמען, איז נאָך די

ציימונג, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אָנצוקומען, אָט די בערגענער צייטונג, וואָס ער קאָן פון איר נישט פטור ווערן; ער האָט געמוזט באַצאָלן נאָך פאַר אַ גאַנץ יאָר.

— זייער נישט אָרנטלעך, — זאָגט באַרבראַ, האַלטנדיק מיט אים די גאַנצע צייט.

נאָר זעענדיק, ווי זי איז נאָכגיביק, קאָן שוין אַקסל אויך נישט זיין אַזוי האַרצלאָז צו איר; ער שטימט צו, אַז באַרבראַ, פון איר זייט, האָט געקאָנט האָבן געווויסע טעמים צו זיין ברוגז, צוליב דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט איבערגענומען דעם טעלעגראַף-אַמט פון איר פאָטער, — גאָר וועגן דעם, — זאָגט ער — איז נישט שייך, דיין פאָטער קאָן צוריק קריגן דעם טעלעגראַף; איכ׳ל מיט אים זיך מער נישט פאַרנעמען, ס׳איז נאָר אַ פאַרלוסט פון צייט.

— יאָ, — זאָגט באַרבראַ.

אַקסל האָט געקלערט אַ ווײַלע, דערנאָך גלייך געפרעגט:

— נו, און וואָס זאָגסטו, ווילסטו בלייבן נאָר איבערן זומער?

— ניין, — זאָגט באַרבראַ, — דאָס איז ווי דו ווילסט.

— מיינסט עס אויך אָן אמת?

— יאָ, ווי דיר געפעלט, דו האָסט נישט קיין גרונט מער צו צווייפלען אין מיר.

— ה-מ.

— ניין, ס׳איז אמת. איך האָב אַפילו אין קירכע שוין אָנגעגעבן אַ מעלדונג.

ה-מ. דאָס איז געווען נישט קיין שלעכטע בשורה. אַקסל איז געלעגן און געקלערט, אויב זי ווייגט עס נאָר ערנסט דאָס מאָל, און ס׳איז נישט קיין מיאוסער פאַראַט ווידער, — האָט ער אַ פרוי אָן אייגענע און איז אויך תמיד געהאָלפן.

— איך האָב געקאָנט קריגן אַ פרוי פון מיינע מקומות, — האָט ער געזאָגט, — און זי האָט געשריבן, אַז זי וויל קומען, נאָר דאַן וואָלט איך געדאַרפט באַצאָלן פאַר איר נסיעה צוריק פון אַמעריקע.

באַרבראַ פרעגט: — האַ, זי איז אין אַמעריקע?

— יאָ, געפאָרן אהין פאַראיאָרן, נאָר זי וויל דאָרטן נישט בלייבן.

— לאָז זי צורו, — זאָגט באַרבראַ. — און וואָס וואָלט געוואָרן פון מיר דאַן? — זאָגט זי און הייבט אָן צו וויינען.

— דערפאַר טאַקע האָב איך נאָך גאָרנישט אָפּגעמאַכט מיט איר אויף זיכער.

אָבער דאָ וויל באַרבראַ רעוואַנש נעמען; זי האָט אויך געקאָנט חתונה האָבן מיט אַ יונג פון בערגען, אַ פורמאַן אין אַ גרויסער ביר־ברויעריי, אַ געוואַלטיק־גרויס געשעפט און אַ גוטע שטעלע. — און ער וועט בענקען נאָך מיר איצט, — זאָגט באַרבראַ, און גיט אַ קליינעם זיפץ. — גאָר דו ווייסט, אַקסל, ווען צוויי זענען געווען אזוי פיל צוזאַמען ווי איך און דו, דאַן קאָן איך מער דיך נישט פאַרגעסן, מעגסט דו מיך פאַרגעסן וויפיל דו ווילסט.

— וואָס! איך? — זאָגט אַקסל. — ניין, דו דאַרפסט נישט וויינען צוליב דעם, ווייל איך האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— נו...

באַרבראַ פילט זיך אַ סך בעסער נאָך דער ווידוי און זאָגט: אַלנפאַלס, אויסשטיין אירע הוצאות פון אַמעריקע איז אַן אומזין, ווען ס׳איז נישט נייטיק... — זי רעדט אים אָפּ; ס׳וואָלט געקאָסט צו טייער, און ער באַדאַרף עס נישט. באַרבראַ האָט אויסגעוויזן צו זיין אַנטשלאָסן אַליין אויפצובויען זיין גליק.

אין משך פון דער נאַכט זענען זיי געקומען צו אַ פולשטענדיקער אייניקונג. זיי זענען נישט געווען קיין פרעמדע; זיי האָבן שוין נישט איינמאָל פריִער גערעדט וועגן דעם אַלעם; די חתונה זאָל זיין נאָך פאַר דעם טאָג פונם הייליקן אָלאַף און פאַרן היי־שניט; זיי האָבן נישט וואָס צו האַלטן בסוד; באַרבראַ אַליין וויל איבערקומען עס וואָס פריִער. אַקסלען איז נישט אויפגעפאַלן איר אייליגקייט, און ס׳האָט ביי אים קיין שום פאַרדאַכט נישט אַרויסגערופן; פאַרקערט, ער האָט זיך געפילט געשמייכלט און דערמוטיקט פון דעם, ער איז אַ פשוטער אַרבעטס־מענטש, נישט איבערגעשפיצט, געוואוינט צו קוקן איינפאַך אויף זאַכן און פריִער פון אַלץ אין זינען צו האָבן דעם פראַקטישן נוצן. נאָך מער, באַרבראַ איז אים איצט פאַרגעקומען איבגאַנצן אַ נייע און

נאָך שענער, רייצנדער ווי פריִער. ווי אַ פרישער עפּל איז זי געווען, און ער האָט איר איינגעביסן. די עפּנטלעכע באַקאַנטמאַכונג וועגן זייער חתונה איז שוין געווען געמאַכט.

וועגן דעם טויטן קינד און דעם משפּט האָט קיינער פון זיי נישט דערמאָנט קיין וואָרט.

זיי האָבן אָבער גערעדט פון אַלינאַן, ווי אַזוי זיי זאָלן פּטור ווערן פון איר, — יאָ, זי מוז אַוועקגיין, — האָט באַרבראַ געזאָגט. — מיר האָבן פּאַר גאָרנישט וואָס צו דאַנקען איר. זי איז אַ מרשעת און אַ רכילותניצע.

נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר נישט קיין לייכטן ענין צו פּועלן ביי אַליגאַן, זי זאָל אַוועקגיין.

באַלד דעם ערשטן פרימאָרגן, ווען באַרבראַ האָט זיך באַוויזן, איז אַלינאַן קלאָר געוואָרן, וואָס זי האַלט. זי איז פאַרזאָרגט, נאָר געסטאַרעט זיך נישט אַרויסצווייזן עס. זיי זענען אויסגעקומען ביז דאַן אין מאָאַ־נענלאַנד. אַקסל האָט געטראָגן וואַסער און האָלץ און געטון די שווערס־טע אַרבעט, און אַלינאַ די איבעריקע אַרבעט. און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צו רעכענען, אַז זי וועט שוין בלייבן דאָ ביזן סוף פון אי־רע יאָרן. איז איצט געקומען באַרבראַ און אַלץ צעשטערט.

— ווען ס'זאָל זיין קאַווע אין הויז, וואָלט איך דיך מכבד גע־ווען, — האָט זי געזאָגט צו באַרבראַן. — גייסט אַרויפצו ווייטער, אפשר?

— ניין, — האָט באַרבראַ געזאָגט.

— האָ! גייסט נישט ווייטער?

— ניין.

— נו, ס'איז נישט מיין עסק, — זאָגט אַלינאַ. — גייסט אַראָפּ צוריק אפשר?

— ניין. כ'גיי אויך נישט אַראָפּ צוריק. איך בלייב דאָ דער־ווייל.

— אַזוי, בלייבסטו דאָ?

— יאָ, איך בלייב דאָ.

אַלינאַ וואַרט אַ רגע, לייגט זיך איבער אין איר אַלטן קאָפּ, וואָס

אין פול מיט פּאָליטיק. — גוט, גוט, — זאָגט זי. — דאָס וועט מיך באַפרייען, איך בין זייער צופרידן.

— אָהאָ, — זאָגט באַרבראָ אין שפּאַס, — איז אַקסל געווען אַזוי שלעכט צו אייך?

— צו מיר שלעכט? אַקסל? אָ, מאַך נישט חוזק פון אַן אַלטער פרוי, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר. אַקסל איז געווען ווי אַ פאָטער פאַר מיר, ווי אַ שליח פון אייבערשטן יעדן טאָג און יעדער שעה. איך זאָג דעם פולן אמת. אָבער איך האָב דאָ קיינעם נישט פון די מייניקע, בין אַליין, איינזאַם, אינטער אַ פרעמדנס דאַך, און אַלע מיינע קרובים זענען פון יענער זייט בערג.

נאָך פונדעסטוועגן איז אַלינאַ געבליבן. זיי האָבן נישט געקאָנט פּטור ווערן פון איר איידער זיי וועלן נישט חתונה האָבן. אַלינאַ האָט זיך לאַנג געקווענקלט, נאָר צום סוף האָט זי איינגעשטימט. יאָ, זי וועט זיי טון די טובה און בלייבן אַכטונג געבן אויפן הויז און אויף די בהמות, ביז זיי וועלן צוריקקומען פון דער חתונה. ס׳האָט געדויערט צוויי טעג. נאָר ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט שוין פאַרהייראַטע, האָט אַלינאַ זיך נישט געקליבן אַוועקגיין. זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט; איין טאָג האָט זי זיך געפילט נישט געזונט; אַ צווייטן טאָג האָט אויסגעוויזן אויף אַ רעגן. זי האָט זיך געחנפנט צו באַרבראָן: איצט איז גאָר אַן אַנדער עסק אין מאַאַנענלאַנד; קאָווע איז אויך פאַרהאַן! אָ, זי האָט זיך פאַר גאָר־נישט אָפּגעשטעלט, די אַלינאַ; געפרעגט ביי באַרבראָן עצות אויף זאַכן, וואָס זי האָט אַליין געוואוסט פיל בעסער. — ווי מיינסטו, זאָל איך מעלקן די קי אַזוי ווי זיי שטייען אויף זייערע ערטער, אין דעם סדר, אָדער זאָל איך די קו באַרדעלין מעלקן צוערשט?

— טוט, ווי איר ווילט.

— יאָ, ס׳איז אַזוי, ווי כ׳האָב אַלעמאָל געזאָגט, — רעדט ווייטער אַלינאַ, — דו ביסט געווען אין דער וועלט, געלעבט צווישן גרויסע און איידעלע לייט און זיך אויסגעלערנט אַלצדינק. אַנדערש איז מיט אַזעלכע, ווי איך.

יאָ, אַלינאַ האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט, זי האָט געטריבן פּאָליטיק טאָג און נאַכט. געזעסן און דערציילט באַרבראָן, ווי זי איז געוואָרן גוטע פריינט מיט איר פאָטער, מיט ברעד אָלסען! האַ, נישט

איין גוטע שעה האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען. וואָס פאַר אַ ליבער מענטש ער איז, קיין שלעכט וואָרט ברענגט ער קיינמאָל פון מויל נישט אַרויס.

ס האָט אָבער פאָרט נישט געקאָנט אָנהאַלטן אַזוי אייביק; נישט אַקסל, נישט באַרבראַ האָבן זי נישט געוואָלט לענגער האָבן ביי זיך, און באַרבראַ האָט איבערגענומען איר גאַנצע אַרבעט. אַלינאַ האָט זיך נישט באַקלאָגט, נאָר געוואָרפן געפערלעכע בליקן אויף איר יונגער באַלעבאָסטע און געביטן דעם טאָן אַ ביסל:

— יאָ, איר זענט איצט געוואָרן גרויסע לייט. אַקסל איז געווען אין שטאָט אַ שטיקל צייט לעצטן האַרבסט — די האָסט אים נישט געטראָפן דאָרטן? דו ביסט געווען אין בערגען דאַמאָלס. ער האָט געהאַט, וואָס צו פאַרזאָרגן אין שטאָט, ער האָט געקויפט אַ שנייד-מאַשין און אַ בראָנע. און וואָס זענען די לייט פון סעלאַנראָאַ קעגן אייך דאָ? גאָרנישט צו פאַרגלייכן!

אַלינאַ האָט געפרוווט לאָזן אין גאַנג שטעכווערטלעך, אָבער דאָס האָט איצט אויך נישט געהאָלפן; קיינער פון זיי ביידן האָט זיך נישט געשראָקן. אַקסל האָט איר אין איינעם אַ טאָג גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז זי מוז גיין.

— גיין? — זאָגט אַלינאַ. — ווי אַזוי? קריכנדיק, אפשר? — ביין, זי וועט נישט גיין, זי איז נישט געזונט און קאָן נישט גיין אויף אירע פיס. און ווירקלעך, אַז זיי האָבן צוגענומען די אַרבעט פון איר און זי האָט גאָרנישט נישט געהאַט וואָס צו טון, איז זי מיטאַמאָל געוואָרן צוזאַמענגעבראָכן און קראַנק. זי האָט אַזוי זיך אומגעשלעפט אַ וואָך, זיי אויף צו להכעיס, און אַקסל האָט מיט ווילדן גרימצאָרן געקוקט אויף איר; נאָר זי איז ווייטער געבליבן, אויס בלויזער רשעות, און צום סוף זיך געמוזט אַריינלייגן אין בעט אַריין.

אָבער איצט איז זי נישט געלעגן און געוואַרט אויף איר געבענטשטן סוף, נאָר פאַרקערט, זי האָט געציילט די שעהן, ווען זי וועט שוין קאָנען ווידער אַרומגיין אויף די פיס. זי האָט געבעטן מ'זאָל שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, — אַן אויסבערענגעריי, וואָס איז דאָ אין דער ווילדעניש אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

— אַ דאָקטאָר? — האָט אַקסל געזאָגט. — איר זענט ביים זינען?

— וואָס מיינסטו? — האָט אַלינאַ גאַנץ איידל אָפּגעענטפערט, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען זיין פראַגע. זי דאַרף נישט פאַלן צו לאַסט אויף אַנדערע; זי קאָן אַליין באַצאָלן דעם דאָקטאָר.

— האַ, איר קאָנט אַליין? — האָט אַקסל געזאָגט.

— און פאַרוואָס דען נישט? — זאָגט אַלינאַ. — און יעדנפאַלס, מעסטו דאָך נישט וועלן, אַז איך זאָל דאָ ליגן און שטאַרבן ווי אַ שטו־מע ח״ה פאַר דיינע אויגן?

דאָ האָט באַרבראָ זיך אַריינגעמישט און האָט אומפאַרזיכטיק באַ־מערקט:

— וואָס פעלט אייך דען? איך אַליין טראָג דאָך אייך צו אייער עסן און דערלאַנג עס אייך? וואָס איז שייך קאַווע, האָב איך געזאָגט, אַז ס׳איז פאַר אייך געזונטער אָן איר, כ׳האָב געמיינט צו גוטן.

— דאָס ביסטו, באַרבראָ? — זאָגט אַלינאַ, און דרייט אויס אירע אויגן זי צו באַטראַכטן; יאָ, זי איז קראַנק אַלינאַ, און ס׳איז אַ רחמנות אַ קוק צו טון אויף איר מיט אירע איבערגעקערטע אויגן — אפשר איז עס, ווי דו זאָגסט, באַרבראָ, אַ קליין ביסל קאַווע קאָן מיר שאַטן...

— איך אויף אייער אָרט וואָלט געטראַכט פון אַנדערע זאַכן איי־דער פון קאַווע, אין אַזאַ שעה, — זאָגט באַרבראָ.

— יאָ, איך ווייס דען נישט? — ענטפערט אַלינאַ. — ס׳איז קיינ־מאָל נישט געווען דיין שטייגער צו וועלן יענעמס סוף. אָבער... וואָס זע איך? דו ביסט שוואַנגער, באַרבראָ?

— וואָס? — שרייט אויס באַרבראָ ווילד־צאָרנדיק, — אָ, ס׳וואָלט געווען אַ מצווה, ווען איך נעם און וואַרף אייך אַרויס אויפן מיסט פאַר אייער פאַרדאָרבענער צונג.

איז די קראַנקע שטיל געבליבן און נאָכגעטראַכט אַ רגע, און איר מויל האָט געציטערט, ווי פרווונדיק שווער צו שמייכלען, גאָר נישט געוואָגט.

— איך האָב געהערט עמעצן רופן לעצטע נאַכט, — זאָגט זי.

— זי איז נישט ביי די געדאַנקען, — זאָגט אַקסל שטיל.

— ניין, משוגע בין איך נישט. ווי עמעצער וואָלט גערופן, איז עס געווען. פּנים וואָלד אָדער אפשר פונם דערבייאיקן שטראָם. א דער־וויטערט קול — ווי אַ געוויין פון אַ קליין קינד. איז באַרבראָ אַרויס־געגאַנגען?

— יאָ, — זאָגט אַקסל, — זי וויל נישט מער הערן דיינע נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן זאָגסטו, און אַז איך בין חסר דעה? — ניין, ס'איז נאָך נישט דעם אַלמעכטיקנס ווילן און באַפעל, איך זאָל שוין קו־מען שטעלן זיך פאַרן כסא הכבוד, מיט דעם אַלעם, וואָס איך ווייס וועגן די מעשים דאָ אין מאַאַנענלאַנד. איך וועל אויפשטיין פון בעט און נאָך אַרומגיין ווידער, נישט שרעק זיך; נאָר דו וואָלסט בעסער גע־שיקט נאָך אַ דאָקטאָר, אַקסל, וואָלט עס שנעלער צוגעגאַנגען. און וואָס איז וועגן דער קו, וואָס דו האָסט מיר געזאָלט שענקען?

— אַ קו? וואָסער קו?

— די קו, וואָס דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן. איז עס באַרדעלין, אפשר?

— איר רעדט ווילדע זאַכן, — זאָגט אַקסל.

— דו ווייסט, ווי דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן אַ קו יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך מציל געווען פונם טויט.

— ניין, דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געוואוסט.

דאָ הייבט אָלינאַ אויף איר קאָפּ און קוקט אויף אים. גרוי און פליכעוואַטע איז זי, אַ קאָפּ אָנגעשטעלט אויף אַ לאַנגן, דאַרן האַלז — ווי אַ מכשפה פון אַ מעשהלע אַרויס. אַקסל שוידערט אויף פונם קוק און זוכט בלינד מיט אַ האַנט הינטער זיך די קלאַמקע פון דער טיר.

— האַ, — זאָגט אָלינאַ, — ביסטו פון דעם מין! נו, גוט — איכ'ל מער נישט רעדן, אַ יך קאָן אויסקומען אָן דער קו און וועל מער קיין וואָרט וועגן דעם נישט דערמאָנען. נאָר גוט, וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזן, וואָס פאַר אַ מענטש דו ביסט. איצט ווייס איך עס, און איכ'ל עס געדענקען אויף אַ צווייטן מאָל.

אָבער אין יענער נאַכט איז אָלינאַ געשטאָרבן. אינדערפרי, ווען זיי זענען אַריינגעקומען צו איר, איז זי געווען שוין קאַלט.

די אַלטע אָלינאַ, — געבוירן און געשטאָרבן...

נישט אָקסלען און נישט באַרבראָן האָט איר טויט גאָר נישט מצער געווען. איצט האָבן זיי מער נישט געהאַט וואָס צו היטן זיך, זיי האָבן געקאָנט זיין רויק. באַרבראַ קלאָגט זיך ווידער אויף די ציין; אָבער חוץ דעם, איז אַלץ גוט. נאָר דאָס שטענדיקע וואַלגערן שאַלכל איבער איר מויל און דאָס אָוועקרוקן עס אַן אַ זייט יעדעס מאָל, ווען זי דאַרף אַרויסרעדן אַ וואָרט — איז אַן אמתער פּלאָג, און דער גאַנצער ציין-ווייטיק קומט עפּעס פאַר מיסטעריעז אָקסלען. ער האָט אמת באַמערקט, אַז זי קייט דאָס עסן פאָרזיכטיק, קיין איין צאָן אָבער פעלט איר נישט אין מויל.

— האָסטו זיך נישט אַריינגעשטעלט קיין נייע ציין? — פרעגט ער.

— יאָ.

— און די טוען דיר אויך וויי?

— אָ, מאַך נישט קיין חוזק! — זאָגט באַרבראַ אויפגעברייצט, הגם אָקסל האָט געפרעגט גאַנץ בתמימות. און אין איר פאַרביטערטקייט זאָגט זי אויס, וואָס איר איז. — זעסט דאָך, וואָס מיט מיר טוט זיך.

וואָס מיט איר טוט זיך? אָקסל קוקט זיך בעסער צו, און ס'דאַכט זיך אים, אַז זי איז אַ ביסל דיקער געוואָרן.

— נישט שוין-זשע ביסטו! — שוואַנגער? — זאָגט ער.

— דו ווייסט, אַז יאָ, — זאָגט זי.

אָקסל קוקט אויף איר, ווי תמעוואַטע, שווער אופן געדאַנק, ווי ער איז, זיצט ער און רעכנט אַ ווײַלע: איין וואָך, צווי וואָכן, ס'גייט אויף דער דריטער וואָך...

— ניין, ווי אַזוי זאָל איך וויסן... — זאָגט ער.

נאָר באַרבראַ פאַרלירט איר גאַנץ געדולד איבער דעם שמועס און פּלאַצט אויס מיט אַ געוויין, אויף אַ קול, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה:

— יאָ, דו קאָנסט נעמען און מיך באַגראָבן אין דער ערד, און דאַן וועסטו פּטור ווערן פון מיר.

מאָדנע, וואָס פאַר אַ משונהדיקע זאַכן אַ פרוי קאָן אויסגעפינען אויף צו וויינען!

אַקסל האָט קיינמאָל נישט געקלערט װעגן באַגראָבן זי אין דער ערד; ער איז אַ פּשוטער מענטש, און זיין טראַכטן איז פּראַקטיש; אַ װעג אויסגעשפּרייט מיט בלומען — איז אַריבער זיינע באַדערפעניש.

— אויב אַזוי װעסטו נישט קאָנען אַרבעטן אין פעלד היינטיקן זומער? — זאָגט ער.

— נישט קאָנען אַרבעטן? — זאָגט באַרבראַ פאַרװאונדערט. און מאָדנע — װי אַ פרוי קאָן דאָס פּלוצים איבערגיין פון װיינען צו לאַכן. װען זי האָט דערשפּירט אַקסלס באַנעמען פון דער זאַך, האָט אַ שטראָם היסטערישע פרייד זי פאַרפלייצט, און זי האָט אויסגעפּלאַצט:

— איכ׳ל אַרבעטן פאַר צחיי! אַ, דו װעסט שוין זען, אַקסל; איכ׳ל טון אַלץ, װאָס דו װעסט מיר געבן, און מער נאָך. איכ׳ל מיך איינמידן ביז צום ביין, און װעל זיין גליקלעך, אַבי דו זאָלסט נאָר זיין צופרידן!

טרערן און שמייכלען און ליבשאַפט פאָלגן נאָך דעם. זיי זענען איינע אַליין דאָ, נישטאָ קיינער, װאָס זאָל זיי שטערן; אַפענע טירן, און אַ זשומען פון פליגן, און אַ זומערדיקע װאַרימקייט. און באַרבראָ איז אַזוי צאַרט און ליב; ער קאָן טון מיט איר, װאָס אים געפעלט...

— שוין נאָך זון-אונטערגאַנג שפּאַנט אַקסל איין די שנייד-מאַשין; ס׳איז נאָך געבליבן אַ ביסל היי, װאָס ער װיל היינט אָנשניידן. באַרבראַ קומט אַרויס אין איילעניש, װי זי װאָלט געהאַט עפּעס גאָר װיכטיקס, און זאָגט:

— אַקסל, װי אַזוי האָסטו גאָר געקאָנט טראַכטן װעגן אַראָפּברענגען יענע פון אַמעריקע? זי װאָלט דאָך נישט געקאָנט קומען פריער פאַר װינטער, און צו װאָס דאַרף מען זי דאָן? — דאָס איז איר נאָר װאָס אַריין אין געדאַנק, און זי האָט געמוזט אַרויסלויפן מיט דעם אין דרויסן, װי ס׳װאָלט געװען עפּעס נייטיקס.

נאָר ס׳איז אין קיין פרט נישט געװען נייטיק; אַקסל האָט באַלד פון אָנהייב אָן געזען, אַז נעמענדיק באַרבראָן, געװינט ער הילף פאַרן גאַנצן יאָר. אַקסל װייסט נישט פון קיין װאַקלעניש, זיין קאָפּ שפּאַרט נישט אָן צװישן די שטערן. איצט האָט ער אָן אייגענע פרוי אין שטוב, און ער קאָן נאָך איינהאַלטן דעם טעלעגראַף-אַמט אויך אויף אַ שטיקל

צייט. עס איז אַ סכום געלט דורכן יאָר, און ס׳וועט גוט צונויץ קומען, כל־זמן ער האָט נאָך נישט געצוג הכנסה פון זיין ערד. יאָ, אַלץ לייגט זיך צונויף זייער גוט. און פאַר ברעדן דאַרף ער זיך אויך מער נישט שרעקן, ער איז איצט אַן איידעם ביי א ם.

יאָ, אַלץ זעט אויס גוט, דאָס מזל שפּילט איצט אַקסלען.

XI

די צייט פליסט ווייטער; דער ווינטער איז אַוועק; פרילינג קומט אָן ווידער.

יצחק דאַרף אַראָפּפאָרן אין דאָרף אַריין. מען פרעגט אים, נאָך וואָס? — ניין, איך ווייס נישט, — זאָגט ער. נאָר ער מאַכט ריין די פור, שטעלט אַריין דאָס זיץ־בענקעלע און פאָרט אָפּ. און אַ היפּש ביסל עסנוואַרג מיטגענומען — פאַרוואָס נישט? ס׳איז געווען פאַר אַלישען אין סטאָרבאַרג. קיינמאָל איז קיין פערד נישט אַרויסגעפאָרן פון סעלאַנראַא אָן עפעס מיטצונעמען פאַר אַלישען.

ווען יצחק איז געפאָרן אַראָפּ איבער די זומפּן, איז עס געווען נישט קיין קליינע פּאַסירונג, מחמת ער פלעגט פאָרן זעלטן, לאָזנדיק דאָס רוב סיווערטן פאָרן אָנשטאָט אים. לעבן די צוויי פערמעס, די נאָענטסטע אַראָפּ, שטייען די פערמערס לעבן די טירן פון די שטיבלעך און זאָגן איינער צום צווייטן:

— דאָס איז יצחק אַליין; און נאָך וואָס פאָרט ער עס היינט אַראָפּ?

און צוקומענדיק צו מאַאַנעלאַנד, שטייט דאָרטן באַרבראַ לעבן גלעזערנעם פענסטער מיט אַ קינד אויף די הענט, און זי זעט אים און זאָגט: — דאָס איז ער, יצחק אַליין!

ער פאָרט צו צו סטאָרבאָרג און שטעלט זיך אָפּ — פּטר־רר! איז אלישע אינדערהיים?

אלישע קומט אַרויס. יאָ, ער איז אינדערהיים; נאָך נישט אוועקגעפאָרן, נאָר ער קלויבט זיך פאָרן אויף זיין פריילינג־נסיעה איבער די שטעט אין דרום!

— דאָ זענען אַ פּאָר זאַכן, וואָס די מאַמע האָט געשיקט — זאָגט זיין פאָטער — איך ווייס נישט וואָס, עפּעס קליינִיקייטן.

אלישע נעמט די זאַכן און דאַנקט, און פרעגט:

— איז נישטאָ קיין בריוו אָדער עפּעס פאַר מיר?

— יאָ, — ענטפערט זיין פאָטער, טאַפּנדיק אין די קעשענעס, — ס'איז דאָ פון דער קליינער רעבעקאַ.

אלישע נעמט דעם בריוו. — דאָס איז עס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט, — און רופט זיך אָן צום פאָטער:

— אַ שאָד, וואָס דו ביסט געקומען אַ ביסל צו פרי — ס'איז נאָך צוויי טעג, ביז איך וועל פאָרן; ווען דו וואָלסט געוואָלט צוואַרטן אַ ביסל, וואָלסטו מיטגענומען מיין קופערט.

יצחק קריכט אַראָפּ פון דער פור, בינדט צו דאָס פערד און גייט אויף אַ שפּאַציר איבער דער נחלה. דער קליינער אַנדרעסן איז נישט קיין שלעכטער אַרבעטער אויפן לאַנד ביי אלישען. אמת, סיווערט פון סעלאַנראַא פלעגט קומען מיט די פערד אים העלפן, נאָר ער האָט אָפּגעטון אַ היפּש ביסל אַרבעט אַליין, אויסגעטריקנט אַ שטח זומפּן און געדונגען נאָך אַ מענטשן צו הילף, און יענער האָט אַרומגעלייגט די גראָבנס מיט שטיינער. היינטיקס יאָר וועט מען אין סטאָרבאָרג קיין קאָרמע שוין נישט דאַרפן קויפן און איבער אַ יאָר וועט שוין אלישע, וואַרשיינלעך, האָבן אַ פערד אַן אייגנס. אַלץ אַ דאַנק אַנדרעסענען, וואָס האָט מיט אַזאַ פלייס און ליבע געאַרבעט אויפן לאַנד.

נאָך אַ לענגערער ווילע לאָזט אלישע וויסן, אַז ער איז שוין גרייט מיט זיין קופערט. ער טראָגט אַ פיינעם בלויען גאַרניטור, אַ ווייסן קראַגן, קאַלאָשן אויף די פיס און אַ שטעקעלע אין האַנט. אמת, ער וועט האָבן צוויי טעג צו וואַרטן אויף דער שיף, נאָר דאָס מאַכט נישט אויס; ער קאָן איבערזיין אין דאָרף; ס'איז אַלצאיינס, צי ער איז דאָ אָדער דאָרטן.

און פאָטער און זון פאָרן אָפּ. אַנדרעסן קוקט זיי נאָך פון דער קראָם אַרויס ביי דער טיר און ווינטשט זיי אַ גליקלעכע רייזע.

יצחק דאַנקט זייער פאַר זיין זון און וויל אים אָפּגעבן דעם גאַנצן זיץ-פּלאַץ; נאָר אלישע וויל פון דעם נישט הערן און זעצט זיך לעבן אים. זיי קומען אונטער צו ברייד־אַבליק, — פּלוצים האָט אלישע עפּעס פאַרגעסן. — פּטר-רררר! וואָס איז? פרעגט זיין פאָטער.

אַ דער רעגן-שירם! אלישע האָט פאַרגעסן זיין רעגן-שירם; נאָר ער קאָן נישט דערקלערן דעם פאָטער גענויער, און זאָגט בלויז: — ס'איז גאָרנישט, פאָר ווייטער.

— ווילסט זיך נישט אומקערן צוריק.

— ניין. פאָר ווייטער.

אָט אַ פאַרדרוס — אַזוי קיין זכרון נישט האָבן. ס'איז געווען אַלץ פון איילעניש, איבער זיין פאָטערס וואַרטן דאָרטן אויף אים. מילא, איצט וועט ער שוין בעסער קויפן אַ נייעם רעגן-שירם אין טראָנדהיים. ס'מאַכט נישט אויס. וועט ער האָבן נאָך אַ שירם. נאָר פונדעסטוועגן איז אלישעס שטימונג עפּעס איבערגעפּירט; אויף אַזוי פיל, אַז ער שפּרינגט אַראָפּ און גייט נאָך פון הינטן.

איצט האָבן זיי שוין ווייניק וואָס געקאָנט רעדן, ווייל יצחק האָט געמוזט יעדעס מאָל זיך אומדרייען און רעדן אַריבער איבער זיינע אַקסלען. יצחק פרעגט: — ווי לאַנג וועסטו זיך זוימען דאָס מאָל?

און אלישע ענטפערט: — אַ דריי וואָכן, אפשר, אָדער אַ חודש.

זיין פאָטער חידושט זיך, ווי אַזוי מענטשן ווערן נישט פאַרלוירן אין די גרויסע שטעט, און אלישע ענטפערט, אַז ער איז צוגעוואוינט צום לעבן אין שטאָט, און ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט.

יצחק קלערט, אַז ס'איז נישט שיין, וואָס ער זיצט די גאַנצע צייט, און ער רופט זיך אָפּ: — קום איצט דו און טרייב אָן אַ ביסל; איך וועל מיד.

אלישע וויל אָבער נישט לאָזן דעם פאָטער אַראָפּגיין און זעצט זיך אַוועק לעבן אים נאָכאַמאָל. נאָר צוערשט מוזן זיי עפּעס אָפּעסן — פון יצחקס גוט-אָנגעפּילטן פּאַק. דערנאָך פאָרן זיי ווייטער.

זיי קומען צו צו די צוויי פערמעס, די ווייטסטע אַראָפּצו; ס׳איז לייכט צו זען, אַז זיי דערנענטערן זיך צום דאָרף שוין; אין ביידע הייזער הענגען ווייסע פאַרהעגגלעך איבערן קליינעם פענסטער, וואָס קוקט אַרויס צום וועג. און אַ פאָן־שטאַנג שטעקט איבערן היי־בוידים צו־ליבן קאָנסטיטוציע־פייער־טאָג. — דאָס איז יצחק — האָבן געזאָגט די לייט אויף די פערמעס, ווען די פור איז פאַרבייגעפאָרן.

אלישע באַהערשט זיך, רייסט זיך אָפּ פון די רעיונות איבער זיך און איבער זיינע אָנגעלעגנהייטן און פרעגט: — נאָך וואָס פאָרסטו אין דאָרף אַריין היינט?

— ה־מ, — ענטפערט זיין פאָטער, — כמעט צוליב גאָרנישט. — נאָר נאָך אַלעמען, פאָרט דאָך אלישע אַוועק; מאַכט נישט אויס, אַז ער וועט אים אויסזאָגן. — נאָך דעם שמידס מיידל, נאָך יאַנסינאַן, פאַר איך, גיט ער צו.

— דאַרפסטו אַליין פאָרן צוליב דעם? האָט סיווערט נישט געקאָנט פאָרן? — זאָגט אלישע. יאָ, אלישע איז געווען נאַיוו צו מיינען, אַז סי־ווערט וואָלט געפאָרן נאָך יאַנסינאַן, נאָכדעם ווי זי איז חוצפּהדיק אַוועק פון סעלאַנראַאַ!

ניין, דאָס לעצטע יאָר איז עס זייער שלים געגאַנגען מיטן היי־שניט. אינגער האָט טאַקע געאַרבעט איבער אירע כוחות, ווי זי האָט צו־געזאָגט. לעאָפּאָלדינאַ האָט אויך איר חלק געטון, שוין נישט צו רעדן וועגן דער מאַשין מיטן פערד. נאָר דאָס היי איז געווען שווער און די פעלדער ווייט פון שטוב. סעלאַנראַאַ איז געווען אַ גרויסער ישוב איצט, און די פרויען האָבן נאָך געהאַט אַנדערע אַרבעטן צו באַזאָרגן, אויסער זאַמלען דאָס היי: אויף אַלע בהמות אַכטונג צו געבן, און מאָלצייטן גרייטן, און וועש וואַשן, און באַקן ברויט; די מוטער און די טאָכטער האָבן געאַרבעט איבער זייערע כוחות. יצחק האָט נישט געוואָלט האָבן נאָך אַזאַ זומער; ער האָט שטילערהייט באַשלאָסן, אַז יאַנסינאַ מוז קומען צוריק, אויב מ׳קאָן זי נאָר קריגן. אינגער האָט אויך נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם; זי האָט ווידער צוריקגעקריגן איר פאַרשטאַנד און געזאָגט: — טו ווי דו פאַרשטייסט. — יאָ, אינגער איז געוואָרן פאַר־נונפטיק איצט; ס׳איז נישט קיין קליינקייט צוריק צו קריגן דעם פאַר־שטאַנד נאָך אַ שטיק צייט פון שלעכטער שטימונג. אינגער האָט שוין

מער נישט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל היץ, וואָס זאָל זיך רייסן פֿון איר, מער נישט אַזויפֿיל ווילד בלוט, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט האַלטן אין צוים. דער ווינטער האָט זי אָפּגעקילט: און זי באַזיצט איצט מער נישט ווי די נייטיקע וואַרימקייט. זי איז געוואָרן דיקער, פֿיין, פּרעכטיק. מערקווירדיק, ווי די עלטער האָט זיך נישט אָנגעזען אויף איר, קיין שום סימן פֿון וועלקן, וואַרשיינלעך דערפֿאַר, וואָס זי האָט אַזוי שפּעט אָנגעהויבן צו בליען. ווער קאָן זאָגן, ווי דאָס אַלץ געשעט? קיין זאַך קומט נישט אַרויס פֿון איין סיבה, נאָר פֿון אַ סך! איז אינגער נישט געווען געאַכטעט פֿון דעם שמידס פֿרוי? וואָס האָט דעם שמידס פֿרוי געקאָנט האָבן צו איר? צוליב איר פֿאַרקריפּלטן פּנים האָט זי פֿאַרלוירן זעקס יאָר פֿון איר זומער; הייס בלוט האָט אָבער פּאָרט געשטראָמט אין איר — טאָ וואָס איז דער חידוש, וואָס איר האַרבסט האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע ווילדע שפּראָצונגען? אינגער איז געווען בעסער פֿון אַזאַ איינער, פֿון אַ שמיד־ווייב — אַ ביסל געשעדיקט, אויסגעקרימט, אָבער גוט פֿון דער נאַטור אויס, און טיכטיק...

פּאָטער און זון פֿאָרן ווייטער, זיי קומען צו צו ברעד אָלסענס איינפֿאָר־הויז און שטעלן אַריין דאָס פֿערד אין שטאַל. ס'איז אָוונט איצט, זיי גייען אַריין אינעווייניק.

ברעד אָלסען האָט געדונגען דאָס הויז: אַ נעבן־געביידע איז עס געווען, וואָס האָט געהערט צום קרעמער, נאָר איצט איז עס געווען איינגעטיילט אין צוויי זאַלן און צוויי שלאָף־צימערן; ס'איז נישט שלעכט, און אויף אַ גוט אָרט. עס ווערט באַזוכט פֿון קאַווע־טרינקערס און פֿון פֿאַרשוינען פֿון רונד־אַרום, וואָס פֿאָרן מיט דער שיף.

ברעד, זעט אויס, איז כאָטש דאָס איינע מאָל געווען מזלדיק און געפֿונען עפּעס, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו אים, און ער מעג וואויל דאַנקען זיין פֿרוי פֿאַר דעם. ס'איז געווען ברעדס פֿרוי, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אויפֿן געדאַנק צו עפֿענען אַ קלייט פֿון קאַווע מיט אַן איינפֿאָר־הויז. יענעם טאָג, ווען זי איז געזעסן און פֿאַרקויפֿט קאַווע בשעת דער ליציטאַציע אין ברייד־אַבליק; ס'איז געווען אַ וואויל־אָנגענעמער געפֿיל צו פֿאַרקויפֿן עפּעס, צו פֿילן געלט אין די פֿינגער, מזומן געלט. זינט זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אַהער, זענען זיי אויסגעקומען גאַנץ נישט קשה; זי פֿאַרקויפֿט קאַווע, אויף אַן ערנסט איצט, און באַזאָרגט מיט

נאַכטלעגער פיל מענטשן, וואָס האָבן נישט ערגעץ־וואו אַנדערש אַוועקצולייגן זייער קאָפּ. אַ ברכה פאַר רייזנדע איז ברעדס ווייב. זי האָט אַ גוטע אַרויסהעלפערין, איר טאָכטער קאַטערינע, וואָס איז שוין אַ גרויס מיידל איצט און טויג זיך צו באַדינען געסט — הגם דאָס איז נאָר אויף דערווייל, פאַרשטייט זיך, ביז זי וועט אונטערוואַקסן און פאַרלאָזן דאָס הויז פון אירע עלטערן. נאָר לעת עתה פאַרדינען זיי געלט נישט קשה, און דאָס איו די הויפטזאַך, דער אַנהייב איז געווען גאָר אַ גינסטיקער, און ער וואָלט געווען געקאָנט זיין נאָך בעסער, ווען דעם קרעמער וואָלט נישט געווען אויסגעפעלט קוכן און זיסער ביסקוויט צו דער קאַווע; יום טובדיקע געסט האָבן אומזיסט געבעטן קוכן צו דער קאַווע, ביסקוויט און קוכן! ס'האָט אָנגעלערנט דעם קרעמער — אָנצוגרייטן אַ גוטן זאַפּאַס אַ צווייט מאָל.

די פאַמיליע, און ברעד אַליין, קומען ווי־נישט־איז אויס מיט די פאַרדינסטן. אַ היפּש ביסל מאָלצייטן באַשטייט נאָר פון קאַווע און אַלטגעבאַקענעם קוכן, וואָס איז איבערגעבליבן, נאָר עס דערהאַלט זיי דאָך ביים לעבן און גיט אפילו צו די קינדער אַ דעליקאַטן אויסזען, אַ מין ראַפינירטקייט. נישט יעדער איינער האָט קוכן צו זיין קאַווע, זאָגן די דאָרפסלייט. יאָ, די ברעדס מאַכן נישט שלעכט, אַ פּנים; זיי פאַרגינען זיך צו האַלטן אַ הונט, וואָס גייט אַרום בעטלען צווישן די געסט, באַקומט אַ ביין דאָ און דאָרט און ווערט פעט פון דעם. און אַ פעטער הונט איז אַ טייערע רעקלאַמע פאַר אַן איינפאָר־הויז, ס'ווייזט אויף גוט עסן!

ברעד, אַלזאָ, איז באַלעבאָס — און ער האָט נאָך אַ חוץ דעם זיך אויך אַרויפגעאַרבעט. ער איז ווידער געוואָרן שמש ביים לענסמאַנד און אַ שטיק צייט געהאַט אַ סך וואָס צו טון. אומגליקלעכערווייז האָט באַרבראָ זיך צעקריגט מיטן לענסמאַנדס פרוי לעצטן האַרבסט, איבער אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט, — צו זאָגן דעם אמת, איבער אַ פלוי; און צוליב דעם האָט מען פון דאַמאָלס אָן אויך צו ברעדן אָנגעהויבן צו באַציִען זיך אומפריינטלעך. נאָר ברעד האַלט עס נישט פאַר קיין גרויסן פאַרלוסט; ס'זענען דאָ אַנדערע פאַמיליעס, וואָס געפינען אַרבעט פאַר אים, אומישנע, כדי צו ערגערן דעם לענסמאַנד; ער ווערט אָפט גערופן, למשל, אָנצוטרייבן פאַרן דאָקטאָר; און וואָס איז שייך דעם גלחס

פאַמיליע, שיקן זיי גערן נאָך ברעדן יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן א פּאָר פּ קוילען, אָדער עפּעס אַנדערש — אַזוי זאָגט ברעד אַליין.

נאָר פונדעסטוועגן שטייען אָן ווען־נישט־ווען שווערע צייטן אין ברעדס הויז; נישט די גאַנצע פאַמיליע איז אַזוי זאַט, ווי דער הונט. אָבער, א ליוב דעם אויבערשטן, איז ברעד נישט דער מענטש, וואָס זאָל זיך נעמען צום האַרצן: — „אָט וואַקסן די קינדער אונטער, זאָגט ער, — הגם ס׳קומט אַלעמאָל צו נײַ קליינוואַרג אויף זייער אָרט, — און דאַן פאַרלאָזן זיי די היים, קאָנען זיך אַליין אויסהאַלטן און שיקן נאָך עפּעס צו אַהיים ווען־נישט־ווען״. אָט האָט באַרבאַראַ חתונה געהאַט און וואוינט אין מאַאַנעגלאַנד, און העלגע דינט אין דער הערינג־פישערײַ; זיי שיקן צו אין געלט אָדער אין ווערט פון געלט אַזוי אָפט, ווי זיי קאָנען נאָר; יאָ, אפילו קאָטרין, זייענדיק א קעלנערין אינדערהיים, האָט באַוויזן, — מאָדנע ווי דאָס איז, — אַריינשמוגלען א פינף־קראָנען אַסיגנאַציע אין איר פאָטערס האַנט פאַראַיאָרן ווינטער, ווען די לאַגע איז געווען זייער שלעכט. — „אָט דאָס איז א קינד״, האָט ברעד געזאָגט, און קיינמאָל נישט געפרעגט, וואו און ווי אַרום זי האָט דאָס געלט געקריגן. יאָ, אַזוי באַדאַרף צו זיין! קינדער באַדאַרפן האָבן האַרץ צו געדענקען זייערע עלטערן און אַרויסהעלפן אין א צייט פון נויט!

מיט זיין זון העלגע איז ברעד נישט אינגאַנצן צופרידן אין דעם פרט; מ׳קאָן אים אָפט זען, ווי ער שטייט אין קראָם און אַנטוויקלט פאַרן עולם זיינע טעאָריעס וועגן קינדער און זייערע פליכטן צו זייערע עלטערן. — „אָט נעמט מיין יינגל העלגע. אויב ער רייכערט א ביסל אָדער נעמט א טרונק ווען־נישט־ווען, האָב איך גאָרנישט קעגן דעם, מיר זענען אַלע געווען יונג אַמאָל. ס׳איז אָבער נישט רעכט פון אים צו שיקן אַהיים איין בריוו נאָכן אַנדערן נאָר מיט הוילע ווערטער און ווינשעוואַניעס. ס׳איז נישט רעכט, אַז זיין מאַמע זאָל וויינען איבער אים. ס׳איז א פאַלשער וועג פאַר א בחור. אַמאָליקע צייטן איז געווען אַנדערש. אַזוי גיך נאָר ווי קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, זענען זיי אַוועק דינען און אָנגעהויבן שיקן אַהיים א ביסל פון זייערע פאַרדינסטן, און גאַנץ גערעכט אַזוי! האָבן זייערע פאָטער און מוטער נישט שווער געהאָרעוועט אויף זיי, ביז זיי זענען געוואָרן גרויסע? קינדער טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן.

ס׳האָט כמעט אויסגעזען, ווי העלגע וואָלט געהאַט אונטערגעהערט זיין פאָטערס דרשה, ווייל באַלד דערויף איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אים מיט געלט — גאַנצע פופציק קראָנען. דאַן איז געקומען פאַר ברעדן אַ גרויסאַרטיקע צייט; מען האָט געקויפט פלייש און פיש אויף מיטאָג און אַ הענג-לאָמפּ מיט פּריזמעס פאַרן שענסטן צימער פון איינ-פּאַר.

זיי זענען אויסגעקומען ווי-נישט-איז, און וואָס נאָך האָבן זיי גע-קאָנט פאַרלאַנגען? מען האָט געלעבט פון האַנט צום מויל, אָבער קיינ-מאָל נישט געזאָרגט, און אַזוי האָט זיך געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

— אָט זענען אָנגעלייגטע געסט! — זאָגט ברעד, אַריינפירנדיק יצחקן און אלישען אין צימער מיטן צייעם לאָמפּ. — אָבער, וואָס זע איך? איר קלייבט זיך ערגעץ פאָרן, יצחק?

— ניין, בלויז צום שמיד נאָך עפּעס, ווייטער נישט.

— האַ! איז עס אלישע, אויב אַזוי, וואָס פאַרט קיין דרום ווי-דער?

אלישע איז צוגעוואוינט צו האָטעלן; ער מאַכט זיך היימיש, הענגט אויף זיין מאַנטל און שטעקן אויף דער וואַנט און באַשטעלט קאַ-ווע; עפּעס צו עסן האָט זיין פאָטער אין קיישל. קאַטרין דערלאַנגט די קאַווע.

— באַצאָלן? — כ׳וויל גאָר פון דעם נישט הערן, — זאָגט ברעד — כ׳האָב נישט איינמאָל געגעסן און געטרונקען אין סעלאַנראַא; און וואָס איז שייך צו אלישען, שטיי איך שוין פאַרשריבן אין זיינע ביכער. נעם נישט, קאַטרין. — נאָר אלישע באַצאָלט סיי-ווי, ער נעמט אַרויס זיין טייסטער און באַצאָלט און גיט נאָך צוואַנציק אָר טרינק-געלט; ער איז נישט אַבי ווער.

יצחק גייט אַריבער צום שמיד, און אלישע בלייבט.

ער רעדט אַ פּאָר ווערטער, ווי דער שטייגער איז, צו קאַטרינען, נאָר נישט מער, וויפל ס׳איז נויטיק; ער וועט בעסער רעדן מיט איר פאָטער. ניין, אלישע מאַכט זיך גאָרנישט פון פרויען; ער איז איינמאָל אָפּגעשראָקן געוואָרן פון זיי, און ער אינטערעסירט זיך מער נישט מיט זיי. און אפשר האָט ער קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שטאַר-

קער ליבע, און עס אַרט אים נישט דעריבער. אַ מאָדנער מענטש — לעבט אין דער ווילדעניש, האָט אײדעלע, שרײבערישע הענט און אַ ווײבלעכן חוש פאַר פוץ, פאַר שטעקעלעך און רעגן־שירמס און קאַלאָשן. אָנגעשראָקן און צוריקגעהאַלטן, אָן אומבאַגרײפלעכער יונג. אויף זײן איבערליפ ווילן אפילו קײן רעכטע וואָנסעס נישט וואַקסן. און אפשר האָט ער פון דער נאַטור אויס פאַרמאָגט גוטע יסודות, נאָר אומנאַטירלעכע פאַרהעלטענישן האָבן אים אַזוי פאַרענדערט? האָט ער אפשר געאַרבעט אַזוי שווער אין קאַנטאָר, אין קראָם, אַז זײן גאַנצע אור־אײגנאַרטיקײט איז דערבײ פאַרלוירן געגאַנגען? יעדנפאַלס, אַזוי איז ער איצט, רויק און אָן לײדנשאַפט, אַ ביסל שוואַך און גלײכגילטיק, און אַזוי גײט ער ווײטער און ווײטער זײן זײטן־וועג. ער וואָלט געקאָנט מקנא זײן יעדן אײנציקן פון זײנע אַרומיקע אין דער ווילדעניש, נאָר אפילו אויף דערויף פאַרמאָגט ער נישט קײן כוח.

קאַטרין איז געוואוינט צו וויצלען זיך מיט אירע קונצן, און זי פרעגט אַלישען, זיך רײצנדיק מיט אים, צי ער פאָרט ווידער טרעפן זײן געליבטע אין דרום.

— כ׳האָב אַנדערע זאַכן וועגן וואָס צו קלערן, — זאָגט אַלישע — איך פאַר צוליב געשעפט — אָנקניפּן פאַרבינדונגען.

— שטײ נישט צו אַזוי, קאַטרין, — מאַכט איר דער פאָטער אַ פאָרוואורף. אָ, ברעד אָלסען האָט גרויס דרך ארץ פאַר אַלישען, גיט אים אָפּ כבוד. און וואויל מעג ער עס טון, ס׳איז גאַנץ קלוג פון אים, ווארום ער ווײסט, אַז ער איז שולדיק געלט אין סטאָרבאָרג און דאָ געפינט זיך זײן קרעדיטאָר בײ אים. און אַלישע? הא, די הכנעה געפעלט אים, און ער איז גוט און גנעדיק דערפאַר, רופט ברעדן „מײן ליבער הער" אין שפאַס און מאַכט גאָר אַ גרויסן אָנשטעל. ער דערמאַנט ווידער, אַז ער האָט פאַרגעסן זײן רעגן־שירם: — אַקוראַט ווען מיר זענען פאַרבײגעפאָרן ברײדאַבליק, האָב איך זיך געכאַפּט; געלאָזן דעם רעגן־שירם אינדערהײם.

ברעד פרעגט: — איר וועט געוויס אַרײנקומען אין אָוונט צום קרעמער אַ גלאָז ווײן אויסטרינקען.

זאָגט אַלישע: — יאָ, אפשר, ווען איך וואָלט געווען אַלײן. איך האָב אָבער מײן פאָטער דאָ מיט זיך.

ברעד מאַכט זיך פריינטלעך און שמועסט ווייטער:

— מיר דערוואַרטן אַ גאַסט איבערמאָרגן, וואָס איז אויף זיין וועג צוריק קיין אַמעריקע.

— געווען אינדערהיים צו גאַסט?

— יאָ. ער איז פונם דאָרף, אַרויפצו אַ ביסל. ער איז געווען אַוועק אַ סך יאָרן און געקומען אַהיים אויפן ווינטער. זיין קופערט האָט מען שוין געבראַכט צו פירן מיט אַ פור — אַ זעלטן טייערער קופערט.

— אַ פאָר מאָל האָב איך אַליין אויך געטראַכט וועגן פאָרן קיין אַמעריקע, — זאָגט אלישע פריי.

— איר? — פרעגט ברעד. — ס'אַ קליינע נויט פאַר אַזעלכע ווי איר צו לאָזן זיך אין אַזאַ וועג.

— ניין, נישט צו פאַרבלייבן דאָרטן אויף שטענדיק, האָב איך געקלערט. נאָר איך בין שוין אויסגעפאָרן אַזוי פיל ערטער, אַז איך וואָלט פונקט אַזוי גוט געקאָנט מאַכן אַ נסיעה אויך אַהין.

— יאָ, געוויס. און אַ שלל מיט געלט מוז מען דאָרטן פאַרדינען, אין אָט דער אַמעריקע. אָט יענער פאַרשוין, וועגן וועלכן כ'האָב גערעדט פריִער. ער האָט באַצאָלט פאַר אַזוי פיל סעודות דעם ווינטער, און ער קומט אַריין אַהער און זאָגט צו מיר: — דערלאַנג אַ ביסל קאַווע, אַ פולן קריג, און דעם גאַנצן קוכן, וואָס דו האָסט.״ איר ווילט זען זיין קופערט?

זיי זענען אַרויס אין קאָרידאָר אַ קוק צו טון אויפן קופערט. וואונדערבאַר! גלאַנצט פון אַלע זייטן, באַשלאָגן אין די ווינקלען מיט מעטאַל, קלאַמרעס און רימענס, און דריי לעמפלעך, שוין נישט צו רעדן פונם שלאָס. — פאַרזיכערט פון אַ גנבה, — זאָגט ברעד, ווי ער וואָלט עס אַליין האָבן אויסגעפרווּט.

זיי זענען צוריק אַריין אין צימער, נאָר אלישע איז געוואָרן פאַרטראַכט. דער דאָזיקער אַמעריקאַנער, פונם דאָרף אַרויפצו, האָט אים איבערגעשטיגן. ער האָט זיך גאָרנישט אָ.געזען אַנטקעגן אַזאַ מאַן, וואָס פאָרט אַרויס אויף אַ רייזע ווי אַ היכער רעגירונגס-באַאַמטער; יאָ, ס'איז זייער נאַטירלעך, וואָס ברעד מאַכט אַזאַ ווען פון אים. אלישע האָט באַשטעלט נאָך קאַווע און געפרווּט אויך שפילן די ראָל פונם

רייכן מאן; באשטעלט קוכן צו דער קאווע און נעגעבן דעם הונט — און די גאנצע צייט זיך געפילט דערנידעריקט און נידערגעשלאָגן. וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט זיין קופּערט קעגן יענעם וואונדער דאָרטן? אָט שטייט ער, זיין קופּערט, שוואַרצע לייוונט, און די ווינקלען איינגאַנצן אויסגעריבן און אָפּגעטראָגן; אַ געוויינטלעך רענצל, מער גאָרנישט — האַ, נאָר וואַרט! ער וועט קויפן אַ קופּערט, ווען ער וועט קומען אין די שטעט, און אַ גרויסאַרטיקער וועט ער זיין, וואַרט נאָר צו!

— ס'אַ שאָד אַזוי צו האָדעווען דעם הונט, — זאָגט ברעד.

אלישע פילט זיך בעסער פון דעם און טרייבט ווייטער דעם אָנשטעל: אַ חידוש, ווי אַ חיה קאָן עס אַזוי פעט ווערן, — זאָגט ער.

און פון דעם געדאַנק איז ער אַרויף אויף אַ צווייטן. ער אונטערברעכט זיין שמועס מיט ברעדן און גייט אַרויס אין שטאַל אַ קוק טון צום פערד. און דאָרטן נעמט ער אַרויס אַ בריוו פון קעשענע, און עפנט אים. ער האָט אים פריער געהאַט גלייך אַריינגעלייגט, נישט אַכטונג געבנדיק וויפיל געלט ס'איז אין אים געלעגן; דעם זעלבן מין בריוו האָט ער באַקומען אויך פריער, און שטענדיק מיט אַ פעקל אַסיגנאַציעס אינעווייניק — אַרויסצוהעלפן אים אויפן וועג. וואָס איז געווען אין דעם בריוו? אַ גרויסער בויגן גרוי פאַפּיר איינגאַנצן פאַרשמירט מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס — פון דער קליינער רעבעקאַ צו איר ברודער אלישע, און עטלעכע ווערטער פון דער מוטער. וואָס נאָך? ווייטער גאָרנישט. קיין געלט גאָרנישט.

זיין מוטער האָט געשריבן, אַז זי האָט דאָס מאָל נישט געקאָנט בעטן קיין געלט ביים פאָטער, ווייל ס'איז שוין געבליבן גאָר אַ קלייניקייט פון דעם, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר דער קופּער־שאַכט; דאָס געלט איז אַוועק אויף קויפן סטאָרבאָרג, אויף באַצאָלן פאַר די אַלע סחורות און אויף אלישעס נסיעות. ער מוז פּרוון אויסקומען אַליין דאָס מאָל, ווייל דאָס געלט, וואָס איז פאַרבליבן, דאַרף געהאַלטן ווערן פאַר זיין ברודער און פאַר די שוועסטער, נישט צו לאָזן זיי אַלע אָן גאָרנישט. און אַ גליקלעכע רייזע און האַרציקע גרוסן.

קיין גראָשן געלט נישט.

אלישע אַליין האָט נישט געהאַט געניג אויף די הוצאות; ער האָט אויסגעליידיקט דאָס געלט-קעסטל אין סטאַרבאַרג, און קיין סך איז אין דעם נישט געווען. אָ, אַ נאַר איז ער געווען אַפּצושיקן דאָס געלט צו די סוחרים אין בערגען אויפן חשבון; ער האָט נישט געדאַרפט איילן זיך מיט דעם; ער האָט עס געקאָנט אָפּלייגן. ער האָט געדאַרפט, פאַרשטייט זיך, עפענען דעם בריוו, איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, וואָלט ער געווען זיך איינגעשפּאָרט די רייזע אין דאָרף אַריין מיט זיין קלעגלעכן קופערט. און איצט שטייט ער דאָ...

זיין פאָטער קומט צוריק פונם שמיד; יאַנסינאַ גייט ווידער דינען ביי זיי, און וועט פאָרן מיט אים מאָרגן אין דער פרי. און יאַנסינאַ, מאָלט אייך, איז גאָר נישט געווען קעגנעריש און שווער צום איבערעדן, נאָר באַלד איינגעזען, אַז זיי נויטיקן זיך אין הילף אין סעלאַנגראַא אויפן זומער, און גלייך מסכים געווען צוריקצוגיין צו זיי. אַלץ איז אַראָפּ זייער גלאַט.

בשעת זיין פאָטער רעדט, זיצט אלישע און טראַכט פון זיינע אייגענע עסקים. ער ווייזט אים דעם אַמעריקאַנער קופערט און זאָגט: — איך ווינטש זיך נאָר צו קאָנען זיין דאָרטן, פון וואַנען דאָס קומט.

און זיין פאָטער ענטפערט: — יאָ, ס'וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט אפשר.

אויף מאָרגן אין דער פרי מאַכט זיך יצחק גרייט צו פאָרן אַהיים; ער עסט אָפּ, שפּאַנט איין דאָס פערד און פאָרט צו צום שמיד נאָך יאַנסינאַן און איר קעסטל. אלישע שטייט און קוקט זיי נאָך, ווי זיי פאָרן אַוועק; דערנאָך, ווען מען זעט זיי שוין מער נישט אָן פונם וואַלד אַרויס, באַצאָלט ער, וואָס ס'קומט פון אים אינם איינפאָר-הויז און לאָזט נאָך איבער טרינק-געלט. — זאָל מיין קופערט דאָ שטיין ביז איך'ל צוריקקומען — זאָגט ער צו קאַטרינען, און גייט אַרויס.

אלישע גייט — וואוהין? איין אָרט נאָר געבליבן; ער גייט צוריק, ווידער אַהיים. ער פאַרגעסט זיך מיטן וועג אַרויפצו, איבער די בערג, און באַמיט זיך צו האַלטן זיך וואָס נענטער צו זיין פאָטער מיט יאַנסינאַן, אָבער אַזוי, אַז זיי זאָלן אים נישט זען. ער גייט און גייט, און

איצט הייבט ער ווירקלעך אָן מקנא צו זיין יעדן איינעם דאָ אין דער ווילדעניש.

אַ רחמנות אויף אלישען, דאָס לעבן האָט אים אַזוי ביטער אָפּגענאַרט.

פירט ער דען נישט קיין מסחר אין סטאָרבאָרג? יאָ. אָבער זיין באַלעבאָס אין סטאָרבאָרג איז גאָרנישט. אלישע מאַכט אָפטע לוסט־רייזעס צוליבן געשעפט, אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען. און דאָס קאָסט צופיל, ער פאָרט נישט אויף קיין ביליגן אופן. — ס׳לוינט נישט צו זיין קאַרג — זאָגט אלישע, און לאָזט איבער צוואַנציק אָר טרינק־געלט, וואו ער האָט געקאָנט לאָזן צען. דאָס געשעפט קאָן נישט אויסהאַלטן אַ מאַן פון זיין שניט, ער מוז קריגן סובסידיעס פון דער היים. קאַרטאָפל, קאָרן און היי קלעקט נאָך אין סטאָרבאָרג, נאָר דער גאַנצער איבעריקער פּראָוויאַנט מוז קומען פון סעלאַנראַאַ. איז דאָס אַלץ? סיווערט מוז נאָך אַרויפפירן זיין ברודערס סחורות פון דער שיף אומזיסט. און זיין מוטער מוז נאָך אַרויסקריגן געלט פון פאָטער צו דעקן די הוצאות פון זיינע נסיעות. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

דאָס ערגסטע דאַרף ערשט קומען.

אלישע פירט זיין געשעפט, ווי אַ נאַר. עס טוט אים אַזוי הנאה, ווען מענטשן קומען אַרויף פון דאָרף צו קויפן אין סטאָרבאָרג, אַז ער גיט זיי גערן אויף באָרג. און ווען דאָס ווערט באַקאַנט אין דער געגנט, קומען אַלע קויפן אויף דעמזעלבן אופן. אלישע איז פריינטלעך און זאָגט קיינעם נישט אָפּ. די קראָם ווערט אויסגעליידיקט און זי ווערט אָנגעפילט צוריק. אַלץ קאָסט געלט. און ווער באַצאָלט? זיין פאָטער.

לכתחלה האָט זיין מוטער געטריי אים פארטיידיקט: אלישע איז דער קלוגער קאָפּ אין דער פאַמיליע; זיי מוזן אים צוהעלפן. „דערמאַן זיך נאָר, ווי ביליק ער האָט אָפּגעקויפט סטאָרבאָרג, ווי ער האָט גלייך געזאָגט, וויפיל ער גיט פאַר דעם!‟ ווען יצחק האָט געפרוווט זאָגן, אַז דאָס געשעפט גייט עפּעס נישט גוט, האָט זי אים געמוסרט.

— ווי אַזוי קאָנסטו זאָגן אַזעלכע זאַכן.

יאָ, זי האָט אים פאָרגעוואָרפן, וואָס ער דערלויבט זיך אַזעלכע

רייד וועגן זיין זון; ער האָט פאַרגעסן אַפּנים זיין שטאַנד, אויב ער קאָן רעדן אַזוי וועגן אלישען.

ווייל זי, זיין מוטער, איז אַליין געווען אין דער וועלט; זי האָט פאַרשטאַנען, ווי שווער ס'איז פאַר אלישען צו לעבן אין דער ווילדע־ניש, בשעת ער איז צוגעוואוינט צו בעסערס, צו פאַרקערן אין געזעל־שאַפט, און בשעת דאָ האָט ער נישט קיינעם פון זיין גלייכן. ער האָט צופיל געגעבן אויף באַרג, אָבער ער האָט עס נישט געטון מיט קיין שלעכטער כוונה, נישט חלילה, כדי צו רואינירן זיינע עלטערן, נאָר אויס בלויזער גוטהאַרציקייט און איידעלן כאַראַקטער; דאָס איז זיין שטייגער פון העלפן די יעניקע, וואָס זענען נישט אַזוי גוט און פיין ווי ער. איז ער דען נישט געווען דער איינציקער מענטש אין די מקומות, צו ניצן ווייסע טיכלעך, וואָס מ'האָט זיי געדאַרפט וואַשן אַלעמאָל? ווען מענטשן זענען געקומען מיט צוטרוי צו אים און געבעטן אויף באַרג, איז אויב ער וואָלט געזאָגט „ניין", וואָלטן זיי עס אויסגעטייטשט שלעכט, ס'וואָלט אויסגעזען ווי ער איז נישט דער פיינער מענטש, פאַר וועלכן זיי האָבן אים געהאַלטן. און אויך האָט ער געהאַט געוויסע פליכטן צו זיינע שכנים, אַלס דער שטאָט־מענטש, דער גאון צווישן זיי אַלע.

יאָ, זיין מוטער האָט די אַלע זאַכן געהאַט אין זינען.

נאָר זיין פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם אַלעם, האָט איר אויפגעעפנט אירע אויגן אין איינעם אַ טאָג און געזאָגט:

— נאָ זע, אָט דאָס איז אינגאַנצן דאָס געלט, וואָס איז געבליבן פון דער שאַכט.

— מער נישט? — האָט זי געזאָגט — און וואו איז אַהינגעקומען דאָס איבעריקע?

— אלישע, ער האָט געקריגן דאָס איבעריקע.

און זי האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט דאַן און דערקלערט, אַז ס'איז שוין צייט, אלישע זאָל אָנהייבן נוצן זיין שכל.

אָרימער אלישע, אַלץ האָט ער אויסגעבראַכט און פאַרשווענדט. בעסער וואָלט שוין געווען, אפשר, ווען ער וואָלט געווען באַארבעט די ערד. איצט אָבער איז ער אַ מענטש, וואָס קאָן שרייבן, נאָר אָן שום אַרבעטס־גייסט, קיין שום אָנהאַלט אין אים, קיין טיפקייט. און פאַר־

דאָרבן איז ער אויך נישט. ער איז נישט פאַרליבט און נישט אַמביציעז, ער איז קיין זאַך נישט.

עפּעס אומגליקלעכס, שלימזלדיקס איז אַרום דעם יונג, אַזוי ווי עפּעס וואָלט געפוילט אין אים פון אינעווייניק. יענער שטאָטישער אינזשיניער, דער גוטער מענטש — בעסער וואָלט ער נישט געווען אַזאַ גוטס אַלישען קליינערהייט און אים מיטגענומען מיט זיך צו מאַכן אַ לייט פון אים; אַלישע איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין שורש — און שלעכט אָפּגעשניטן דערביי. צו וואָס ער נעמט זיך נישט, גייט אַלץ שלים שלימזל, עס פוילט...

און אַלישע גייט ווייטער און ווייטער. די צוויי אין דער פור פאָרן פאַרביי סטאָרבאָרג. אַלישע לייגט אָן אַ גרויס שטיק וועג, אַרום און אַרום, און ער גייט פאַרביי סטאָרבאָרג; וואָס האָט ער געהאַט צו טון דאָרטן אין דער היים, אין זיין קראָם? די צוויי אין דער פור קומען אָן אין סעלאַנראַאַ פאַרנאַכט; אַלישע איז נישט ווייט פון זיי. ער זעט סיווערטן אַרויסקומען אויפן הויף, ער איז איבעראַשט צו טרעפן יאַנסינאַן, און ביידע דריקן זיך די הענט און לאַכן אַ ביסל; דערנאָך שפּאַנט סיווערט אויס דאָס פערד און פירט עס אַריין אין שטאַל.

אַלישע נעמט זיך אָן מיט מוט און שטעלט אַ טריט פאָרויס, ער, דער שטאָלץ פון דער פאַמיליע, פועלט ביי זיך און קומט צו אַ ביסל נענטער. נישט ער גייט, נאָר ער גנבעט זיך; ער קומט אַריין צו סיווערטן אין שטאַל.

— ס'איז איך, — זאָגט ער.

— וואָס — דו ביסט אויך דאָ? — זאָגט סיווערט, איבער אַ נייס פאַרוואונדערט.

ביידע ברידער הייבן אָן צו רעדן אין דער שטיל; צי קאָן נישט סיווערט ווירקן אויף דער מוטער צו קריגן אַ ביסל געלט; די לעצטע הילף; געלט אויף אָפּפאָרן; אַזוי קאָן עס נישט גיין ווייטער; אַלישע איז מיד; ער האָט באַטראַכט וועגן דעם אַ לאַנגע צייט, און ער מוז אַוועקפאָרן היינט ביינאַכט נאָך; ער פאָרט קיין אַמעריקע, און מוז זיך זעצן אויף דער שיף היינט ביינאַכט.

— קיין אַמעריקע? — שרייט אויס סיווערט הויך.

— ש-ש! כ'האָב וועגן דעם געטראַכט אַ לאַנגע צייט, און דו מוזסט פּועלן ביי דער מאַמען צו טון אַזוי ווי איך זאָג דיר; ס'קאָן אַזוי נישט אָגגיין ווייטער.

— אָבער קיין אַמעריקע? — זאָגט סיוועדט. — ניין, טו עס נישט.

— איך פאַר, אַזוי האָב איך באַשלאָסן. איך גיי צוריק נאָך איצט, אום נישט צו פאַרזוימען די שיף.

— אָבער דו מוזסט עפּעס אָפּעסן פריער?

— איך בין נישט הונגעריק.

— איז אָפּרוען זיך אַביסל?

— ניין.

סיווערט פּרווט צוריקהאַלטן זיין ברודער פון פאָרן, נאָר אלישע איז אַנטשלאָסן; יאָ, דאָס מאָל איז ער אַנטשלאָסן. סיווערט אַליין איז איינגאַנצן אַ צעמישטער; פריער די איבערראַשונג מיט יאַנסינאַן, און איצט אלישע, וואָס וויל פאַרלאָזן אַלץ און אַלעמען, ווי ער וואָלט וועלן איינגאַנצן אַוועק פון דער וועלט. — און וואָס איז וועגן סטאַרבאָרג? — זאָגט ער. — וואָס וועט איר טון מיט דעם?

— אַנדרעסן קאָן עס האַלטן פאַר זיך, — זאָגט סיווערט.

— אַנדרעסן? וואָס מיינסטו?

— האָט ער דען נישט בדעה חתונה צו האָבן מיט לעאָפּאָלדינאַן?

— דאָס ווייס איך נישט. יאָ, אפשר.

זיי רעדן שטילערהייט, שמועסן ווייטער. סיווערט דענקט, אַז ס'וואָלט געווען גלייכער דער פאָטער זאָל אַרויסקומען און אלישע זאָל מיט אים איבעררעדן אַליין; נאָר „ניין, ניין!" מורמלט אלישע; ער איז עס נישט אומשטאַנד, ער קאָן נישט, ער מוז האָבן אַ פאַרמיטלער.

זאָגט סיווערט:

— נו, די מאַמע, דו קאָנסט זי דאָך. זי וועט וויינען און קלאָגן. זי דאַרף נישט וויסן.

— יאָ, — איז אלישע מסכים, — זי דאַרף נישט וויסן.

סיווערט גייט אַוועק, זוימט זיך יאָרן גאַנצע, און קומט צוריק מיט

געלט, אַ שלל מיט געלט. — נאַ, דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט; וועט זיין בענוג? צייל איבער — ער האָט נישט געציילט, װיפיל ס׳איז געווען.

— וואָס האָט ער געזאָגט — דער טאַטע?

— גאָרנישט, ער האָט קיין סך נישט גערעדט. איצט מוזסטו צו־וואַרטן אַביסל, איך וועל נעמען אַ מאַנטל אויף זיך און וועל גיין מיט דיר אַראָפּ.

— דאַרפסט זיך נישט באַמיִען; גיי און רו זיך אָפּ.

— האַ, שרעקסט זיך אַזוי פאַר דער פינסטערניש, אַז איך דאַרף נישט אַוועקגיין? — זאָגט סיוערט, פרווונדיק אויף אַ רגע צו זיין מונטער.

ער גייט אַוועק אויף אַ ווײַלע און קומט צוריק אָנגעטון, און מיט זיין פּאָטערס שפּײַז-קוישל אויף דער פּלייצע. ווי זיי גייען אַרויס, שטייט זייער פּאָטער אינדרו סן. — איז לאָזסטו זיך אין יענעם לאַנגן וועג אַריין? — זאָגט יצחק.

— יאָ, — האָט אלישע געענטפערט; — נאָר איך וועל נאָך קו־מען צוריק.

— איכ׳ל דיך נישט אָפּהאַלטן איצט — ס׳איז ווייניק צייט פאַר־בליבן, — מ׳רמלט דער אַלטער און דרייט זיך אַוועק. — זאָל זיין מיט גליק, — טוט ער הייזעריקלעך אַ זאָג אַרויס מיט אַ מאָדנע קול, און גייט אין איילעניש אַוועק.

די צוויי ברידער גייען מיטן וועג אַראָפּ; אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, זעצן זיי זיך צו עסן; אלישע איז הונגעריק, קאָן זיך קוים אָנעסן צו זאַט. ס׳איז אַ שיינע פרילינג־נאַכט, שוואַרצע וואַלד־העגער שפּילן אויף די שפּיצן בערגלעך; דער היימישער קלאַנג אַנטמוטיקט דעם עמי־גראַנט אויף אַ רגע. — אַ שיינע נאַכט, זאָגט ער, וואָלסט זיך בעסער אומגעקערט שוין, סיוערט.

— ה־מ, — זאָגט סיוערט, און גייט ווייטער מיט אים.

זיי גייען פאַרביי סטאָרבאָרג, פאַרביי ברײדאַבליק, און די הענער־קלאַנגען פאָלגן זיי נאָך דעם גאַנצן וועג איבער די בערג; ס׳איז נישט

קיין מיליטערישע מוזיק, ווי אין די שטעט, ניין, די קלאַנגען זאָגן אָן דעם אָנקום פון פרילינג. דאַן דערהערט זיך פלוצלינג דער ערשטער צווירטש פון אַ פויגל אויף אַ שפּיץ בוים, באַלד וועקן זיך אַנדערע און רופן זיך אָפּ; עס איז מער ווי אַ ליד, עס איז אַ הימן. דער עמיגראַנט דערפילט אַ היים-בענקשאַפט און אַ הילפלאָזיקייט, און וויל קיין אַמע-ריקע, — קיינער איז נישט אַזוי צוגעפּאַסט פאַר אַמעריקע, ווי ער.

— דו גיי צוריק איצט, סיווערט, — זאָגט ער.

— נו, גוט, — זאָגט זיין ברודער. — אַז דו ווילסט.

זיי זעצן זיך צו ביים ראַנד פון וואַלד, און זיי זען פאַר זיך דאָס דאָרף, די קראָם און דעם האַפן, ברעדס אַלט איינפאַר-הויז; עטלעכע פּאַסאַזשירן דרייען זיך אַרום לעבן דער שיף.

— נו, ס׳איז נישטאָ קיין צייט מער צו זיצן, — זאָגט אַלישע זיך אויפשטעלנדיק.

— אַ שאָד, וואָס דו פאָרסט אַוועק אַזוי ווייט, — זאָגט סי-ווערט.

און אַלישע ענטפערט:

— איך וועל נאָך קומען צוריק. און איכל דאַן האָבן אַ בעסערן קופערט מיט זיך.

ווי זיי געזעגענען זיך, רוקט סיווערט עפּעס אריין אין זיין ב״ו-דערס האַנט, עפּעס איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. — וואָס איז עס? — פרעגט אַלישע.

— פאַרגעס נישט צו שרייבן אָפט, — זאָגט סיווערט און גייט אַוועק.

אַלישע וויקלט אויף דאָס פּאַפּיר און זעט: ס׳איז דאָס גאָלדשטיק, די צוואַנציק גאָלד-קראָנען.

— מ׳דאַרף נישט! — שרייט ער נאָך. — דאַרפסט עס מיר נישט אַוועקגעבן!

אָבער סיווערט גייט ווייטער.

ער גייט אָפּ אַ ביסל, דערנאָך דרייט ער זיך אום און זעצט זיך צו נאָכאַמאָל ביים ראַנד פונם וואַלד. מערערע מענטשן באַוועגן זיך איצט לעבן

דער שיף: מען גייט אַרויף, אלישע גייט אויך אַרויף; די שיף רוקט זיך אָפּ פונם האַפן און שווימט אַוועק. אלישע פאָרט קיין אַמע־ריקע.

ער איז קיינמאָל צוריק נישט געקומען.

XII

אַ מערקווירדיקע פּראָצעסיע גייט אויפן וועג קיין סעלאַנראַאַ. דריי מענער אָנגעלאָדן מיט אומגעהייערע משאות, מיט זעק, וואָס הענגען אַרונטער פון זייערע אַקסלען, פון פאָרנט און פון הינטן; איינער הינטערן צווייטן, שווער באַלאָדן, און שפּאַסן צווישן זיך. דער קליינער אַנדרעסן, דער הויפּט-אָנגעשטעלטער, איז דער פירער פון דער פּראָצעסיע; ס׳איז זיין פּראָצעסיע; ער האָט עס אויסגעשטאַט זיך אַליין, אין סיווערטן פון סעלאַגראַאַ, און נאָך איינעם, פרעדריק שטרעם פון ברייַדאַבליק, צו דער דאָזיקער עקספּעדיציע. אַ מערקווירדיקער יונג אָט דער קליינער אַנדרעסן; זיין אַקסל איז אַראָפּגעדריקט כמעט ביז צו דער ערד, און זיין רעקל איז אינגאַנצן פאַרצויגן אין דער קרום ביים האַלז, נאָר ער טראָגט זיין משא ווייטער און ווייטער.

ער האָט נישט אָפּגעקויפט סטאָרבאָרג און דאָס געשעפט, וואָס א ישע האָט איבערגעלאָזט, — דאָס איז ער נישט אימשטאַנד; בעסער וועט ער צוואַרטן אַ ביסל און קריגן דאָס גאַנצע אפשר פאַר גאָרנישט. אַנדרעסן איז נישט קיין נאַר; ער האָט דערוויַל דעם פּלאַן נאָר געדונגען, און פירט אַליין דאָס געשעפט.

ער האָט איבערגעקוקט דעם גאַנצן אינווענטאַר און געפונען אין אַלישעס קראָם אַ סך סחורה, וואָס מ׳האָט זי נישט געקאָנט פאַרקויפן:

פון צייַנבערשטלעך און אויסגעהאָפּטענע טישטוכער, ביז געשטאָפּטע פייגל אויף פרו־שינעס, וואָס האָבן געפּישטשעט, ווען מען האָט אָנגעדריקט אויפן ריכטיקן אָרט.

דאָס זענען די סחורות, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרויס עלאָזט איצט אין וועג אַריין, צו פאַרקויפן זיי די שאַכט־אַרבעטער אויף דער אַנדערער זייט פון די בערג. ער ווייסט נאָך פון אַראָנסענס צייט, אַז שאַכטן־אַרבעטער מיט געלט אין קעשענע קויפן אַלצדינג, וואָס מען זאָל זיי נישט געבן. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזן זעקס וויג־פערדלעך, וואָס אלישע האָט געבראַכט פון זיין לעצטער נסיעה קיין בערגען.

דער קאַראַוואַן קומט אָן אין חויף פון סעלאַנראַאַ און לאָזט דאָ אַרונטער די פּעק. לאַנג פאַרהאַלטן זיי זיך נישט; זיי טרינקען אויס צו קריגלעך מילך, מאַכן אָן אָנשטעל, אַז זיי ווילן פאַרקויפן זייער סחורה דאָ, גלייך אויפן אָרט, לאָדן זיך באַלד ווידער אָן און גייען ווייטער. זיי זענען אין וועג ניעט צוליב אָנשטעל וועגן. זיי שפּאַנען אַוועק דורכן וואַלד, אין דער ריכטונג צו דרום צו.

זיי מאַרשירן ביז מיטן טאָג, זעצן זיך צו אָפּעסן מיטאָג, און גייען ווייטער ביזן אָונט. דאַן שטעלן זיי זיך אָפּ, צעלייגן אַ פייער, און לייגן זיך שלאָפן. סיוועט שלאָפט זיצנדיק אויף אַ גלאַטן שטיין, וועלכן ער קרוינט מיטן נאָמען לענשטול. אָ, סיוועט ווייסט וואָס ער טוט; די זון האָט געוואַרימט דעם שטיין אַ גאַנצן טאָג, עס איז אַ גוט אָרט צו זיצן און שלאָפן. זיינע מיטגייער זענען נישט אַזוי קלוג און ווילן זיך נישט צוהערן צו זיין עצה; זיי לייגן זיך אַוועק אינם היידערקרויט און כאַפּן זיך אויף אין קעלט, און ניסנדיק. זיי עסן אָפּ פרישטיק און לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין.

זיי הערן זיך צו איצט, ווילן אויפכאַפּן אַ קלאַנג פון אַן אויפרייס ערגעץ אַרום; זיי האָבן הייַנט נאָך אָנצוקומען אין דער שאַכט און טרעפן זיך מיט מענטשן. די אַרבעט מוז שוין איצט גיין גאָר ווייט, אַ גוט שטיק וועג אַרויפצו פונעם וואַסער, אין דער זייט צו סעלאַנראַאַ. נאָר קיין שום קלאַנג פון אויפרייסן הערט זיך נישט. זיי מאַרשירן ביז האַלבן טאָג, נישט אָנטרעפנדיק קיין איין מענטש, נאָר וואו־נישט־וואו טרעפן זיי אָן לעכער אין דער ערד, וואו מענטשן האָבן געגראָבן אויף אַ פּראָבע. וואָס

קאָן דאָס הייסן? ס'איז מסתמא אַזוי, אַז דער באָדן איז זייער רייך מיט אַלץ, גראָבט מען ריינעם, שווערן קופּער און מען רוקט זיך זייער וויַיִיק פאָרויס.

בייטאָג טרעפן זיי אָן נאָך מער גר[illegible], נאָר אַלץ קיין איין אַרבעטער נישט. זיי מאַרשירן וויַיטער, ביז פאַרנאַכט, זיי זעען שוין דעם ים פון דער וויַיטן; זיי גייען איבער אַ ווילדעניש פון פאַרלאָזענע שאַכטן און פאַרנעמען נישט קיין איין לעבעדיקן קלאַנג. ס'איז אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך פאַר זיי; זיי מוזן זיך אָפּשטעלן און ווידער נעכטיקן אינדרויסן. זיי רעדן זיך דורך: זאָל די אַרבעט זיין אָפּגעשטעלט? זאָלן זיי זיך אומקערן צוריק? — ניין, — זאָגט אַנדרעסן.

אויף מאָרגן אינדערפרי באַווייזט זיך מיט אַמאָל אַ בלייכער, אָפּגעצערטער מאַן, וואָס קוקט אויף זיי אומצופרידן, בייז. — דאָס ביסטו, אַנדרעסן? — זאָגט דער מאַן. ס'איז אַראָנסען, דער סוחר אַראָנסען. ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין קריגל הייסער קאַווע מיט עפּעס צובאַסן, און זעצט זיך צו.

— איך האָב באַמערקט דעם רויך פון אייער פייער און בין אַרויפגעקומען זען, וואָס דאָ איז, — זאָגט ער. -- איך האָב שוין געמיינט: „נעוויס האָבן זיי צוריקגעקראָגן זייער פאַרשטאַנד און שטעלן זיך ווידער אַרבעטן", און דאָס זענט איר גאָר! וואוהין גייט איר?

— אַהער.

— וואָס טראָגט איר עס מיט זיך?

— סחורה.

— סחורה? — שרייט אַראָנסען. — געקומען אַהער פאַרקויפן סחורה? ווער זאָל זי קויפן? קיין לעבעדיקער ,מענטש איז דאָך דאָ נישטאָ. זיי זענען אַלע אַוועק פון דאַנען נאָך פאַראַכטאָגן שבת.

— אַוועק? ווער איז אַוועק?

— די גאַנצע חברה, קיין איין לעבעדיקער מענטש איז איצט נישטאָ דאָ אויפן גאַנצן שטח. און איך פאַרמאָג גענוג סחורה אַליין, אַ גאַנצע קראָם, פול אָנגעפּאַקט. איכ'ל אייך פאַרקויפן, וואָס נאָר איר באַדאַרפט.

— אָ, דער סוחר אַראָנסען איז ווידער אויף צרות! די שאַכט האָט זיך צוגעמאַכט.

זיי טרינקען אים אָן מיט קאַווע, ביז ער ווערט געלאַסענער, און דאַן פרעגן זיי אים, וואָס באַדייט דאָס אַלץ.

אַראַנסען שאָקלט פאַרצווייפלט מיטן קאָפּ. — ס'איז אומפאַרשטענדלעך, ס'איז נישטאָ קיין ווערטער פאַר דעם, — זאָגט ער. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי גוט, ער האָט פאַרקויפט סחורה און געלייזט געלט; דאָס דאָרף אַרום האָט געבליט און געגעסן דעם פיינסטן מאָלצייט, און אַ נייע שול אויסגעבויט, און הענגענדיקע לאָמפּן זיך איינגעקויפט, און שטאָטישע שיך, און אַלץ! נעמען פלוצים די לאָרדן פון דער שאַכט זיך אַריין אַ געדאַנק, אַז דער עסק לוינט זיך זיי מער נישט, און זיי שטעלן אָפּ די אַרבעט. לוינט זיך נישט? פאַרוואָס האָט זיך ביז איצט געלוינט? איז דען נישט געווען קיין ריינער קופּער נאָך יעדן אויפרייס? ס'איז פּשוטע גזלה, שווינדל, נישט עפּעס אַנדערש. — און אַפילו אויף קיין רגע זיך נישט פאַרטראַכט, וואָס דאָס באַדייט פאַר אַזאַ מענטשן, ווי איך. יאָ, איך דענק, אַז ס'איז אַזוי ווי מען זאָגט: גייסלערס האַנט שטעקט דערין; ער איז פּונקט געקומען, ווען מען האָט גענומען אָפּשטעלן די אַרבעט; ווי ער וואָלט עס געווען דערשמעקט.

— גייסלער? איז ער דען דאָ?

— וואָס דען? שיסן דאַרף מען אים. ער קומט אין איינעם אַ טאָג אַראָפּ פון דער שיף און זאָגט צום אינזשיניער:

— נו, ווי גייט עס?

— גאַנץ גוט, דאַכט זיך, — ענטפערט דער אינזשיניער.

און גייסלער פרעגט ווידער:

— גאַנץ גוט, האַ?

— יאָ, אויף ווי ווייט איך ווייס, — זאָגט דער אינזשיניער.

און תּוך כּדי דיבור ברענגט מען אַריין די פּאָסט, וואָס איז אָנגעקומען מיט דער זעלבער שיף, וואָס גייסלער, ס'קומט אָן אַ בריוו מיט אַ טעלעגראַם צום אינזשיניער, אַז דאָס געשעפט באַצאָלט זיך נישט, און ער זאָל גלייך אָפּשטעלן די אַרבעט.

די מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע קוקן זיך איבער; נאָר דער אָנפירער, אַנדרעסן, האָט נאָך אַליין נישט פאַרלוירן דעם מוט.

— איר מעגט זיך וואויל אומקערן צוריק און גיין אהיים — איז אראָנסענס עצה.

— דאָס טוען מיר נישט, — זאָגט אַנדרעסן און פּאַקט איין דאָס קאווע־טשייניקל.

אַראָנסען קוקט זיי אָן, יעדן באַזונדער און זאָגט:

— איר זענט משוגע.

נאָר אַנדרעסן — ער מאַכט זיך נישט דערפון, וואָס זיין פריערדיקער באַלעבאָס זאָגט; ער איז איצט אַליין באַלעבאָס, אָנפירער פון אַן עקספּעדיציע, וואָס איז אויסגעשטאַט אויף זיינע אייגענע הוצאות; און זיין פּרעסטיזש וואָלט געליטן, ווען ער זאָל זיך איצט אומקערן צוריק.

— וואוהין וועט איר גיין? — פרעגט אַראָנסען אויפגערייצט.

— איך ווייס נאָך נישט, — ענטפערט אַנדרעסן. נאָר ער האָט אַן אידעע אין קאָפּ, געוויס. ער טראַכט, אפשר, וועגן די דאָרטיקע דאָרפסלייט; זיי זענען דאָך דריי מענער, באַוואָפנט מיט גלעזערנע פּאַטשערקעס און פינגערלעך.

— מיר גייען ווייטער, — זאָגט ער צו די איבעריקע.

נו, אַראָנסען האָט אייגנטלעך בדעה געהאַט צו גיין אַרויפצוּנעמען פּרימאָרגן, זען, צי איז טאַקע דער גאַנצער שטח פּאַרלאָזט, צי עס איז אמת, אַז קיין איין מענטש איז מער נישט געבליבן. נאָר דאָס, וואָס די דאָזיקע חברה זענען אַזוי איינגעשפּאַרט און ווילן דווקא גיין ווייטער, האַלט אים צוריק, ער זאָגט זיי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, אַז זיי זענען משוגע. אַראָנסען איז ווילד אויפגערעגט, ער מאַרשירט אין פראַנט פונעם קאַראַוואַן, דרייט זיך אויס און שרייט אויף זיי, כעסט זיך, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשרייען זיינס אַ געביט. און אַזוי קומען זיי צו צו די ביידלעך אין צענטער פון די שאַכטן.

— ס'איז פּוסט און אומהיימלעך. דאָס רוב געצייג און מאַשינעס איז צונויפגעלייגט און צוגעדעקט, נאָר סלופּעס און ברעטער, צעבראָכענע פורן און קאַסטנס און פּעסלעך וואַלגערן זיך אין אומאָרדנונג, וואו נישט וואו הענגט אַן אויפשריפט אויף אַ טיר: אַריינגאַנג פאַרבאָטן.

— אָט זעט איר, — שרייט אַראָנסען. — וואָס האָב איך געזאָגט?

קיין לעבעדיקער מענטש איז דאָ נישטאָ און ער סטראַשעט דעם קאַראַ־וואַן — ער וועט שיקן נאָכן לענסמאַנד; יעדנפאַלס, וועט ער זיי נאָכ־גיין יעדן שריט און טריט זייערן, צי פאַ־קויפן זיי נישט פאַרווערטע זאַכן. עס קומט דערפאַר אַ פּײנע שטראָף, זיי מעגן עס געדענ־קען.

מיטאַמאָל רופט עמעצער סיווערטן. דאָס אָרט איז פאָרט נאָך נישט אינגאַנצן טויט. אָט שטייט אַ מאַן לעבן אַ ווינקל פון אַ הויז און רופט מיט דער האַנט. סיווערט גייט אַריבער מיט זיין פּאַק און זעט גלייך ווער עס איז — גייסלער.

— אָט אַ באַגעגעניש! — זאָגט גייסלער. זיין געזיכט איז רויט און פריש, נאָר זיינע אויגן קאָנען אַפּנים נישט פאַרליידן דעם שטאַרקן פרילינג-שיין, און ער טראָגט רויכיק־ברוינע אויגנגלעזער. ער רעדט מונטער-לעבעדיק ווי אַלעמאָל. — אַ גליקלעכער צוזאַמענטרעף, — זאָגט ער. — ס'וועט מיר איינשפּאָרן דעם גאַנצן וועג אַראָפּ צו סעלאַנראַא, און איך האָב אַ וועלט מיט זאַכן צו באַזאָרגן. וויפיל תּושבים זענען שוין פאַראַן איצט אין אייער געגנט?

— צען.

— צען נייע נחלות. דאָס געפעלט מיר. איך בין צופרידן. דאָס לאַנד דאַרף אָבער האָבן צוויי און דרייסיק טויזנט אַזעלכע מענער ווי דיין פאָטער. יאָ, דאָס איז עס, וואָס איך זאָג; איך האָב דאָס אַלץ אויס־גערעכנט.

— סיווערט, גייסטו מיט אונז? — רופט מען פון קאַראַוואַן
גייסלער הערט עס און רופט צוריק הויך:

— ניין.

— איכל אָנקומען שפּעטער, — זאָגט סיווערט און לאָזט אַרונ־טער זיין פּאַק.

די צוויי מענער זעצן זיך אַוועק און שמועסן. גייסלער איז גוט געשטימט היינט, און ער רעדט די גאַנצע צייט, אָפּרוּענדיק זיך נאָר, ווען סיווערט זאָגט אַרויס אַ וואָרט פאַר אָן ענטפער אָדער צושטימונג, און רעדט ווייטער. — אַ באמת מזלדיקער עסק, כ'קאָן זיך נישט אָפּ־האַלטן פון נישט זאָגן עס. אַלצדינג האָט זיך אויסגעדרייט אַזוי, ווי איך האָב געוואָלט, אין יעדן פּרט, און איצט האָב איך אָנגעטראָפן דיך דאָ

און איינגעשפּאַרט זיך דעם וועג צו סעלאַנראַ. אַלע זענען געזונט אין דער היים?

— אַלע געזונט, אַ ליבן דאַנק אייך.

— שוין פאַרענדיקט דעם היי־בוידעם אויף דער קי־שטאַל?

— יאָ, שוין פאַרענדיקט.

— און איך האָב אַזוי פיל זאַכן צו באַזאָרגן, ס'איז כמעט אַריבער די כּוחות. און וואָס זאָגסטו צו דעם אָרט, ליבער סיווערט? אַ חרובע שטאָט. מענטשן האָבן זי געבויט אָן שום אויסרעכענונג. דעם אמת געזאָגט, איז עס מיין שולד, איך בין גראָד געווען איינער פון די פאַרמיטלער אין אָט דער קאָמעדיע, וואָס דער שיקזאַל האָט אָפּגעשפּילט. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס דיין פאָטער האָט געפונען עטלעכע שטיקלעך שטיין אין די בערג און זיי דיר געגעבן צו שפּילן זיך, ווען דו ביסט געווען אַ קינד נאָך. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די שטיינער זענען ווערט פונקט אַזוי פיל, וויפיל מענטשן וועלן פאַר זיי געבן; איך האָב זיי אָפּגעשאַצט און זיי געקויפט. פון דאַן אָן זענען די שטיינער געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און רואינירט יעדן איינעם. ס'איז אַוועק אַ צייט. און איצט, מיט עטלעכע טעג צוריק, בין איך ווי־דער געקומען אַהער, און נאָך וואָס, מיינסטו? כּדי ווידער אָפּקויפן די שטיינער.

גייסלער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און קוקט אויף סיווערטן. דער־נאָך גיט ער פּלוצים אַ קוק אויפן זאַק און פרעגט: — וואָס טראָגסטו דאָרט?

— סחורה, — זאָגט סיווערט. — מיר טראָגן זיך אַראָפּ אין דאָרף אַריין.

גייסלער ווייזט נישט אויס צו זיין פאַראינטערעסירט אינעם ענטפער; ער האָט אים וואַרשיינלעך גאָרנישט געהערט. ער רעדט ווי־טער.

— אָפּקויפן זיי צוריק — יאָ. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געלאָזט מיין זון דורכפירן דעם עסק, ער האָט זיי דעמאָלט פאַרקויפט. ער איז אַ יונגערמאַן אין דיין עלטער, און נישט מער. ער איז דער בליץ אין דער פאַמיליע, בשעת איך בין דער נעפּל, איך געהער צו די וואָס ווייסן יואָס צו טון, נאָר טוען עס נישט. ער איז דער בליץ, ער האָט זיך

באַצייט ס געגומען צו דינען דער אינדוסטריע. ער האָט עס פאַרקויפט אין מיין נאָמען דאָס לעצטע מאָל. איך בין — עפעס, און ער — גאָרנישט; בלויז אַ בליץ; פלינק צו האַנדלען; אַ מאָדערנער טיפּ. דער בליץ אַליין איז אָבער אומפּרוכטבאַר. אָט נעם דעם עולם אין סעלאַנראַאַ; איר האָט פאַר זיך בלויע בערג-שפּיצן; דאָס זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע ער-פינדונגען. די אַלטע בערג שטייען פון קדמונים אָן — און זיי זענען אייערע פריינט. איר זענט באַהעפט מיט הימל און ערד, איינס מיט זיי, איר ברויכט נישט קיין שווערד אין האַנט, איר גייט דורך דאָס לעבן מיט אַ הוילן קאָפּ און באָרוועס, אין שטענדיקער ליבשאַפט. די נאַטור איז מיט דיר און מיט דייניקע, הנאה צו האָבן פון איר. מענטש און נאַטור פירן נישט קיין מלחמה צווישן זיך, נאָר לעבן אין פרידן; זיי פירן נישט קיין וועט-קאַמף, יאָגן זיך נישט איינער קעגן צווייטן, נאָר גייען ביינאַנד. אַזוי לעבט איר, סעלאַנראַאַ-לייט, און זענט מצליח. פעלד און וואַלד, זומפּן און לאָנקעס, און הימל און שטערן — דאָס אַלץ איז נישט אָרים און שפּאָרעוודיק, נאָר אָן אַ מאָס! הער מיך, ס׳ווערט: זיי צופרידן מיט דיין גורל! איר האָט אַלצדינג צום לעבן, און צוליב וואָס צו לעבן; איר וועט געבוירן און אויפשטעלן נייע דורות, איר זענט נייטיק אויף דער ערד. נישט אַלע זענען עס אַזוי ווי איר, איר אָבער זענט עס: בויטוועבדיק אויף דער ערד. איר האַלט אויף דאָס לעבן, פון דור צו דור; ווען איין דור שטאַרבט, קומט אַ צווייטער נאָך אים. דאָס איז דער זין פונם אייביקן לעבן. וואָס האָט איר פון דעם? אַ לעבן אין יושר און גערעכטיקייט, מיט אַן אויפריכטיקער באַציונג צו אַלץ אַרום. וואָס נאָך האָט איר פון דעם? איר ווייסט נישט פון קיין שום יאָך, איר סעלאַנראַאַ-לייט, איר לעבט אין רו און אין מאַכט און זענט אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער פריינטשאַפט. אָט דאָס האָט איר. איר ליגט לעבן אַ מאַמעס ברוסט און זויגט, און שפּילט אייך מיט אַ מאַמעס וואַרימער האַנט. איך טראַכט וועגן דיין פאָטער, ער איז איי-נער פון די צוויי און דרייסיק טויזנט. וואָס קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַ סך אַנדערע? איך בין נאָך עפּעס, איך בין דער נעפּל, אָט בין איך דאָ, אָט בין איך דאָרטן, איך שוועב אום. אַמאָל בין איך דער רעגן אויף אַ פאַרטריקנטן שניט. אָבער די אַנדערע? אָט מיין זון, דער בליץ, וואָס איז אַליין פאַר זיך גאָרנישט, אַ אומנוציקער גלאַנץ — ער קאָן נסחר

טרייבן. מיין זון איז דער מאָדערנער טיפּ, אַ מאַן פון אונזער צייט; ער גלייבט אויפריכטיק אין אַלץ, וואָס זיין דור האָט אים געלערנט, אין אַלץ, וואָס דער ייד און דער יענקי האָבן אים געלערנט; איך שאָקל מיטן קאָפּ בלויז צו דעם אַלעם. אין מיר שטעקט נישט קיין שום סוד — בלויז, וואָס אין מיין פאַמיליע בין איך, אַזוי צו זאָגן, דער נעפל. כ'זיץ און שאָקל מיטן קאָפּ. דעם אמת געזאָגט — באַזיץ איך נישט דעם כוח אויף צו טון זאַכן און נישט חרטה האָבן; ווען נישט דאָס, וואָלט איך אַליין געווען דער בליץ. און אַזוי בין איך דער נעפל.

פלוצים דערמאַנט זיך, ווייזט אויס, גייסלער אָן עפּעס און פרעגט: — האָט איר שוין פאַרענדיקט דעם היי-בוידעם אויף דער קי-שטאַל?

— יאָ, שוין פאַרענדיקט. און דער פאָטער האָט אויסגעבויט אַ ניי הויז.

— אַ ניי הויז?

— אין פאַל עמעצער קומט אַמאָל, זאָגט ער, — טאָמער קומט אַמאָל גייסלער.

גייסלער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט:

— נו, אויב אַזוי וועל איך קומען, געוויס קומען. קאָנסט עס זאָגן דיין פאָטער. איך האָב אָבער אַ וועלט מיט זאַכן צו באַזאָרגן. איך בין אַרויפגעקומען אַהער און געזאָגט דעם אינזשיניער ער זאָל לאָזן ווי זיין ווירע באַלעבאַטים אין שוועדן, אַז איך בין גרייט צו קויפן. און מיר'ן זען, וואָס ס'וועט זיין. מיר איז אַלץ איינס. איך האָב זיך נישט וואָס צו איילן, האָסט באַדאַרפט אָנקוקן דעם אינזשיניער! ער איז דאָ אומגעגאַנגען און געפירט די אונטערנעמונג, מיט מענטשן, פערד, געלט און מאַשינען און מיט אַ היפּש ביסל ליאַרם. געדענקט, אַז אַלץ איז גוט, גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן. וואָס מער שטיינער ער קאָן אויסבייטן אויף געלט, אַלץ בעסער; ער טוט אַ וויכטיקע אַרבעט, ער ברענגט אַריין געלט דער געגנט, דעם לאַנד; דער אונטערגאַנג רוקט זיך אַלץ נענטער אָן, און ער מערקט עס אפילו נישט. וואָרום נישט קיין געלט דאַרף דאָס לאַנד האָבן, דאָס האָט עס שוין מער ווי גענוג. אַזעלכע מענער ווי דיין פאָטער, אָט וואָס דאָס לאַנד באַדאַרף. ווען מען דערמאַנט זיך נאָר, אַז זיי מאַכן פון אַ מיטל אַ זעלבסטצוועק — און זענען

נאָך שטאָלץ דערויף, זיי זענען משוגע, קראַנק. זיי אַרבעטן נישט, זיי ווייסן גאָרנישט וועגן אַקער, זיי קאָנען נאָר שפּילן. זיי שטעלן, — דאַכט זיך, אַלץ אין קאָן — איז דאָס גאָר קיין פאַרדינסט נישט? דער פעלער איז אָבער, וואָס אָט דאָס אַזאַרט־שפּילן איז נישט קיין קוראַזש, נישט קיין סימן פון מוט, נאָר בלויז פון שרעק. ווייסטו וואָס אַזאַרט־שפּילן איז? ס'איז די אַנגסט, וואָס באַדעקט מיט שווייס דעם שטערן, אָט דאָס איז עס. זייער פעלער איז, וואָס זיי ווילן נישט גיין האַנט אין האַנט מיטן לעבן, נאָר זיי ווילן גיין שנעלער פאַרן לעבן, זיי יאָגן זיך, רייסן זיך פאָרויס, און שלאָגן זיך אַליין אַריין אינם לעבן ווי קלינעס. און דאַן כאַפּן זיי זיך ביי די זייטן: — גענוג, האַלט, עפּעס ברעכט זיך, מען מוז זוכן אַ רפואה! און דאַן צעדריקט זיי דאָס לעבן, אויף אַ העפּ־לעכן נאָר אַנטשלאָסענעם אופן. אין עס הייבן זיך אָן די קלאָגן אויפן לעבן, דאָס צאָרענען קעגן לעבן! יעדער נאָך זיין געשמאַק נאָך; אַ סך האָבן אַ גרונט צו באַקלאָגן זיך, אַנדערע נישט, אָבער קיינער דאַרף נישט בייז זיין אויפן לעבן. נישט בייז און שטרענג דאַרף מען משפּטן דאָס לעבן, נאָר מיט מיטלייד און באַרמהאַרציקייט: דערמאָן זיך נאָר, ווער עס זענען די פּאַרטנערן, וואָס דאָס לעבן מוז מיט זיי פירן דאָס שפּילן!

גייסלער דערמאַנט זיך נאָכאַמאָל אָן עפּעס און זאָגט:

— מילא, זאָל זיין ווי עס וויל זיך; זאָל זיין! — ער איז שוין אָפּנים מיד, און אָטעמט שווער. — ווילסט גיין אַראָפּ? — פרעגט ער.

— יאָ.

— ס'איז נישטאָ וואָס צו איילן זיך. דו ביסט מיר נאָך שולדיק אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די בערג, סיווערט פריינט, געדענקסט עס? איך געדענק אַלץ. איך געדענק נאָך די צייט, ווען איך בין אַלט געווען אַנדערטהאַלבן יאָר; כ'בין געשטאַנען אַמאָל אָנגעשפּאַרט אויפן שייער־בריק אין גאַרמאָ, און דערפילט אַ ריח. איך פיל איצט נאָך דעם דאָ־זיקן ריח. נאָר לאָמיר דאָס לאָזן; מיר וואָלטן געקאָנט מאַכן דעם שפּאַ־ציר איבער די בערג איצט, ווען דו וואָלסט נישט געהאַט דעם פּאַק מיט זיך. וואָס האָסטו אין אים?

— סחורה. אַנדרעסי וויל זי פאַרקויפן.

— נו, גוט, איך בין דאָך אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס צו טון; נאָר טוט עס נישט, — זאָגט גייסלער. — איך בין דער נעפּל. איצט אפֿשר וועל איך אָפּקויפֿן צוריק די שאַכט די טעג, ס'איז נישט אוממעגלעך; נאָר אויב איך טו עס, וועט עס נישט זיין צוליב אַרומגיין און קוקן אַרויף צום הימל און זאָגן „לופֿט־באַן! דרום אַמעריקע!" ניין, זאָלן זיך מיט דעם פֿאַרנעמען די אַזאַרט־שפּילער. די היגע לייט זאָגן, אַז איך מוז זיין דער טייוול אַליין, ווייל איך האָב געוואוסט פֿריִער, אַז ס'וועט קומען אַ קראַך. נאָר אין דער אמתן איז עס זייער איינפֿאַך: די נייע קופּער־שאַכטעס אין מאָנטאַנאַ. די יענקיס זענען כיטרער פֿאַר אונז ביים שפּיל; זיי שלאָגן אונז מיט זייער קאָנקורענץ פֿון דרום־אַמעריקע — אונזער היגער אַרץ איז צו געמיין. מיין זון איז דער בליץ; ער האָט זיך דערוואוסט די נייעס, און איך בין געקומען צו שוועבן אַהער. פּשוט, ניין? איך האָב בלויז אויף אַ פּאָר שעה אַריבערגעיאָגט די שוועדישע הערן. דאָס איז אַלץ.

גייסלערן פֿעלט ווידער אויס אָטעם; ער שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— אויב דו גייסט אַראָפּ, לאָמיר גיין.

זיי גייען אַראָפּ צוזאַמען. גייסלער שלעפּט זיך פֿון הינטן, איינגאַנצן אַ פֿאַרמאַטערטער. דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן האַפֿן, און פֿרעדריק שטרעם, מונטער ווי אַלעמאָל, טרייבט ליצנות מיט אַראָנסענען:

— דער גאַנצער טאַבאַק איז מיר אויסגעגאַנגען, איר האָט עפּעס טאַבאַק, וואָס?

— איכל דיר געבן טאַבאַק, — זאָגט אַראָנסען מיט אַ געבייזער.

פֿרעדריק לאַכט און זאָגט:

— נו, זייט נישט אַזוי פֿאַרביטערט און בייז! מיר גייען בלויז פֿאַרקויפֿן די אַלטע זאַכן אָט דאָ פֿאַר אייערע אויגן, און דערנאָך קערן מיר זיך אום צוריק אַ היים.

— אַוועק פֿון דאַנעט, מאַך צו דיין בלאָטיק מויל, — זאָגט אַראָנסען ווילד אויפֿגערייצט.

— כאַ-כאַ-כאַ! ניין, איר זאָלט נישט אַזוי אַרומלויפן אויפגערעגט, זייט רויִק, ווי אַ לאַנדשאַפט!

גייסלער איז מיד, פאַרמאַטערט, אַפילו די רויכיק-ברוינע אויגנגלעזער העלפן אים נישט איצט, זיינע אויגן פאַרמאַכן זיך קעגן דער פריִלינג-שיין.

— זיי געזונט, ליבער סיווערט, — זאָגט ער פלוצלינג. — ניין, איך קאָן פאָרט נישט אַרויסגיין קיין סעלאַ-ראַאַ דאָס מאָל; זאָג עס דיין פאָטער. כ'האָב אַ באַרג מיט זאַכן צו באַזאָרגן. נאָר איכל קומען אַן אַנדערש מאָל — זאָג דאָס אים...

אַראָנסען שפּייט אויס און זאָגט:

— שיסן דאַרף מען אים!

דריי טעג צייט טראָגט אַרום דער קאַראַוואַן זיין סחורה איבער די הייזער, אויסליידיקנדיק די זעק און ליידנדיק גוט געלט. ס'איז געווען אַ גאָלדן געשעפט. די דאָרפס-לייט זענען נאָך געווען גוט פאַרגעגרייט מיט געלט, נישט געקוקט אויפן קראַך פון דער שאַכט, און זיי האָבן זיך ווי געפּייסט עס אויסצוגעבן. די געשטאָפּטע פייגל אויף ספרוזשינעס זענען געווען פונקט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט; זיי האָבן זיי אויסגעשטעלט אויף קאָמאָדן אין די זאַלן, און נאָך געקויפט פיינע פּאַפּיר-מעסערס אויף אויסצושניידן די בלעטער פון אַ לוח. אַראָנסען איז געווען ווילד פון צאָרן: — גלייך ווי איך וואָלט נישט געהאַט פונקט אַזעלכע גוטע זאַכן אין מיין קראָם!

דער סוחר אַראָנסען איז געווען אין אַ צרהדיקער לאַגע; ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נאָכצוגיין די פּעדלער מיט זייערע זעק און צו היטן זיי די גאַנצע צייט; זיי זענען אָבער געגאַנגען נישט אַלע צוזאַמען, נאָר יעדער איינער באַזונדער, און אַראָנסען האָט זיך שוער נישט צעריסן אויף שטיקער, ווילנדיק אַלעמען נאָכגיין מיט אַמאָל. צוערשט האָט ער רעזיגנירט פון פרעדריק שטרעמען, וועלכער איז געווען דער שנעלסטער אויף צו זאָגן אומאָנגענעמע זאַכן; דערנאָך פון סיווערטן, ווייל דער האָט קיינמאָל נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר שווייגנדיק געהאַלטן אין איין פאַרקויפן. אַראָנסען האָט געהאַלטן אין נאָכגיין זיין פריִערדיקן אָנגעשטעלטן, און געפרווט אָנרעדן די דאָרפסלייט קעגן אים, וואו נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען. אָ, נאָר אַנדרעסן האָט געקאָנט זיין פריִערדיקן

בעל־הבית, אַז ער א'ז גאָר אַ קנאַפּער מבין אויף סחורה און אויף אומ־געזעצלעכע אַרטיקלען.

— האָ, מיינסט מיר צו זאָגן, אַז ענגלישער פּאָדים איז נישט פאַרבאָטן? — זאָגט אַראַנסען, מיט אַן אָנשטעל פון אַ געניטן סוחר.

— איך ווייס דאָס, — ענטפערט אַנדרעסען. נאָר איך טראָג אים נישט מיט זיך דאָ; דאָס קאָן איך פאַרקויפן ערגעץ אַנדערש־וואו; כ'האָב קיין איין שפּילקע נישט אין מיין פּאַק: איר קאָנט זען, אויב איר ווילט.

— דאָס קאָן זיין, — ענטפערט אַראַנסען. — יעדנפאַלס ווייס איך, וואָס איז פאַרבאָטן און וואָס נישט, וועסט מיך נישט אונטער־פירן.

אַ טאָג אַ גאַנצן האָט אַראַנסען אויסגעהאַלטן, אָבער מער נישט. ער האָט געלאָזן צורו אויף אַנדרעסענען, און איז אַוועק אַהיים. די פּעדלער זענען פּטור געוואָרן פון דער אויפזיכט.

און דאַן איז דער האַנדל אַוועק אויסגעצייכנט. ס'איז געווען דאַ־מאָלס אין דער מאָדע, אַז פרויען פלעגן טראָגן האָר־בענדער, און אַנ־דרעסען איז געווען אַ בריה אויף צו פאַרקויפן אָט די האָר־בענדער. פאַר אַ נויט האָט ער געקאָנט פאַרזאָרגן שוואַרצע מיידלעך מיט העלע בענ־דער, און נאָך אויסדריקן פּאַרדרוס, פאַרוואָס ער האָט נישט נאָך העלערע.

יעדן אָוונט האָבן זיך די דריי פּעדלער געטראָפן אויף אַן אָפּגע־רעדט פון פריִער אָרט און איבערגערעכנט דעם טאָג־פּדיון. איינער האָט אויסגעבאָרגט דעם צווייטן דאָס, וואָס יענער האָט שוין געהאַט אויספאַר־קויפט; און אַנדרעסן האָט אָפט אַרויסגענומען אַ פּייל און אויסגעפּיילט אַ דייטשן פירמע־צייכן אויף אַ יאַגד־ביקסל, אָדער אָפּגעריבן די אויפ־שריפט „פּאַבער" פון די בלייפעדערס. אַנדרעסן איז געווען אַ יונג אַ מזיק!

אין סיווערטן אָבער איז אַנדרעסן געווען אַנטוישט. נישט חלילה וואָס ער איז געווען נאַכלעסיק אָדער ווייניק פּדיון געמאַכט — אדרבה, ער האָט געלייזט מער פאַר אַלע — נאָר ער האָט נישט בענומען קיין גוטע פרייזן פאַר דער סחורה.

— דו לייגסט אַריין צו ווינציק רייד, — האָט אַנדרעסן געזאָגט.

ניין, סיוועַרט האָט זיך נישט געטויגט דאָרטן, וואו מען האָט געדאַרפט אַוועקלייגן אַ סך רייד; ער איז געווען אַ פויער, קאַרג אויפן וואָרט און געלאַסן. וואָס איז דאָרטן דאָ לאַנג צו רעדן? אַחוץ דעם האָט סיווערט געוואָלט פאַרטיק ווערן ביז זונטיק און גיין צוריק אַהיים, ס׳וואַרט דאָרט גענוג אַרבעט אויף די פעלדער.

— עס ציט אים צו יאַנסינאַן, — האָט פרעדריק שטרעם זיך אָנגערופן. פרעדריק אַליין, אַגב, האָט אויך געהאַט באַשטעלטע אַרבעט אויף יענעם פרילינג, און געהאַט ווייניק צייט צו פאַרלירן; נאָר פונדעסטוועגן מוז ער נאָכאַמאָל אָפּטרעטן ביי אַראָנסענען דעם לעצטן טאָג און זיך אַ ביסל אויסטענהן מיט אים. — איכ׳ל אים פאַרקויפן די ליידיקע זעק, — זאָגט ער.

אַנדרעסן און סיווערט האָבן געוואָרט אינדרויסן, בשעת ער איז אַריינגעגאַנגען. זיי האָבן געהערט אַ הויכן שמועס פון אינעווייניק, פון קראָם, דערנאָך האָט אַראָנסען אַ עפן געטון ברייט די טיר און געהייסן זיין גאַסט אַרויסגיין; אָ, נאָר פרעדריק איז נישט אַרויסגעקומען — ניין, ער האָט זיך גענומען צייט, און גערעדט נאָך אַ ביסל. דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן געהערט פון דרויסן איז געווען, וואָס פרעדריק האָט געפרווט פאַרקויפן אַראָנסענען אַ ביסל וויג-פערדלעך.

דאָן האָט דער קאַראַוואַן זיך געלאָזט צוריק אַהיים — דריי יונגען פול מיט לעבן און געזונט. זיי האָבן מאַרשירט און געזונגען, געשלאָפן עטלעכע שעה, און ווייטער געגאַנגען. ווען זיי זענען צוגעקומען צו סעלאַנראַא מאַנטיק, האָט יצחק שוין געהאַט אָנגעהויבן זייען. דאָס וועטער איז געווען גוט; די לופט פייכט, די זון שיינט אויף אַלע ווילדע, און אַ ריזיקער רעגנבויגן איז געווען פאַרוואָרפן איבערן הימל.

דער קאַראַוואַן האָט זיך אויפגעלייזט: — זיי געזונט — זיי געזונט. . .

יצחק שפּאַנט איבערן פעלד און זייעט, געזונט און קרעפטיק ווי אַ בוימשטאַם. קליידער טראָגט ער היימישע — די וואָל איז פון זיינע שאָף, די שיך — פון די פעלן פון זיינע קי און קעלבער. ער זייעט — און ער

גייט לויטן פרומען מנהג מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ ביי דער אַרבעט; זיין קאָפּ איז אין מיטן הויל, אָבער אַרום און אַרום געדיכט באַוואַקסן; די האָר און די באָרד זענען ווי אַ קראַנץ אַרום זיין פּנים. ס'איז יצחק דער מאַרקגראַף.

ער האָט זעלטן ווען געוואוסט וואָסער טאָג אין חודש ס'איז — צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? וועקסלען צו צאָלן האָט ער נישט געהאַט. די צייכנס אויף זיין לוח זענען געווען אָנצווייזן די צייט, ווען יעדע קו דאַרף זיך קעלבן. דערפאַר האָט ער געוואוסט, אַז היי מוז מען צונויף נעמען ביז צום טאָג פונם הייליקן אַלאַף אין האַרבסט, און ער האָט געוואוסט, ווען דער פי-מאַרק איז אין פרילינג, און אַז דריי וואָכן שפּעטער קומען די בערן אַרויס פון זייערע ווינטערדיקע נאָרעס; די גאַנצע זריעה מוז צו יענער צייט שוין זיין אין דער ערד. אַלץ וואָס איז נייטיק האָט ער געוואוסט.

ער איז אַ פויער מיט גוף און גייסט; אַן ערד-אַרבעטער פון קאָפּ ביז די פיס. אַ געשטאַלט, ווי אויפגעוואַקסט פון טיפן עבר און אַן אָנזאָג פאַר דער צוקונפט; אַ מאַן פון די פריִעסטע צייטן פון ערד-אַרבעט, אַ תּושב פון אַ ווילדעניש, ניין הונדערט יאָר אַלט, און, צוגלייך, אַ מאַן פון אונזער צייט.

ניין, ס'איז אים גאָרנישט פאַרבליבן איצט פון דער קופּער-שאַכט — דאָס געלט איז אַוועק מיטן ווינט. און ווער האָט דען יאָ געהאַט עפּעס פון יענע גאַנצע עשירות, אַז די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט און די בערג זענען געלעגן טויט און פאַרלאָזט? אָבער דאָס זומפּ-לאַנד איז נאָך אַלץ דאָ — גרייט אויפצונעמען נייע הונדערטער ישובניקעס.

גאָרנישט וואַקסט דאָרטן? אָ, ניין, אַלצדינג וואַקסט דאָרטן; מענטשן און חיות און פרוכט פון דער ערד. יצחק זייעט קאָרן. אָונט-שיין פאַלט אויף דער זריעה, יצחק שפּרייט זי ווי אַ בויגן פון זיין האַנט, און זי פאַלט ווי גאָלד-רעגן אויף דער ערד. אָט קומט סיווערט אָן צום בראָנעווען; נאָך דעם קומט דער ראָלער און דערנאָך די בראָנע ווידער. וואַלד און פעלד שטייען און קוקן זיך צו. אַלץ איז ווירדיק און קרעפטיק — באַהעפט אין איין ציל.

קלינג... לינג... זינגען די קי-גלעקער ווייט אַרויפצו אויפן

באַרג; די פי קומט אַלץ נענטער און נענטער, אַהיים אויף ביינאַכט. פופצען קי און פינף און פערציק שאָף און ציגן — אינגאַנצן זעכציק שטיק פי. קומען אַרויס די פרויען מיט זייערע מילך-עמער, געטראָגן איבער די אַקסלען; לעאָפּאָלדינאַ, יאַנסינאַ און די קליינע רעבעקאַ; אַלע דריי באָרוועס. די מאַרקגרעפין, אינגער אַליין, איז נישט מיט זיי; זי איז אין שטוב און קאָכט אויף אָוונטברויט. מיט פראַכט און רחבות גייט זי איבערן הויז, — אַ וועסטאַלקע, וואָס וואַכט איבערן פייער אויף איר מזבח. אינגער האָט אַמאָל דורכגעמאַכט אַ שטורמדיקע רייזע, זי האָט אַ צייט געלעבט אין שטאָט, איצט איז זי ווידער אינדערהיים; די וועלט איז גרויס, ווימלט מיט קליינע פינטעלעך — אינגער איז געווען איינס פון זיי; צווישן אַלע האָט זי זיך גאָרנישט אָנגעזעי

און עס ווערט אָוונט.

סוף

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע.

שלום אש

אין 18 בענדער

1 אַ שטעטל, ר' שלמה נגיד
2 בילדער און הומאָרעסקן
3 הימל און ערד
4 אַמעריקע
5 צוויי וועלטן
6 דאס בוך פון צער
7 ארץ־ישראל
8 מערי
9 דער וועג צו זיך
10 אָנקעל מאָזעס
11 מאָטקע גנב
12 כשופמאכערן פון קאַסטיליע, קידוש־השם
13 נייע דערציילונגען
14 די מוטער
15 ביבלישע מאָטיוון
16 סאָציאַלע דראַמען
17 נאַציאָנאַלע דראַמען
18 די יורשים, מיטן שטראָם, דער זינדיקער
אום ווינטער, מאַראַנען

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע.

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע.

י. אפאטאשו

אין פוילישע וועלדער

אונטערוועלט

א ראמאן פון א פערד־גנב

ראסע

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע.

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע.

ה. לייוויק

:: דער גולם ::

אין קיינעמס לאנד

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע.

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע.

י. י. זינגער

פערל און אנדערע דערציילונגען

ערדוויי (דראמע)

מ נ ח ם

זאוול רימער

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע.